STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08565

# FRAYHAYT

John Stuart Mill

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דזשאהן סטואַרט מילל

די אינטערנאציאנאלע ביבליאָטהעק.

# פרייהייט

פון

## דזשאהן סטוארט מילל.

איבערזעצט אויס דעם ענגלישען אָריגינאל,
מיט א ביאָגראפיע פון פערפאסער

פון דר. י. א. מעריסאָן.

מיט אן הקדמה פון דר. ח. זשיטלאָווסקי.

---

ארויסגעגעבען פון
א. מ. יעוואלענקא
ניו יאָרק.

*Copyright, 1909,*
By A. M. Evalenko, Publisher.

דער גרויסער הויפּט־פּרינציפּ — דער צענטראַל־פּונקט וואוהין עס לויפען זיך צו־נויף אַלע אַרגומענטען, וואס זיינען אויפ־געוויזען געוואָרען אין די בלעטער — איז דער געדאַנק, אז פאר דער מענשליכער ענט־וויקלונג איז אַבסאָלוט וויכטיג זי זאָל זיך אויסדריקען אין דער רייכסטער פערשיע־דענאַרטיגקייט.

ווילהעלם פאָן הומבאָלדט:

„גרענצען דער ווירקזאַמקייט דעם שטאַאטעס".

# אינהאלטס־פערצייכניס.

הקדמה, — דר. ח. זשיטלאָווסקי . . . . . . . . . . . . . . . . . . 5
אַ ביאָגראַפישע סקיצע פון דזשאהן סטוארט מילל —
דר. י. א. מעריסאָן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 19

---

## ערסטער קאַפּיטעל

אַלס איינלייטונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 65

## צווייטער קאַפּיטעל

די פרייהייט פון געדאַנק און דיסקוסיאָן . . . . . . . . . . . . . . . 88

## דריטער קאַפּיטעל

די אינדיווידואַליטעט אַלס איינער פון די עלעמענטען
פון מענשליכען וואהלזיין . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 154

## פיערטער קאַפּיטעל

די בעגרעניצונג פון דער געזעלשאַפט׳ס אויטאָריטעט איבער׳ן יחיד 187

## פינפטער קאַפּיטעל

די אַנווענדונגען . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 220

# הקדמה

## I

„וועגען א גוטער יודישער איבערזעצונג פון א גוטען אייראָפּעאישען בוך“, — אזוי וואָלט איך געוועלט א נאָמען געבען מיין הקדמה. וואָרים מילל'ס בוך שטעהט כמעט אין אלע זיינע טיילען אויף דער הויך פון דעם איצטיגען פרייען געדאנק, און דר. מעריסאָן'ס איבערזעצונג שטעהט אויף דער הויך פון דעם בוך אליין. און ניט נור אויף דער הויך פון דעם בוך און פון די געדאנקען, וועלכע עס לערנט דעם עולם, נור אויך, כמעט אומעדום, אויף דער הויך פון אונזער יודישער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אריבערגעטראגען כמעט וואָרט פאר וואָרט, די מיינונגען פון דעם אייראָפּעאישען דענקער.

דר. מעריסאָן'ס ארבייט דריקט אויס אין איהר פאָרם א נייעם בליק אויף די ציעלען, וועלכע די ערנסטע יודישע ליטעראַטור דארף האָבען פאר איהרע אויגען. ביז אהער האָבען דאָס רוב יודישע מחברים געקוקט אויף יודיש, ווי אויף אן איבערגאנגס־שפּראַך. פעסט און זיכער האָבען זיי געגלויבט, אז דער איינציגער וועג צו מאכען פון יודען מענשען איז — ארויסצורייסען זיי פון זייער יודישקייט און פון זייער שפּראַך, און וואָס גיכער צו פיהרען זיי צו די קוואלען פון דער אלגעמיין־מענשליכער בילדונג, וואָס זיינען אויסגעגראָבען געווארען פון די איצטיגע געבילדעטע נאציאָנען און וואָס פליסען און בעוועסערען זייערע אייגענע פעלדער. בעארבייטען אן אייגען יודיש פעלד, גראָבען און מאכען שפּריצען אייגענע קוואלען פון אלגעמיין־מענשליכער בילדונג, — דאָס האָט מען בעטראכט, ניט נור פאר א

זאך, וואָס איז לחלוטין איבעריג, נור אויף פאר א גרויסע זינד אנטקעגען דער מענשהייט גופא. „דאָס יודישע פאָלק און די יודישע שפּראַך מוזען פערשווינדען“, — דאָס איז געווען א כלל גדול, אין וועלכען יעדער געבילדעטער יוד האָט געמוזט גלויבען. היות אָבער, ווי עס איז נויטיג צו געווינען דאָס פאָלק פאר די איצטיגע אלגעמיין־מענשליכע אידעאלען, און היות ווי דאָס פאָלק פערשטעהט נעבאך קיין אנדער שפּראַך ניט א חוץ יודיש, איז מען געצוואונגען על פי נויט רעדען צו איהם דערוויילע אין זיין אייגענעם „הויקערדיגען זשארגאָן“, ביז עס וועט זיך אויס־לערנען אן אנדער מענשליכע שפּראַך און וועט זיין ביכולת צו שטילען פון די פרעמדע קוואלען זיין דורשט נאָך וויסענשאפט און בילדונג.

די יודישע ערנסטע ליטעראטור האָט דעריבער געמוזט קוקען אויף זיך ניט אנדערס ווי אויף א דרדקי־ליטעראטור, און די מחברים האָבען געמוזט פאָרקומען אין זייערע אייגענע אויגען ניט אנדערס ווי דרדקי־מלמדים. אויסלערנען דעם „אלף־בית“ און דאָס „שעפּטשען“ פון דעם פרייען געדאנק, און אויפמונטערן איהם אוועקצוגעהן צו די העכערע מלמדים פון די געבילדעטע פעלקער — דאָס איז געווען דאָס איינציגע ציעל פון אונזער פּאָפּולער־וויסענשאפטליכער ליטעראטור. דעריבער האָט זי ניט פערלאנגט קיין טיעפערע און ערנסטערע וויסענשאפטליכע ארבייט. דרדקי מלמדים און „בעהעלפערס“, וועמעס גאנצע קענטניס איז דאָס רוב בעשטאנען אין קענען אויסוועניג דעם אפּיקורסישען „מודה אני“, זיינען געווען די בעלי־בתים אויף דעם יודען'ס הארץ און דעם יודען'ס מוח; און דער פּועל יוצא איז געווען, אז דאָס הארץ און דער מוח האָבען געמוזט ווערען פון טאָג צו טאָג אלץ לעדיגער און לעדיגער. די דרדקי־מלמדים אליין האָט שוין אויך דערעסען טאָג אויס, טאָג איין ארייננצוגעהן אין התפּעלות פון דעם געדאנק, אז קיין גאָט איז ניטאָ, אז עס איז אלץ גשמיות; יאָהר אויס, יאָהר איין ברענען אין התלהבות פון דער טיעפער חכמה, אז מען מעג רויכערן אום שבת, אז אייגענטום איז גנבה, און אז משיח וועט

בשום אופן ניט קומען. די געמאכטע התפעלות, די געקינצעלטע התלהבות רופען שוין איצטער ארוים חלשות ביי דעם עולם, און אפשר ביי די שרייבער אליין אויך. דער סוד דערפון איז, וואס אונזערע דרדקי־מלמדים האבען געהאט א טעות אין חשבון. דאס פאלק איז ניט געגאנגען אין אהעכערען חדר צו די פרעמדע פעלקער; נור איינצעלנע האבען זיך אבגעריסען און זיינען אנטלאפען פון איהם. די מאסען זיינען געבליבען שטעהן ביי אונזערע ארעמע קולטור־קוואלען, אויסגעהענדיגט פון דורשט נאך טיעפער און אמת'ער מענשליכער בילדונג, און ניט געפינענדיג אפילו א טראפען, וואס זאל דערקוויקען זייער אויסגעטריקענטען גומען. וואס די דרדקי־מלמדים גיבען און קענען זיי געבען, איז אדער זיי וויסען דאס שוין, אדער, אפילו ווען מען גיט זיי וועלכע עס איז מאגערע נייעס — פלאכע און פלאטשיגע פאפולאריזאציאנען פון נייע רעזולטאטען, צו וועלכע דער מענשליכער שכל איז געקומען — קען עס זיי ניט בעפריעדיגען.

איך געדענק, איך האב ערגיץ־וואו געלייענט ביי מיכאילאווסקי'ן, אז די גייסטיגע אינטערעסען פון פאלק זיינען גאנץ אנדערע איידער די גייסטיגע אינטערעסען פון די געבילדעטע. דאס פאלק זאגט ער, וויל נור איין זאך: וויסען אין וואס צו גלויבען, וויסען וואס צו טון. גיט איהם די רעזולטאטען פון אייערע פארשונגען. אייערע טעמים און די וועגען ווי איהר זייט געקומען צו די רעזולטאטען ריהרען איהם ווי די וואנד. — איך וויים ניט, אויב מיכאילאווסקי איז געווען גערעכט בנוגע צו דעם רוסישען פאלק, בנוגע צו דעם יודישען פאלק איז זיין געדאנק גאנץ געוויס א געוואלדיגער טעות. דאס יודישע פאלק האט אין א משך פון הונדערטער יאהרען שטאדטישען לעבען, פון הונדערטער יאהרען שארפען דעם מוח אן דעם תלמוד, דער קבלה, דאס חסידות, אויסגעארבייט א מארך, וואס פערלאנגט רייכע און איידעלע גייסטיגע שפייז. דעם יודען אינטערעסירט ניט נור די לעצטע שורה פון דער חקירה, נור אויך איהר גאנצער וועג, דאס גאנצע סיסטעם פון איהרע טעמים און פון איהר „פלפול“. דאס אבער קען א דרדקי־

מלמד ניט געבען. דעריבער בלייבט דעם פאָלק׳ס נשמה הונגעריג און דורשטיג; און עס איז קיין חדוש ניט, וואָס די בעסערע עלע־מענטען פון פאָלק ווילען ניט פערבייטען די רייכע און איידעלע, ווען אפילו לגמרי ניט פרישע, שפייז פון דער אלטער יודישקייט אויף די גראָבע, שלעכט־פערשטאנענע און שלעכט־צוגעגרייטע ברעקלעך און פיצלעך פון דער אלגעמיין־מענשליכער קולטור, וואָס אונזערע דרדקי־אויפקלערער דערלאנגען איהם אונטער דעם נאָ־מען פון בילדונג און וויסענשאפט.

וויל מען באמת בילדען דאָס פאָלק; וויל מען באמת איהם צו־פיהרען צו דער אלגעמיין־מענשליכער קולטור, מוז מען אין גאנצען איבערבייטען דעם בליק אויף די ציעלען און די וועגען פון דער יודישער וויסענשאפטליכער ליטעראטור. די גאנצע גע־שיכטע פון אלע אונטערדריקטע, צוריקגעבליבענע און פערוואָרפע־נע פעלקער, וואס זיינען אויפגעשטאנען תחית־המתים אין דעם 18טען און אין דעם 19טען יאהרהונדערט, בעווייזט אונז קלאָר ווי דער טאג, אז מען קען א פאָלק ניט צו־מוטען עס זאָל ארויסגעהן פון זיך און לויפען בעפרידיגען זיין וויסענס־דורשט אויף פרעמדע פעלדער. דאָס איינציג מיטעל איז — אריינגעהמען די אלגעמיין־מענשליכע קולטור א י ן ז י ך, מאכען זי זאָל דורך א סיסטעם פון קאנאלען פליסען אויף דאָס אייגענע פעלד. ערסט יעמאָלט קען דאָס פאָלק אָנהויבען טראכטען וועגען גראָבען אייגענע ברונענס, אָדער וועגען אויסרייניגען די אלטע, וואָס זיינען פערשימעלט גע־וואָרען, ווייל עס זיינען פערשטאָפט געוואָרען די אונטעראירדישע קאנאלען, דורך וועלכע זיי זיינען אמאָל געווען פערבונדען מיט די קאנאלען פון דער אלגעמיין־מענשליכער קולטור.

דאָס סיסטעם פון קאנאלען, וואָס זאָל מאכען פליסען די אל־געמיין־מענשליכע קולטור אויף אונזער אייגען פעלד, דאָס איז — דאָס סיסטעם פון איבערזעצונגען. אלע בעסערע ווערק, וואָס שפיי־זען דעם אייביג־וואקסענדען מענשליכען גדאנק; אלע פלאטאָנס, ספינאָזאס, מארקסעס און העגעלס; אלע פייערבאכס, פרודאָנס, ספענסערס און מיללס, מוזען מיר געבען אונזער פאָלק אין זיין

שפראך. דאָס וועט, ניט נור שטילען זיין דורשט צו וויסענשאפט און בילדונג; דאָס וועט, ניט נור אָנפּיעלען זיין נשמה מיט א נייעם אינהאלט; נור עס וועט אויך אָבפרישען זיינע פערשלאפטע, פער'חלש'טע בעשאפונג־כחות, און וועט איהם געבען די מעגליכ־קייט ארויסצוברייגען פון זיך נייע ספינאָזאס און מארקסעס, וועל־כע וועלען יעמאָלט רייכער מאכען קודם כל די אייגענע יודישע קולטור, און דורך דעם גופא, אויף'ן וועג פון דיזעלביגע איבער־זעצונגס־קאנאלען, אויך העלפען דער גאנצער מענשהייט אין איהר וואקסען.

איך ווייס ניט, אויב די אָדער אפשר אנדערע געדאנקען האָ־בען זיך געטראָגען פאר די אויגען פון פריינד דר. מעריסאָן, בעת ער האָט זיך גענומען פאר דער איבערזעצונג פון מילל'ס בוך. אָבער, ווי די מעשה איז, האָט ער מן הסתם אויך געפיהלט, אז איצטער איז געקומען א צייט, ווען מען מוז געבען דעם פאָלק, ניט נור דאָס, וואס איינער האָט פערשטאנען פון די „גדולים", נור די גדולים אליין.

## II

מילל'ס בוך „פרייהייט" רעדט וועגען אן ענין, וועלכען מען קען בעטראכטען פאר איינעם פון די וויכטיגסטע פונקטען פון דעם איצטיגען פרייען געדאנק.

דאָס רוב מענשען מיינען, אז דער חלוק צווישען דער איצטי־גער וועלטאנשויאונג און דעם „אלטען" סיסטעם פון געדאנקען בעשטעהט אין דעם, וואס די איצטיגע וועלט האָט ארויסגעפונען דעם ריינעם, היילען „אמת'ן" אמת, און וואס זי שטעלט אוועק אָט דעם אמת'ן אמת אנשטאט די שקרים, פאנטאזיעס, טעות'ן און גרייזען, וואס האָבען געהערשט ביז אהער. פריהער, א שטייגער, האָט מען געמיינט, אז גאָט פיהרט דאָס גאנצע רעדיל פון דער וועלט; איצטער ווייס מען, אז „דאָס זיינען אלץ נאטור־געזעץ". פריהער האָט מען געמיינט, אז פייניגען דעם גוף איז א מצוה; איצט ווייס מען פערקעהרט, אז נאָכגעבען דעם גוף איז גאָר ניט

קיין חטא. פריהער האָט מען געגלויבט, אז די ערד שטעהט און די זון דרעהט זיך; איצט ווייס מען דעם אמת, אז עס איז פונקט פערקעהרט. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער.

געוויס האָט דער פרייער געדאנק אויפגעוויזען א סך טעות'ן און גרייזען אין דער אלטער וועלט־אנשויאונג; און די איצטיגע נאטורפאָרשונג האָט גאנץ געוויס ארויסגעבראכט א סך אמת'ן, וואָס וועלען אפשר בלייבען אויף אייביג אין די אוצרות פון'ם מענשליכען וויסען. אָבער ניט אין אלע פרטים גלויבט דער איצטיגער פרייער געדאנק, אז ער האָט אויסגעפונען דעם אמת'ן אמת, וועלכער מוז פערנעהמען דעם אָרט פון די אלטע שקרים. ער האָט ערסט לפי ערך ניט לאנג אָנגעהויבען גוט צו פערשטעהן, וואָס פאר א שווערע, אפשר אויף אייביג אונמעגליכע זאך דאָס איז, ארויסצוגעפינען דעם אמת און דעם שקר אין אזעלכע צווייגען פון מענשליכען וויסען, וואָס רעדען מכח העכערע ענינים איידער די, וועלכע מיר קענען ארומנעהמען מיט אונזערע חושים. ביי דעם איצטיגען פרייען געדאנק האָט זיך אין גאנצען איבערגעביטען דער בליק אויף דעם עצם מהות פון „אמת“ און פון „שקר“.

דער גאנצער גאנג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג האָט איהם געלערנט, אז „אמת“ און „שקר“ בייטען זיך פון דור צו דור, און אז אין יעדען דור גופא בייטען זיי זיך פון גרופע מענשען צו גרופע מענשען, און אפטמאָל אויך פון מענש צו מענש. איצטער קען מען שוין ניט קוקען אויף די דורות, וואָס זיינען געווען פאר אונז, ווי אויף פראים, וואָס האָבען געבלאָנדזשעט אין דער פינסטערניש, און אויף אונזער דור ווי אויף גאונים, וואָס האָבען אראָבגעריסען דעם צודעק פון דעם אייביגען ליכט. מיר ווייסען גאנץ גוט, אז דער „אמת“ איז א פראָדוקט פון זיין צייט; אז די פרייערדיגע דורות האָבען געהאט זייער אמת, אזוי גוט ווי מיר האָבען אונזערן, און אז די שפעטערדיגע דורות וועלען מן הסתם זיך בעגעהן מיט אונזערע אמת'ן אויף דעמזעלביגען שטייגער, ווי מיר בעגעהען זיך מיט די אמת'ן פון אונזערע טאטעס און זיידעס. די פערשידענקייט פון די אמת'ן

שטאמט, ניט נור פון דעם פערשידענעם סכום קענטניסען, ניט נור פון דער פערשידענער שטארקייט און טיעפקייט פון מוח, נור אויך פון א סך און א סך אנדערע תנאים, אויף וועלכע דער מענש אליין איז קיין בעל הבית ניט.

אין זיינע גרויסע פילאָזאָפישע ווערק וועגען „לאָגיק" און וועגען „סער האמילטאָנ'ס פילאָזאָפיע" זוכט מילל מיט וואונדערבארע בקיאות און חריפות צו בעווייזען, אז אלע אונזערע קענטניסען, אפילו די, וואָס אונז דוכט זיך, אז דער שכל איז מחיב זייער אמת פאר אלע מענשען אָהן אן אונטערשיעד, זיינען אין תוך אריין מעהר נישט ווי א פּראָדוקט פון יענע פסיכישע פּראָצעסען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דער נשמה פון יעדען איינצעלנעם, לויט די פערשידענע פיהלונגען וואס ער פיהלט, ווען די ארומיגע וועלט ווירקט אויף איהם. ער זוכט אפילו אויסצוגעפינען די תנאים, ווען דער מענש, וואָס וואָלט געלעבט אונטער זיי, וואָלט ניט געקענט גלויבען, אז צוויי מאָל צוויי איז פיער. דאָ איז ניט דער אָרט אָבצושטעלען זיך באריכות אויף מילל'ס פילאָזאָפיע און אויפצו־ווייזען אויף א פּאָר וויכטיגע טעות'ן, וואָס האָבען זיך, נאָך מיין מיינונג נאָך, פער'גנב'ט אין דעם פונדאמענט גופא פון זיין בנין. על כל פנים איז קלאָר, אז אזא מין בליק אויף דעם מקור און דעם פּראָצעס פון אלע אונזערע קענטניסען, און די גרויסע ראָליע, וואס ער שרייבט דערביי צו דעם אינדיווידום, דעם יחיד, און זיינע פסיכישע פּראָצעסען, מוז מאכען א סוף צו יענעם פּאַנאטיזם פונ'ם מענשליכען שכל, וואָס האָט געגלויבט אין זיין אונבעגרעניצטער מאכט ארויסצוברייננגען אין אלע פעלדער פון דער וויסענשאפט אזוינע אמת'ן, וועלכע זיינען אין אלע פּרטים גוט פאר אלע צייטען און אלע מענשען. קוים זעה איך איין, אז מ י י ן אמת איז א פּראָדוקט פון מיין נאטור, מוז איך אויפ'ן שטעל איינזעהן, אז דעם אנדערען'ס אמת איז אקוראט אויפ'ן זעלביגען שטייגער א פּראָדוקט פון ז י י ן נאטור. און ווען אפילו דאָס קען מיך ניט צווינגען זיך אָבצוזאָגען פון מיין אמת פאר מיר און אויפצוהערען זוכען צו פערברייטען מיין אמת צווישען אנדערע

מענשען, נעהמט דאָס אָבער ביי מיר אוועק דעם חשק און דאָס רעכט צו צווינגען די אנדערע מיט גראָבע אדער איידעלערע מיט־לען, זיי זאָלען אויף אַלץ קוקען ווי איך קוק און אַלץ טון אזוי ווי איך טו. עס וואקסט ארויס דער געדאנק פון גלייכבערעכטי־גונג פון אלע אינדיווידועלע אמת׳ן, ד. ה. אז זיי פעררדיענען אלע גלייך מיר זאָלען האָבען דרך ארץ פאר זיי — אויב זיי זיינען געבויט אויף דעם זעלביגען סכום פון וויסען, אויף דערזעלביגער טיעפקייט פון געדאנק און מיט דערזעלביגער איבערגעבענקייט אויסצוגעפינען דעם אמת, וואס מיר מיינען, אז מיר האָבען געפו־נען ביי אונז.

א טיעפער און ערנסטער דרך ארץ פאר אלע ערנסט־גלויבענ־דע און ווארהייט־זוכענדע מענשען — דאָס איז דער פועל יוצא פון מילל׳ס פילאָזאָפיע און פון דעם איצטיגען פרייען געדאנק בכלל. אָט וועגען דער טאָלעראַנץ צו דעם אנדערנס מיינונגען און מעשים, אויף וויפיעל זיי שטערען ניט מיין רעכט אויף מ י י נ ע מיינונגען און מעשים, און אויך אויף וויפיעל זיי געהען ניט להיפך צו די נויטיגע בעדינגונגען פון טובת הכלל — אָט וועגען דעם רעדט מילל אין זיין בוך „פרייהייט“.

אין דעם בוך גופא וועגדט מילל כמעט גאָר ניט אָן די טיע־פע און שענע פילאָזאָפישע געדאנקען, וועלכע ער האָט אויסגעאר־בייט אין זיינע גרויסע פילאָזאָפישע ווערק, און וועלכע וואָלטען געגעבען זיין בוך א וויסענשאפטליכערען פונדאמענט. זיין בוך איז אָנגעמאָסטען אן די קרעפטען פון דעם מיטלערען ניט־פילאָזאָ־פישען עולם, און ער זעהט דורכצוקומען כמעט אומעדום מיט די מיטלען פונ׳ם „שכל הישר“. אָפטמאָל לאָזט ער דער דאָזיגער בכבוד׳ער בריאה שוין אפילו אביסעל צופיעל פאנאנדערשפיעלען איהר לוסט צו שפינען. עטליכע פון מילל׳ס שכל הישר׳דיגע חקירות וועלען אודאי ארויסרופען ביי אייניגע איידעלערע מוחות א געפיהל פון לאנגווייליגקייט; א שטייגער ווי מען פיהלט בעת מען זעהט צו, ווי איינער נעהמט זיך מיט זעהר אן ערנסטער מי־נע אויסשפינען אלע מעגליכע טעמים, פאר וואָס טראָגען א שאָ־

פען־פעלץ איז א גאנץ גוטע זאך, אָבער ניט אין אלע צייטען פון יאָהר און ניט אין אלע קלימאטען אויף דער ערד. ווארים דאָס, וואָס אין שבט איז פאר אייך א טובה, קען זיין אין תמוז א רעה; און דערגלייכען אויבענאויפיגע ווארהייטען. דאָס איז אָבער איינער פון די חסרונות, פאר וועלכע מיר דארפען ניט בייז זיין אויף אונזער דענקער. לאָמיר ניט פערגעסען, אז דער ענין פון טאָ־לעראַנץ צו דעם אנדערנס מיינונגען און מעשים איז נאָך אזוי ווייט פון צו זיין באמת א גרונד־פונדאמענט פון אונזער גייסטי־גען לעבען, אז עס קען חלילה ניט שאַדען, ווען מען וועט דעם ענין פאנאנדער קייען אביסעל מעהר איידער דאָס איז נויטיג פאר א מיטעלען מענשען. ווער ווייס! עס קען זיין, אז אויף א סך מוחות וועט דוקא דער געדאנק פון דעם שאָפען־פעלץ אין תמוז (ביי דעם וואָס האָט פיעבער) ווירקען ווי א „ברק המבהיר". א בליץ וואָס מאכט א מאָל קלאָר דעם גאנצען ענין, בעת אלע טיע־פערע טעמים שפרינגען פון זיי אָב, ווי ארבעס פון וואנד.

די גאנצע מענשהייט נויטיגט זיך נאָך אין די געדאנקען, פאר וועלכע מילל קעמפפט אין זיין בוך, אָבער איך ווייס ניט, אויב עס איז דאָ וואו עס איז אין דער וועלט א גרופע מענשען, וואָס זאָל זיך מעהר נויטיגען אין זיי, איידער די יודישע „ראדי־קאלען" (איך מיין, פערשטעהט זיך, דאָס רוב פון זיי). ביי קיין גרופע אין דער וועלט הערשט ניט אזא פאנאטיזם פונ'ם „פרייען געדאנק", ווי ביי זיי. אויב איינער דענקט ניט ווי זיי, אָדער אויב ער האלט פאר נויטיג צו טון אנדערס ווי זיי, קענען זיי דאָס אנדערס ניט דערקלערען, סיידען דורך דעם, וואס ער איז אָדער אן עם הארץ, וועמעס מוח איז נאָך ניט דורכגעלויכטען גע־וואָרען פון די שטראהלען פון וויסענשאפט, מיט וועלכע די מענש־הייט האָט זיי בעגליקט; אדער, אויב ער ווייס יא אלץ וואָס זיי ווייסען, א שוטה, וועמעס מוח עס האָט ניט די קראפט ארויסצו־ברענגען דעם אמת פון די פאקטען, וואָס זיינען איהם בעקאנט; אָדער, אויב ער איז אזוי געלערנט ווי זיי און בעזיצט נאָך דער־צו א פיינעם דענקערישען קאָפּ, איז ער געוויס א מנוול, וואָס פער־

דרעהט בכיון דעם אמת צוליב א וואָסער עס איז טריפה'נע פניה. טויג אויך די ערקלערונג ניט, איז ער גלאט א מטורף, וואָס לאָזט זיך בעהערשען פון א צופעליגען שגעון. און אָפטמאָל שעמט מען זיך ניט צו בעקרוינען דעם געגנער מיט אלע פיער מעלות אין איינעם: אן עם הארץ, א שוטה, א מנוול און א מטורף.

געוויס וויל איך ניט אָבלייקענען, אז עס זיינען דאָ מענשען מיט די נור וואָס דערמאָנטע פיער מעלות, איינציגווייז אדער אין א מעהר אדער ווענינער גליקליכער קאָמבינאַציע, ניט נור ביי די געגנער פון דעם יודישען ראדיקאליזם, נור אפילו ביי די יודישע ראדיקאלען גופא. און וואָלטען אונוויסענהייט, נארישקייט, טריפה'־נע פניות און שגעונות לגמרי פערשוואונדען פון דער וועלט, וואָל־טען גאנץ געוויס מיט זיי פערשוואונדען א סך חלוקי דעות — אָבער ניט אלע! מען מוז זיך צוגעוועהנען צום געדאנק, אז גלייך־געלערנטע, גלייך־קלוגע, גלייך־איידעלע און גלייך קלאָרע מענ־שען קענען דוקא אין די וויכטיגסטע פראגען פון לעבען קומען צו פערשידענע אמת'ן, וועלכע דיקטירען זיי פערשידענע מעשים און אויפפיהרונגען. און דער פועל יוצא דערפון איז, אז ווי פאלש מיר זאָלען ניט האלטען דעם אנדערנס מיינונג און זיין פיהר אין לע־בען, מוזען מיר תמיד רעספעקטירען זיין רעכט ארויסצוזאָגען און צו קעמפפען פאר זיין אמת, און צו לעבען אזוי, ווי עס דיק־טירט איהם זיין יושר.

עס פערשטעהט זיך, אז אזא מין רעכט קען ניט זיין אונבע־גרעניצט, ווייל עס קען זיך אָנשטויסען אין געוויסע פרטים אָן מיין רעכט בנוגע דעם זעלביגען ענין, אָדער אָן די אינטערעסען פונ'ם כלל.

מילל זוכט אין זיין בוך, ניט נור אויפצו־ווייזען די טעמים, פאר וואָס מיר מוזען האָבען דרך ארץ פאר אזא רעכט, נור אויך אויסצוגעפינען זיינע גרעניצען. אין דעם לעצטען פונקט אָבער קען אונז מילל היינטיגען טאָג שוין ניט אזוי צופרידען שטעלען. דער אנארכיסט צ. ב. ש. וועט געפינען, אז ער גיט דער געזעלשאפט און דער רעגירונג צופיעל מאכט איבער דעם יחיד; דער סאָ־

ציאַליסט ווידער וועט געווים געפינען, אַז אין אַ סך וויכטיגע פּונקטען גיט מילל דעם יחיד צופיעל רעכט לגבי די נויטיגע אינטערעסען פון כלל. ביידע אָבער מוזען מודה זיין, אַז סיי דער סאָציאַליזם, סיי דער אנארכיזם האָבען נאָך אַ סך צו לערנען פון מילל'ן דאָרטען וואו ער רעדט וועגען דאָס רעכט פון מיינונג־פרייהייט בכלל. און אויב ער זאָגט זיי ניט קיין טעאָרעטיש גאַנץ נייע זאַכען, איז אַלץ וואָס ער זאָגט פּאָרט אַזוי נויטיג זיי זאָלען ביידע זיך נעהמען צום הארצען, אַז מען מעג ווינשען יעדער איינער זאָל גוט דורכשטודירען דאָס ביכעל, און לאָזען אריינגעהן אין זיין אייגען פלייש און בלוט מילל'ס אידעלע און שענע געדאנקען.

III

צום סוף וויל איך נאָך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען דער איבערזעצונג גופא, אויף וויפיעל דאָס לאָזט צו דער דין פון „מקצת שבחיו".

איך האָב שוין אויבען בעמערקט, אַז די איבערזעצונג שטעהט כמעט אומעדום אויף דער הויך פון דער יודישער שפּראַך. מיר דוכט, איך האָב אַ רעכט צו זאָגען, אַז אין איינעגע ניט־זעלטענע שטעלען, וועלכע דער לעזער וועט געווים אַליין ארויסגעפינען, הויבט אויף דער איבערזעצער אונזער יודישע שפּראַך אויף אַזאַ הויך, אויף וועלכער זי איז ביז אהער נאָך ניט געשטאַנען. די מעלה וועט קענען גאַנץ ריכטיג אָבשעצען נור דער, וואָס ווייס אַליין ווי שווער עס איז נאָך איינצושפּאַנען אונזער יודיש, די נאָך־יונגע, ווילדע חצופה, אין דעם יאָך פון דעם קלאָרען, פּינקטליכען אבסטראקטען און צו דערזעלבער צייט ריין יודישען אויסדרוק. ובפרט אַז מען דערמאָנט זיך, ווי ווייט דער בוי פון דער יודישער שפּראַך שטעהט אָב פון דעם בוי פון דער ענגלישער שפּראַך, און וואָס פאַר אַ שווערע ענגלישע בנינים מילל ווענדט אָן אין זיין סטיל, יעמאָלט מוז דער ווערטה פון פריינד מעריסאָן'ס ארבייט שטייגען לפי ערך נאָך העכער.

אָבער דער בעסטער שבח, וואָס מיר ווילט זיך געבען פריינד

מעריסאָן׳ען איז, וואָס זיין איבערזעצונג איז ניט נור א גוטע און א געטרייע, נור אויך א שענע.

דער וויכטיגסטער כלל פון שענקייט איז, אז אין דער אויסערליכער פאָרם זאָל זיך אויסדריקען די טבע פון דער זאך גופא, וואָס דארף פאָרגעשטעלט ווערען. שענקייט צו שענקייט איז ניט גלייך. די שענקייט פון אן אדלער איז ניט די שענקייט פון א טויב. וואָלט זיך פערגלוסט דער טויב צו זיין שען ווי אן אָדלער, וואָלט זי געפומען טראָגען שטאָלץ אויפ׳ן אָדלערישען אופן איהר חנ׳עוודיג קעפיל און שיסען פייער־פיילען פון איהרע טייבערשע אויגעלעך; אדער וואָלט צוריק דער אָדלער אָנגעהויבען מיט זיין קאָפּ מאכען קאָקעטישע טייבערשע חנ׳דלעך, וואָלטען זיי ביידע אויפגעהערט צו זיין שען, וואָלטען זיי ביידע געוואָרען לעכערליך. דער וויכטיגסטער כלל איז צו פערשטעהן די בעדינגונגען פון דער איינענער שענקייט, און יעדעס נאָכמאכען דעם אנדערן מוז סוף כל סוף ארויסקומען לעכערליך.

אָבער אויך שפראכען, ווי לעבעדיגע ברואים, האָבען זייערע נאטורען, זייערע טבע׳ס. און עס איז א גרויסע און שווערע קונסט צו פיהלען אין זיך שטענדיג די טבע פון דער שפּראך, אויף וועלכער מען שרייבט.

איך וויל ניט זאָגען, אז פריינד מעריסאָנ׳ען האָט זיך לחלוטין איינגעגעבען אומעדום צו בלייבען טריי דער טבע פון אונזער שפּראך. אזוינס האָט זיך ביז אהער (א חוץ אפשר אין בעלעטריסטיק) נאָך קיינעם פון אונזערע יודישע ערנסטע שרייבער ניט איינגעגעבען. מכל שכן קענען מיר דאָס ניט פערלאנגען פון אן איבערזעצונג. די טבע פון דער פרעמדער שפּראך קען ניט אין גאנצען פערשוואונדען ווערען פון זין, און מוז אין איין אָרט אָדער אין אן אנדערן שטערן דער טבע פון אונזער יונגען יודיש ארויסצו־ווייזען זיך אין איהר גאנצער קלאָרקייט. דער חדוש איז ניט, וואס עס זיינען דאָ אזעלכע שטעלען; נור וואס זיי זיינען לפי ערך אזוי ווייניג; וואס די איבערזעצונג איז אזוי רייך אין אנדערע

שטעלען, וואו די נאטור פון אונזער שפראך שיינט אונז ארויס אנטקעגען, ווי א לויכטענדער, גוט־ארומגעשליפענער בריליאנט...

פאר דער שענקייט פון דער איבערזעצונג קומט דעם פריינד מעריסאָן נאָך אן עקסטרא דאנק פון אלע די, וואָס פערשטעהען, אז שענקייט איז ניט קיין פינפטער ראָד אין וואָגען, נור די דריטע זייל, אויף וועלכער עס האלט זיך אונזער דריי־זייליגער אידעאל: אמת, יושר און פראכט...

הלואי זאָל דאָס גוטע ביכעל פון מילל אין דער שענער איבערזעצונג פון דר. מעריסאָן געפינען און אויסבילדען קלוגע אָנהענגער פון אונזער אידעאל.

**דר. ח. זשיטלאָווסקי.**

ניו יארק, 1908.

## א ביאָגראַפישע סקיצע פון דזשאהן סטוארט מילל, דעם פערפאסער פון דעם בוך.

דזשאהן סטוארט מילל, איינער פון דער וועלט'ס גרויסע דיינקער און פון ענגלאנד'ס גרעסטע, איז געבארען געווארען אין לאָנדאָן, דעם 20טען מיי 1806. זיין פאטער, דזשיימס מילל, איז אליין געוועזען א טיעפער פילאָזאָפישער דיינקער, וועלכער האט געלאזען א שטארקען איינדרוק אויף די וויסענשאפטען פון לאָגיק, פאליטישע עקאנאמיע און געזעצגעבונג פון זיין צייט. דער עלטערער מילל איז אין זיינע בליקען איבער לאָגיקע און פילאזאפיע געוועזען, אין בעסטען זין פון ווארט, דער ווירדיגער פערטרעטער פון די שארפע קעפ פונ'ם 18טען יאהרהונדערט; בעת אין דער פאליטישער עקאנאמיע און אין דער שטאאט־וויסענשאפט איז ער געשטאנען אויף איין הויכען שטאפעל מיט די גרויסע דיינקער פונ'ם 19טען יאהרהונדערט, און איז געוועזען דער חבר פון דוד ריקארדאָ און ירמיה בענטהאם. דזשאהן סטוארט איז געוועזען זיין עלטסטער זוהן און דער ווירדיגער טרעגער פון זיין בעריהמטען נאמען: „ברא כרעי דאבוה“ זאָגט מען ביי אונז, און אין דעם פרט פון מילל'ס גייסטיגער ירושה איז דאָס דאָזיגע ווערטיל דוקא ריכטיג צוגעפאסט, ווארים ווי עס שיינט האָט זיך מילל'ס מוטער מיט קיין זאך ניט אויסגעצייכענט. דזשאהן סטוארט איז אין דירעקטער ליניע געוועזען א גאון בן גאון.

מילל דער פאטער האָט אָבגעשטאמט פון ארימע עלטערן אין שאָטלאנד. צוליב זיינע גוטע פעהיגקייטען האָט ער נושא חן געוועזען ביי א רייכען מאן, איינעם א סער דזשאהן סטוארט, וועלכער האָט איהם אויף זיינע קאָסטען געשיקט שטודירען אין עדינבורגער אוניווערזיטעט. דזשיימס מילל האָט געקריגען צום ענד פון זיין

קורס סמיכה אויף גלחות פאר דער שאָטלענדישער קירכע; ער האָט אָבער דערפון קיינמאָל קיין נוצען ניט געמאכט. שוין אין זיין יוגענד האָט ער אָנגעהויבען דיינקען זעלבסטשטענדיג און האָט זיך ניט געקענט צופרידען שטעלען מיט די טראַדיציאָנעלע תורות: די גלחות האָט ער ממאס געווען מיט דער טעאָלאָגיע אין איינעם און, נאכדעם ווי ער האָט פערבראכט א פּאָר יאָהר אלס פּריוואַט לעהרער אין רייכע הייזער, האָט ער זיך ענדליך בעזעצט אין לאָנ־דאָן, חתונה געהאט, און געמאכט א געמאטערט לעבען פון זשור־נאַליסטיקע. דזשיימס מילל האָט א פּנים א חוץ פון דער טעאָלאָגיע אויך גאַנץ וועניג געהאלטען פון דער יעמאָלטדיגער שול ערציהונג, ווארים ווי שווער ער האָט געמוזט האָרעווען צו מאכען א לעבען פון זיין זשורנאַליסטישער ארבייט, און ווי שטארק ער איז געווען בעשעפטיגט מיט זיין גרויסען ווערק איבער די געשיכטע פון אינ־דיען (מיט וועלכער ער האָט זיך צוערסט בעריהמט געמאכט), האָט ער דאָך אָבגעריסען צייט אליין צו לערנען מיט זיין זוהן נאָך זיין אייגענער, אָריגינעלער מעטאָדע.

צו דריי יאָהר האָט ער שוין גענומען דעם יונגען מילל אין דער לעהרע. אָנגעהויבען האָט ער מיט גריכיש. אין דריי, פיער יאָהר האָט דער יונגער מילל שוין געלעזען פּלאַטאָן, קסענאָפאָן און אנדערע גריכישע ווערק אין אָריגינאַל. ארום 8 יאָהר האָט ער געקענט לאטיין, איז געווען א רעכט ביסעל בע׳הבנ׳ט אין היס־טאָריע און האָט געהאט א גוטע ידיעה אויך אין אנדערע למודים. אָט דער מערקווירדיגער פאקט האָט ארויסגערופען אלערליי בע־מערקונגען און פּירושים פון פיעל שרייבער. א טייל פון זיי האָט אין דעם געזעהען סמנים פון דעם יונגען מילל׳ס אויסערגעוועהנ־ליכע פעהיגקייטען; אנאנדער טייל ווידער האָט אָנגעוויזען אויף דעם, ווי אויף א שעדליכען ביישפּיל פון אָנשטאָפּען א קינד׳ס קאָפּ מיט צופיעל און צו־הויכע למודים. דזשאהן סטוארט מילל אליין בעמערקט וועגען דעם פאקט, אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, מיט זיין געוועהנליכער עניוות, אז אייגענטליך וואָלט יעדער אינגעל פון זיינע יאָהרען געקענט אויפטון דאָסזעלבע, אויב ער וואָלט געהאט

מילל'ס פאָטער פאר א רבי'ן; און ער דריקט דערביי אוים זיין איינ־שטימונג מיט דעם עלטערן מילל'ס מיינונג, אז עס איז א טעות, וואס מען לערנט קינדער אזוי ווייניג בכלל, און וואס מען לאָזט די ערסטע קינדישע יאָהרען בפרט אזוי אוועקגעהן לאיבוד. דער אמת, ווי אין דאס רוב מחלקות, ליעגט אויך דאָ אויפ'ן מיטען וועג פון די ביידע געגענגעזעצטע מיינונגען: אין דעם פאקט אליין, וואס מילל האָט געלעזען שווערע ביכער אין גריכיש איידער ער איז געוועזען 8 יאָהר אלט, שטעקט ניט קיין גרויסער וואונדער, א חוץ המעשה וואס די זאך אליין איז גאר ניט אזוי ניצליך*); עס איז אבער קלאָר, אז מען קען זיין יונגע גאונות מיט דער האנד ניט אוועקמאכען, און מען קען זיכער ניט פערגלייכען אבי וועמען צו מילל'ן.

ריכטיג בעמערקט אויך וועגען דעם פראָפעסאָר מינטאָ (אין זיין ביאָגראפישען ארטיקעל איבער מילל אין דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאניקא"): „מילל'ס זעלטענע ערציהונג, שרייבט ער, איז בע־שטאנען ניט אזוי אין דעם לעזען אזעלכע הויכע ליטעראטור, ווי אין דעם שטענדיגען איינפלוס, וואס ער האָט געקריגען פון אזא רייכען גייסט און שטארקען כאראקטער, ווי זיין פאָטער איז גע־ווען. דער לעהרער איז אין דעם פרט געוועזען א סך מעהר וויכטיג איידער די ביכער. דאס לעזען פון פלאטאָן'ס געשפּרעכען וואָלט ניט געהאט פאר איהם קיין גרעסערען בעטרעף איידער פשוט'ע אי־

---

*) כמה אַזעלכע ערציהונגען איכא ברחוב היהודים! קען מען בנוגע דעם פונקט איבערמאַכען יהודא ליב גאָרדאָן'ס אַ פראַזע, וואס ער האָט געשאַפען רעדענדיג וועגען דעם בעריהמטען לאָמאָנאָסאָף. מיט וואס איז דער גריכישער אלף־בית שווערער פאר דעם העברויאישען? וויפיל אידישע קינדער, וועמעס שבחים עס זיינען אין קיין ליטעראַ־טור ניט בעזונגען געווארען קענען צו דריי־פיער יאָהר עברי, צו 5 יאָהר חומש און צו 6—7 יאָהר שעהנע עטליכע פרקים גמרא? און פערקעהרט רעדענדיג, ווער האָט געזעהען די נוצען פון אַזאַ צו־פריהען שאַרפען די מוחות פון יונגע עופ'לעך?

בונגען אין איבערזעצונג, ווען ער וואָלט דערביי ג״ט געהאט פאר א לעהרער א לעבעדיגען סאקראטעס צו בילדען ז״ן גייסט“.

מילל דער פאטער איז געווען געוויטיגט פון זיין געזונד וועגען צו נעהמען יעדען פריהמארגען א שפאציר גאנג אין די פעלדער הינטער׳ן שטאדט. דאָס קינד פלעגט מיט חשק בעגלייטען דעם פאטער אויף זיינע שפאציר־גייִנג, און האָט פראָפיטירט דערפון קערפערליך אי גייסטיג. די טעגליכע מאָציאָן אין דער פרישער לופט (אנשטאט צו זיצען פערשפארט אין חדר) האָט געשטארקט זיינע יונגע גליעדער, און האָט א חוץ דעם איינגעפלאנצט אין איהם א ליעבע צו דער פרייער נאטור און צום שטודיום פון באָטאניקע, וועלכע האָט איהם ניט פערלאָזען זיין גאנצען לעבען. די שפאציר־גיינג זיינען ווייט ניט געווען קיין לעדיג געהן פאר ביידען: וואס דער יונגער מילל פלעגט לעזען פאר־זיך דורכ׳ן טאָג האָט ער געמוזט אויף מאָרגען בעת׳ן שפאצירען איבערגעבען דעם פאטער, וועלכער האָט געמאכט אויף דעם זיינע פירושים. בדרך כלל האָט דער רבי שטארק מדקדק געווען, אז דער תלמיד זאָל זיך ניט לאָזען נארען אין די למודים. ער האָט איינגעפלאנצט אין איהם די געוועהנהייט איבערצוטראכטען און אליין זוכען צו פערשטעהן יעדען ענין וואס ער האָט געלערנט; דערהויפט ניט צו פערלאָזען זיך, אז דער רבי וועט פאר איהם אלץ צוקייען, און אריינלעגען איהם פארטיגע אין מויל אריין. דער יונגער מילל האָט אויף דעם אופן פון אָנהויב אָן זיך צוגעוועהנט אָנצושטרענגען אלע זיינע כחות אויף א שווערען פונקט און ניט אוועקצוגעהן פון אָרט, ביז וואנען ער איז איהם קלאָר געווארען אָהן דעם מינדעסטען ספק. דער פאטער האָט איהם געלערנט אויסצולעגען יעדע טעאָרעטישע פראגע דורך קאָנקרעטע ביישפיעלען אויף דער פראקטיקע, און ניט פערלאָזען זיך קיינמאָל אויף אבסטראקטע בעגריפען. דערפון האָט זיך שפעטער גענומען זיין אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייט אומצופאסען די טיעפסטע סאָציאל־פּאָליטישע פראבלעמען פון דער פראקטישער זייט, און גלייך צו דערזעהען אין תוך פון א שווערער פראגע איהר שייכות צוםווירקליכען לעבען. א חוץ אָבער דאָס

שארפען פון שכל, האָט זיין פאטער זיך גענומען די מיה אויך איינ־צופליסען אין זיין יונג הערצעל דעם מאָראלען געפיהל, אז דער גאנצער צוועק פון לעבען איז צו ארבייטען פאר דער מענשהייט, און אז דער ציעל פון זיין לערנען און פון זיין גאנצער ענטוויק־לונג איז נור כדי צו קענען וואס מעהר ארבייטען פאר דער טובה פון כלל. ער האָט אין איהם געוועקט די אמביציע צו ווערען אזוי גרויס ווי די גרעסטע מענשען פון אלע דורות, און זוכען צו געהן אין זייערע וועגען; ער האָט אָבער בעת מעשה שטארק אכטונג געגעבען, אז צוזאמען מיט אָט דער אמביציע זאָל זיך אין דעם קינד'ס הארץ קיין אונריינער מאָטיוו ניט אריינ'גנב'נען.

צו 8 יאָהר האָט דער יונגער מילל שוין געלערנט אלגעברא און לאטיין, און האָט געלעזען זעהר פיעל געשיכטע. זיין פאטער האָט איהם שוין דאמאָלט איבערגעגעבען די עובדא צו לערנען מיט זיינע קלענערע ברידער און שוועסטער. די מלמדות האָט דעם יונ־גען רבי'ן אפילו ניט זעהר געשמעקט, נור ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואס זיין לערנען מיט די יונגערע קינדער העלפט איהם אליין קלערער צו ווערען אין די למודים. ווי ער דריקט זיך אויס בתמימות אין זיין אויטאָביאָגראפיע, איז די מלמדות געווען מעהר פעולה פאר איהם אליין איידער פאר זיינע תלמידים. צו 10 יאָהר האָט ער גאנץ פריי געלעזען די גריכישע און לאטיינישע פילאָזאָ־פען און האָט נישקשה'דיג פערשטאנען זייער אינהאלט. צו 12 יאָהר האָט ער שוין גרינדליך שטודירט, אונטער זיין פאטער'ס השגחה, די סכאָלאסטישע לאָגיקע און האָט געלעזען אריסטאָטעל'ס ווערק איבער לאָגיקע אין אָריגינאל. דעם נעכסטען יאָהר האָט ער אָנגע־הויבען לעזען איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, און דיסקוטירענדיג דעם ענין מיט זיין פאטער, ווי זייער שטייגער איז געווען, האָט ער מיטגעהאָלפען אין דער ארבייט פון זיין פאטער'ס „עססיי (אָב־האנדלונג) איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע". אונטער דער צייט (אין יאָהר 1819) האָט זיין פאטער געקריגען א וויכטיגע שטעלע אין דער אָסט־אינדישער געזעלשאפט, וועלכע האָט אָבגענומען ביי איהם דעם גרעסטען טייל פון זיין פרייער צייט. טיילווייז צוליב

דעם און טיילווייז ווייל דער יונגער מילל איז שוין געווען גענוג ענטוויקעלט צו קענען אָהן דעם פאטער'ס דירעקטע הילף פארט־זעצען ווייטער זיינע למודים, האָט ער אָבגעענדיגט זיין חדר־צייט און געמאכט א רייזע נאָך פראנקרייך (אין 1820), וואו ער האָט זיך פערזאמט אן ערך פון א יאָהר און א האלב.

איבערבליקענדיג אָט די ערסטע פעריאָדע פון זיין ערציהונג, שרייבט מילל אין זיין אויטאָביאָגראפיע אזוי: „די גייסטיגע פע־היגקייטען פון דעם רוב אינגלעך אָדער בחורים, וועמען מען שטאָפּט אָן דעם קאָפּ מיט א סך תורות, ווערען דורך דעם ניט שטארקער, נור פשוט שווערער. אנשטאט צו נעהמען זיך די מיה און שאפען אין זיי די קראפט פון בילדען אייגענע מיינונגען, איז מען יוצא דערמיט, וואס מען שטאָפּט זיי אָן מיט טרוקענע פאקטען און פרעמדע מיינונגען און פראזען. מיינע איז ניט געווען קיין שטאָפּ־ערציהונג. מיין פאטער האָט קיינמאָל ניט דערלאָזען, אז מיינע למודים זאָלען זיין נישט מעהר ווי אן איבונג פאר'ן זכרון. ער האָט געשטרעבט ניט נור דער פערשטאנד זאָל וואקסען לפי ערך פון די ערוואָרבענע קענטניסען, נור ער זאָל זיי ווי ווייט מעגליך אריבערוואקסען. וואס איך האָב נור געקענט, אָנשטרענגענדיג אלע מיינע כחות פון דיינקען, אליין דערגעהן, האָב איך געמוזט אויף דעם שווער ארבייטען ביז איך בין דאָס דערגאנגען; און וואָס איך האָב געמיינט אז איך האָב געוואוסט, האָב איך געמוזט קענען דערקלערען און איבערצייגען דעריין דעם אנדערן. איך גדיינק אמאָל — איך בין נאָך קיין 13 יאָהר ניט אלט געווען — האָב איך געברויכט דאס ווארט „אידעע". מיין פאָטער האָט מיך גלייך אָב־געשטעלט און געפרעגט, וואס איז אן אידעע, און איז געווען אונ־צופריעדען פאר וואס איך האָב איהם ניט געקענט געבען די ריכ־טיג לאָגישע דערקלערונג פון'ם וואָרט. איין מאָל האָט ער זיך גוט אָנגעבייזערט אויף מיר, פאר וואָס איך האָב געברויכט דאס גע־וועהנליך ווערטעל, אז א זאך קען זיין ריכטיג אין טעאָריע און דאָך ניט שטימען אין פראקטיקע. ער האָט מיר פערגעבען איך זאָל איהם דערקלערען וואס טעאָריע איז, און אזוי ווי איך האָב

ניט געקענט, האָט ער מיר דערקלערט מיט כעס, אז עס איז א מיאוסע אומווירסענהייט צו געברויכען א וואָרט, וואָס מען פער־שטעהט ניט. ער איז אפשר געווען אומגערעכט, אבער נור דעריבער ווייל ער האָט ארויסגעוויזען א כעס: בכלל איז זיכער, אז א תלמיד, פון וועמען מען פערלאַנגט ניט ער זאָל טון מעהר וויפיעל ער קען, טוט אפילו וויפיעל ער קען אויך ניט".

דזשאהן סטוארט מילל האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אָהן א וועלכען עס איז רעליגיעזען גלויבען, אין געוועהנליכען זין פון וואָרט. דער עלטערער מילל איז געווען אן אגנאָסטיק, ד. ה. איינער וואס איז איבערצייגט, אז מכח די סבה כל הסבות קען מען לחלוטין גאר נישט ניט וויסען. ער האָט דעם דאָגמאטישען אטעאיזם בע־טראכט פאר אזא אונזין ווי דעם דאָגמאטישען ט ע א י ז ם, מיט דעם חילוק נור, וואס אויף דעם רעליגיעזען גלויבען האָט ער געקוקט ניט נור ווי אויף אן אונזין, נור אויך ווי אויף א גרויסען מאָראלען אומגליק. ער האָט בעטראכט די רעליגיאָן פאר דעם גרעסטען שונא פון דער מאָראליטעט: ערסטענס ווייל זי מאכט א צו־גרויסען ווערט פון פוסטע גדלות — דהיינו אמונה, תפלה און צערעמאָניעס, וועלכע האָבען גאר נישט צו טון מיט דעם וואהלזיין פון מענשליכען מין — און איז גורם מען זאָל האלטען פון דעם אנשטאט פון אמת'ע, גוטע מדות; און דערהויפט אבער, וואָס זי פערדארבט ביים מענשען דעם עצם מאסשטאב פון מאָראל דערמיט, וואס זי הייסט פאָלגען דעם ווילען פון אזא וועזען, וועל־כען דער מענש, וויפיעל ער זאָל זיך ניט צורייסען לויבענדיג, שטעלט אין עצם פאָר ווי אזעלכען וועמען מען מוז פעראכטען. „איך האָב איהם הונדערטער מאָל געהערט זאָגענדיג, דערצעהלט דזשאהן סטוארט מילל, ווי מערקווירדיג דאס איז, וואס אלע נאַ־ציאָנען אין אלע דורות האָבען דורכאוים פארגעשטעלט זייערע גע־טער אלס פערדאָרבענע ברואים; און ביסלעכווייז צולעגענדיג איין שטריך נאָך דעם אנדערען, האָבען זיי געגרייכט דעם העכסטען בעגריף פון פערדאָרבענהייט, וואס דער מענשליכער שכל האָט גע־קענט משיג זיין, האָבען דאס אָנגערופען גאָט און זיינען געפאלען

אויף די קניע צו איהם... דיינק נור, פלעגט ער מיר זאָגען, פון א גאָט וואס האָט געמאכט א גיהנום! שטעל זיך פאָר א גאָט, וואס האָט בעשאפען די מענשליכע ראסע, וויסענדיג אפריהער — דאָס הייסט דאָך, בכיון — אז די גרעסטע מעהרצאהל פון זיי וועט מוזען ליידען אייביגע און שרעקליכע ענוים!"

„עס פערשטעהט זיך, שרייבט מילל ווייטער, אז עס וואָלט אין גאנצען געגאנגען להיפך צו מיין פאָטער'ס אידעע וועגען זיין התחיבות אין דעם פרט, מיך צו לאָזען קריגען מיינונגען בנוגע דער רעליגיאָן, וואס זאָלען ניט שטימען מיט זיינע איבערצייגונ־גען און געפיהלען. ער האָט מיך דעריבער פון אָנהויב אָן געלערנט אז די גרויסע שאלה מכח מעשי בראשית איז א ענין, וועגען וועל־כען מיר וויסען קיין זאך ניט זיכער; אז עס איז א פראגע וואס קען ניט פערענטפערט ווערען, ווייל מיר האָבען ניט קיין ערפאה־רונג און קיין זיכערע ידיעות וועגען דעם; און אז יעדער ענטפער שטופט נור אב די פראגע א טריט ווייטער, וואָרים סוף כל סוף מוז מען קומען צו דער פראגע: „און ווער האָט געמאכט דעם בעשעפער?" אין דערזעלבער צייט אבער האָט ער זיך געגעבען די מיה מיך בעקאנט צו מאכען מיט אלץ, וואס די מענשהייט האָט געדיינקט מכח אָט די ניט־פערענטפערטע פראגען. ער האָט מיר גע־געבען צו לעזען נאָך גאר יונגערהייט די געשיכטע פון גלויבען, און ער האָט מיך געלערנט צו נעהמען דעם גרעסטען אינטערעס אין דער רעפאָרמאציע, וועלכער ער האָט בעטראכט פאר א גרויסען און זיעגרייכען קאמפף אנטקעגען די טיראניי פון גלחים און פאר דער פרייהייט פון דיינקען. איך בין אויף דעם אופן איינער פון די זעהר וועניגע דאָ אין לאנד, וועלכער האָט געלעבט אויסערן גלויבען, ניט ווייל ער האָט דעם רעליגיעזען גלויבען אוועקגעוואָר־פען, נור פשוט, ווייל ער האָט איהם קיינמאָל ניט געהאט. איך האָב געקוקט אויף די היינטיגע רעליגיאָן מיט דיזעלבע אויגען וואָס אויף די אלטע — ווי אויף א ענין, וואס איז מיר פערזענליך גאר ניט נוגע. די וועלטגעשיכטע האָט מיך בעקאַנט געמאכט מיט אלערליי פערשידענע מיינונגען, וואס האָבען עקזיסטירט ביי דער

מענשהייט, און זייערע רעליגיעזע מיינונגען האָבען ביי מיר גע־
האַט דעם זעלבען פנים, וואָס די אנדערע".

האָבענדיג אזא מורה דרך איז קיין וואונדער ניט, וואס דער יונגער מילל האָט איבערגענומען א סך פון זיין פאטער'ס פילאָזאָ־פישע מיינונגען און זיינע דרכים פון דיינקען. זיין פערשטאנד איז אָבער דערביי ניט געבליבען פאסיוו: ער האָט זיין רבינ'ס גע־דאנקען ניט אריינגענומען אין קאָפּ מעכאניש. דער עלטערער מילל האָט געהאלטען, אז איינער פון די גרויסע צוועקען פון ערציהונג איז צו שאפען אין דעם תלמיד א שטארקען און שטענדיגען פער־לאנג צו זוכען ראיות פאר יעדער מיינונג. און ער האָט געארבייט מיט דער גאנצער ענערגיע פון זיין שטארקען ווילען, אז פון זיין זוהן זאָל ניט ווערען א סתם־נאכזאָגער פון זיינע מיינונגען און ארגומענטען. ער האָט איהם ערצויגען מיט דער קלאָרער כונה צו מאכען פון איהם אן אפּאָסטאָל, א לעהרער פון דער מענשהייט; אָבער ניט פאר אן אפּאָסטאָל פון א בעשטימטען סיסטעם פון דאָג־מאטישע געבאָט, נור פאר א לעהרער פון טיעף־דורכגעדאכטע ווארהייטען, וועלכע זיינען שייך צו די ענינים פון דער מענשהייט.

די צייט וואָס מילל האָט פערבראכט אין פראנקרייך (מעהרס־טענטיילס אין הויז פון בענטהאם'ס א ברודער, און עטליכע מאָנאט ביי דעם בעריהמטען פּאָליטישען עקאָנאָם מ. סיי) האָט ער בע־נוצט צו דערלערנען די פראנצויזישע שפּראך. אויף זיינע נסיעות מיט בענטהאם'ס פאמיליע האָט ער פלייסיג שטודירט באָטאני־קע; דערהויפּט אָבער האָט ער זיך שטארק אינטערעסירט מיט דעם לעבען און מיט די מנהגים פון דעם פראנצויזישען פאָלק. דעם ערסטען ווינטער, אָדער עטוואס שפּעטער נאכדעם ווי ער איז גע־קומען צוריק אהיים, האָט ער געקריגען צו לעזען א געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן. פריהער האָט ער געהאט נור אן אויבערפלעכליכע ידיעה וועגען יענער גרויסער בעוועגונג; „איצטער — שרייבט ער — האָט עס געמאכט נאר אנאנדער וויר־קונג אויף מיינע געפיהלען. איך האָב דערזעהען, אז די דעמאָקראַ־טישע פּרינציפּען, וועלכע האָבען אין יענער צייט געהאט נישט

מעהר ווי א הייפעלע אָנהעננער אין גאנץ אייראָפּא, האָבען מיט 30 יאָהר פריהער שוין געמאכט אזא רושם אין פראנקרייך. דאָס האָט צוגעגעבען מוט מיינע דאמאָלסטדיגע בעשטרעבונגען צו ווע־רען דער פאָהן־טרעגער פון דעמאָקראטיע; און מיין שעהנסטער חלום איז געווען צו שפּיעלען די ראָליע — מעג דער סוף זיין וואס עס וויל זיך — פון א זשיראָנדיסט אין א ענגלישער רעוואָלוציאָ־נערער קאָנווענציאָן".

דזשיימס מילל האָט דאמאָלסט נאָך בדעה געהאט צו מאכען זיין זוהן פאר אן אדוואָקאט, און האָט איהם דעריבער געשיקט צו זיין פריינד, דעם בעריהמטען יוריסט דזשאהן אָסטין, צו „לעזען" איבער רוימישען געזעץ. אגב, אלס א הילף צו די למודים פון יו־ריספּרודענץ, האָט זיין פאטער איהם רעקאָמענדירט דומאָן'ס בוך איבער בענטהאם'ס גרונד־פילאָזאָפיע, אונטער דעם נאמען „די שטריכען פון געזעצגעבונג". דאָס דאָזיגע בוך, וואס גיט איבער דעם עיקר פון בענטהאם'ס לעהרע קלערער און דייטליכער איידער בענטהאם אליין האָט דאס איבערגעגעבען אין זיינע ווערק, האָט געמאכט א גוואלטיגען איינדרוק אויף דעם בעגייסטערטען דע־מאָקראט, דעם יונגען מילל. ווי ער דריקט זיך אליין אויס, האָט דאס בוך געמאכט אן עפּאָכע אין זיין לעבען, און עס איז געוואָ־רען איינער פון די ווענד־פּונקטען אין זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. „ווען איך האָב געענדיגט דעם לעצטען באנד פון דומאָן'ס בוך, שרייבט ער, בין איך געוואָרען גאָר אן אנדער מענש. דער פּרינ־ציפּ פון אוטיליטעט (נוצבארקייט) האָט זיך מיר אריינגעזעצט אין קאָפּ פּונקט ווי א געוועלבשטיין, וואָס האָט צוזאמענגעהאלטען אַלע אָבגעזונדערטע און צוברעקעלטע געדאנקען און מיינונגען, וועלכע איך האָב געהאט. איך האָב אין דעם בוך געפונען א פי־לאָזאָפיע, א דאָקטרינע, אן אמונה. איך האָב איצט געקריגען א רעליגיאָן אין בעסטען זין פון וואָרט, און דער הויפּטצוועק פון מיין לעבען איז געוואָרען זי צו פערשפּרייטען אויף דער וועלט".

אין דעם זעלבען יאָהר האָט מילל גענומען לערנען אונטער זיין פאטער'ס השגחה די העכערע קורסען פון דער אנאליטישער

פסיכאָלאָגיע. ער האָט גרינדליך דורכשטודירט, ווי זיין שטייגער איז געווען, די בעסטע ווערק איבער דעם ענין, און האָט דיסקוטירט די שווערע פונקטען מיט זיין פאטער, וועלכער האָט אליין געשריבען א בוך איבער פסיכאָלאָגיע. אין זומער פון 1822 האָט דער יונגער מילל געשריבען זיין ערסטען ווערק, אין וועלכען ער האָט אטאקירט דעם אריסטאָקראטישען פאַראורטייל, ווי ער האָט עס אָנגערופען, פון די וואס מיינען, אז די רייכע שטעהען העכער אין מאָראלע מדות איידער די ארימע. דעם דאָזיגען ביכעל, ווי אויך אנדערע ארטיקלען איבער הויכע ענינים, האָט ער ניט געשריבען מיט דער כונה צו דרוקען, נור כדי צו געוועהנען זיך קלאָר און שארף אויסצודריקען זיינע געדאנקען און ארגומענטען. אין דעם נעכסטען ווינטער האָט ער שוין אָנגעהויבען שרייבען איבער פאָליטישע און עקאָנאָמישע פראגען, און זיי זיינען געדרוקט געוואָרען אין פערשיידענע צייטונגען און זשורנאלען. דעם זעלביגען ווינטער האָט ער געגרינדעט א גרופע פון עטליכע פעהיגע יונגע לייט, אנהענגער פון בענטהאם׳ס לעהרע, מיט דעם צוועק צו לעזען און דיסקוטירען פערשיידענע ביכער פון דעם שטאנדפונקט פון בענטהאם׳ס פרינציפען. ער האָט די גרופע א נאמען געגעבען די „אוטיליטאריאנער געזעלשאפט“, וועלכע האָט זוכה געווען צו געווינען א גרויסען שם, און דאָס ווארט „אוטיליטאריאניזם“ איז אריינגענומען געווארען ווי א ניי ווארט אין דער ענגלישער שפראך.

אין מיי 1823 האָט מילל אויפגעגעבען דעם געדאנק צו שטודירען א פראָפעסיאָן, און האָט אָנגענומען א שטעלע אין דערזעלביגער אָסט־אינדישער געזעלשאפט, וואו זיין פאטער איז געווען בעשעפטיגט. זיין ארבייט אין דער דאָזיגער געזעלשאפט האָט איהם איבערגעלאָזט גענוג צייט פאר זיינע למודים און ליטערארישער בעשעפטיגונג; פון יענער צייט אָן האָט זיין פראפאגאנדיסטישע ארבייט אין דער ראדיקאלער פאָליטיק זיך אָנגעהויבען אין ערנסט. שוין דעם נעכסטען יאָהר, אין אפריל 1824, איז ער געווארען דער רעדאקטאָר פון א נייעם פאָליטיש־וויסענשאפטליכען זשורנאל „לאָנדאָן (און שפּעטער — „וועסטמינסטער“) רעוויו“, אין וועלכען

פיעלע פון די בעריהמטע מענער פון יענער צייט האָבען מיטגעאר־
בייט, און וועלכער האָט אין א גאנץ קורצער צייט געמאכט א
רושם אין דער פּאָליטישער וועלט. אין אָנהויב פון יאָהר 1825 האָט
בענטהאם אויסגעקליבען דעם יונגען מילל צו רעדאקטירען זיין בע־
ריהמט ווערק „דער ראציאָנאל פון געריכטליכע בעווייזען", וועלכען
ער האָט דריי מאָל אין בעזונדערע צייטען אָנגעהויבען שרייבען און
קיינמאָל ניט אין גאנצען געענדיגט. מילל האָט פון די דריי פּעק
מאנוסקריפּטען געדארפט מאכען איין באנד, ענדערן בענטהאם'ס
שווערען סטיל און מוסיף זיין געריכטליכע פאקטען אלס אילוס־
טראציעס פאר'ן טעקסט. די ארבייט האָט איהם געדויערט איבער
א יאָהר צייט, און האָט איהם געצוואונגען צו מאכען א סך איי־
גענע פאָרשונגען, פון וועלכע ער האָט געצויגען גרויסע נוצען פאר
זיין אייגענער ענטוויקלונג. אין די יאָהרען פון 1825 ביז 1830
האָט ער א סך צייט אָבגעגעבען אויף צו דעבאטירען אין עפענט־
ליכע פערזאמלונגען עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראגען, א חוץ
זיין זשורנאליסטישער ארבייט אויף דיזעלביגע ענינים. עס איז
כדאי דאָ צו דערמאָנען ספּעציעל איין ארטיקעל, וואָס ער האָט גע־
שריבען אין דעם יאָהר 1828. (דער לעצטער אין „וועסטמינסטער
רעוויו" אונטער זיין רעדאקציע). דאס איז געווען א היסע פערטיי־
דיגונג פון די ערסטע פראנצויזישע רעוואָלוציאָנערען אנטקעגען די
אטאקע, וואס וואָלטער סקאטט האָט געמאכט אויף זיי אין דער
איינלייטונג צו זיין ווערק „דאָס לעבען פון נאפּאָלעאָן". מילל
דערצעהלט, אז ער האָט אוועקגעלעגט א מאסע ארבייט און צייט
אויף דעם ענין, ניט אזוי צוליב דעם דאָזיגען ארטיקעל אליין, נור
מחמת ער האָט בדעה געהאט צו שרייבען א בוך איבער דעם. שפּע־
טער, ווען ער האָט אויפגעגעבען דעם געדאנק, האָט ער אוועקגע־
געבען דעם גאנצען מאטעריאל, וואס ער האָט אָנגעזאמעלט אויף
דעם ענין, צו טאָמאס קארלייל, וועלכער האָט געמאכט דערפון
גרויסע נוצען פאר זיין בעריהמט ווערק „די פראנצויזישע רעוואָ־
לוציאָן".

אין אָט דער פעריאָדע, בעת מילל איז שוין געווען א געזעצ־

טער מענש און האָט זיך שוין ערוואָרבען א גרויסע רעפּוטאציע אלס דיינקער, איז אין זיין אינערליכען לעבען פארגעקומען א קריזיס, וועלכער האָט פאר א געוויסע צייט צובראכען זיין געמיט, האָט אריינגעבראכט א חושך אין זיין הארצען און איהם קוים געלאָזען א לעבעדיגען. אין זיין געלאַסענעם אבער בעהארציגטען וועג האָט ער אונז געלאָזען א געטרייען בילד פון יענעם טרויעריגען צושטאנד פון זיין נשמה אין דער פאָלגענדער בעשרייבונג אין זיין אויטאָביאָגראפיע: —

„זינט דעם יאָהר 1821, ווען איך האָב צום ערסטען מאָל געלעזען בענטהאם'ען, און דערהויפּט אין אָנפאנג פון מיין ארבייט אין „וועסטמינסטער רעוויו", האָב איך געהאט וואס מען קען באמת אנרופען א צוועק אין לעבען — צו רעפאָרמירען די וועלט. מיט אָט דעם צוועק איז געווען צוזאמענגעקניפּט דער בעגריף פון מיין אייגענעם פערזענליכען גליק, און אלץ וואס איך האָב זיך געוואונשען, איז געווען צו געווינען די סימפּאטיע פון מיינע מיטארבייטער אין דער דאָזיגער אונטערנעהמונג. איך האָב נאטירליך געהאָפט אָנצוקלייבען פערבייגעהענדיג אויפ'ן וועג אזויפיעל בלומען וויפיעל עס וועט זיין מעגליך, אָבער מיין ערנסטע און דויערהאפטיגע צופרידענשטעלונג האָב איך געזוכט נאָר אין דעם דאָזיגען צוועק אליין. אלץ איז געגאנגען כשורה פאר עטליכע יאָהר, אין וועלכער צייט די אלגעמיינע רעפאָרמען, וואס זיינען פארגעקומען אין דער וועלט, און דער געדאנק, אז איך צוזאמען מיט אנדערע זיינען אריינגעטון אין דעם קאמפּף צו געווינען וואס מעהר טובות פאר דער מענשהייט, איז געווען גענוג אָנצופילען א גאנץ אינטערעסאנט און מונטער לעבען. אָבער עס איז געקומען א צייט און איך האָב זיך אויפגעכאפּט ווי פון א חלום. עס איז געווען אין הערבסט פון'ם יאָהר 1826. מיינע נערוון זיינען געווען אין א מאטען צושטאנד, ווי עס טרעפט אמאָל מיט יעדערן, ווען עס פיהלט זיך עפּעס ניט קיין אנגענעהמער רייץ און קיין געגוס, ווען די געוועהנליכע פערגעניגענס פערלירען זייער טעם, ווערען בלאס און מען פיהלט זיך גלאט אזוי ניט אהער, ניט אהין. אין אָט אזא

מין צוקראָכענעם צושטאנד פון גייסט איז מיר איינגעפאלען די פאָלגענדע דירעקטע פראגע: „נו שטעל זיך פאָר, אז אָט זיינען מקוים געווארען אלע דיינע צוועקען אין לעבען; שטעל זיך פאָר, אז אלע ענדערונגען אין די מיינונגען און די אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאפט צו וועלכע דו שטרעבסט, קענען פערווירקליכט ווערען גלייך אין דער סעקונדע — וואלסטו געפיהלט אין דעם א גרויסע שמחה, וואָלט עס דיך גליקליך געמאכט?" און א געפיהל פון זעלבסטבעוואוסטזיין, א שטימע פון אינעווייניג, וועלכע האָט זיך בשום אופן ניט געלאָזט אונטערדריקען, האָט קלאָר געענט־פערט: „נ י י ן!" מיין הארץ האָט בעת מעשה גענומען זינ־קען אין מיר. איך האָב געפיהלט, אז דער גאנצער פונדאמענט, אויף וועלכען איך האָב געבויט מיין לעבען, איז פלוצלונג איינגע־פאלען אונטער מיינע פיס. איך האָב געהאָפט צו געפינען מיין גליק אין דעם שטענדיגען ארבייטען פאר אָט דעם צוועק — היינט אז דער צוועק האָט אויפגעהערט מיך צו בעצויבערן, איז וואס פאר אן אינטערעס קען איך האָבען אין די מ י ט ל ע ן צום צוועק? עס האָט זיך מיר קלאָר אויסגעוויזען, אז עס איז מיר גאָר נישט ניט געבליבען פאר וואָס צו לעבען..."

„פון אָנהויב האָב איך נאָך געהאָפט, אז דער וואָלקען וועט פארבייגעהן פון זיך אליין: ער איז אָבער ניט פארבייגעגאנגען. א נאכט'ס שלאָף, די רפואה בדוקה פאר די קלענערע אונאנגע־נעהמליכקייטען פון לעבען, האָט אויף דעם קיין ווירקונג ניט גע־מאכט. איך בין אויף מאָרגען אויפגעשטאנען מיט נאָך א פרישערן געפיהל פון דעם טרויערדיגען פאקט. וואו איך בין געגאנגען און אין אלץ וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך דעם געפיהל מיטגעטראָ־גען מיט זיך. כמעט קיין זאך האָט ניט געהאט די קראפט צו מאכען איך זאָל פערגעסען אָן דעם אפילו פאר עטליכע מינוט. דער וואָל־קען וואס האָט בעצויגען מיין נשמה איז פאר עטליכע חדשים נאָכ־אנאנד געווארען אלץ געדיכטער און געדיכטער. אומזיסט האָב איך געזוכט אן ערלייכטערונג אין מיינע בעליעבטע ביכער, אין יענע זכרונות פון אמאָליגער נאָבעלקייט און גרויסקייט, פון וועלכע איך

האָב תמיד געשעפּט פרישע כחות און נייע דערמונטערונג. איך האָב זיי איצטער געלעזען אָהן א געפיהל, אָדער ריכטיגער געזאָגט, מיט דעם פון לאנג צוגעוועהנטען געפיהל, אָבער אָהן דעם צויבער, וואס ער פלעגט ארויסרופען אין מיר פריהער: און איך בין איבערצייגט געווארען, אז מיין ליעבע פאר דער מענשהייט, מיין ליעבע צו דער מענשליכער גרויסקייט, ווי א זאך פאר־זיך, איז איצטער שוין אין גאנצען אויסגעוועבט געוואָרען. — איך האָב ניט געזוכט קיין טרייסט אין רעדען מיט אנדערע מענשען וועגען מיין שווערען געמיט. ווען איך וואָלט וועמען עס איז שטארק געליעבט און וואָלט איהם געקענט פערטרויען מיינע ליידען, וואָלט איך אפשר גאר צו אזא לאגע ניט געקומען. ווען איך וואָלט געוואוסט ביי וועמען צו זוכען אן עצה, וואָלט עס מיר אודאי זעהר טייער געווען; איך האָב אָבער קיינעם ניט געהאט, פון וועמען איך האָב געקענט האָפען צו קריגען די נויטיגע הילף. מיין פאטער, צו וועלכען איך וואָלט אין אלע פראקטישע פערלעגענהייטען זיך בטבע געווענדעט נאָך אן עצה, איז לחלוטין ניט געווען דער מענש, פון וועמען איך האָב געקענט דערווארטען א הילף אין אזא פאל. אלץ וואס איך האָב געזעהען פון איהם האָט מיך איבערצייגט, אז ער איז גאָר ניט בעקאנט מיט אזא גייסטיגען צושטאנד, פון וועלכען איך האָב געליטען, און אז אויב אפילו ער וואָלט שוין מיך יא געקענט פערשטעהן, איז ער ניט געווען דער רופא, וואס וואָלט מיך געקענט היילען. מיין ערציהונג, וועלכע איז אין גאנצען געווען זיין ארבייט, האָט קיינמאָל אין אויג ניט געהאט צו פערוואָרענען אזא סוף. איך האָב אויך ניט געוואָלט איהם פערשאפען קיין אומזיסטע יסורים, בעווייזענדיג איהם ווי זיינע פלענער זיינען דורכגעפאלען, איצט לאחר המעשה, ווען איך האָב געמיינט, אז דער פעהלער איז אונהיילבאר, יעדענפאלס אז ז י י נ ע רפואות קענען די קראנקהייט ניט היילען.

„עס איז זעהר מעגליך, אז מיין לאגע איז גאר ניט געווען אזוי משונה'דיג; און עס איז איצט ביי מיר קיין ספק ניט, אז א סך אנדערע האָבען אויך דורכגעמאכט אזא ערפאהרונג. מיר האָט אָבער

אויסגעוויזען, אז מיין אייגענארטיגע ערציהונג איז דאָס שולדיג אין דעם; אז מיין לאגע איז א דירעקטער פועל יוצא פון דער דאָזיגער אורזאך, און דעריבער קען דערצו קיין הילף ניט זיין. איך פלעג זיך אָפט פרעגען, צו איז עס מעגליך איך זאָל קענען אזוי ווייטער לעבען, אדער צו איז גאר כדאי אזוי ווייטער לעבען; און געוועהנליך פלעג איך זיך אליין ענטפערן, אז מעהר ווי איין יאָהר וועל איך עס אודאי ניט קענען אריבערטראָגען... ווען עס איז אוועקגעגאנגען ניט מעהר ווי א העלפט פון דער צייט, האָט זיך אין מיין פינסטערניש בעוויזען א קליינינקער שטראהל פון ליכט. איינמאָל האָט זיך מיר צופעליג געמאכט צו לעזען מארמאָנטעל'ס „מעמוארען", וואו ער דערצעהלט וועגען זיין פאטער'ס טויט און וועגען די אומגליקליכע לאגע פון זיין פאמיליע, און ווי ער איז בעגייסטערט געוואָרען פון דעם פלוצימדיגען געדאנק, אז ער, א קליין אינגעל וואס ער איז יעמאָלט געוועזען, וועט ווערן א פאטער פאר זיין פאמיליע און ער וועט נעהמען אויף זיך ממלא זיין דעם שאדען, וואס זיי האָבען געליטען. די דאָזיגע סצענע און די געפיהלען פון יענע מענשען האָבען זיך מיר פארגעשטעלט ווי א לעבעדיג בילד פאר מיינע אויגען, און איך בין געריהרט געווארען ביז צו טרערען. פון דער מינוט אָן איז מיין לאסט לייכטער געווארען. דער דריקענדער געדאנק, אז אלע געפיהלען זיינען אין מיר אבגעשטאָרבען, איז אוועקגעגאנגען. איך בין שוין מעהר ניט געוועזען אזוי פערצווייפעלט: איך האָב איינגעזעהען, אז איך בין ניט ווי א שטיק האָלץ אָדער א שטיין; אז איך האָב נאָך אין זיך א ביסעל מאטעריאל, פון וועלכען עס קען אויפגעבויט ווערען א בעסערער כאראקטער און א פרישע פעהיגקייט צו פערנעהמען גליקליכקייט. איך האָב ביסלעכווייז אלץ מעהר זיך בעפרייט פון דעם טרויעריגען געדאנק, אז פאר מיר איז שוין אלץ פערלאָרען און איך האָב ווידער אָנגעהויבען צו פיהלען א שטיקעל פערגעניגען אין די געוועהנליכע פאסירונגען פון לעבען. דער וואָלקען איז לאנגזאם פערשוואונדען און איך האָב אנגעהויבען הנאה צו האָבען פון דער זונשיין, פון בלויען הימעל, פון ביכער, פון געשפרעכען, פון פאָליטישע פראגען...

און הגם דער טרויערדיגער געפיהל האָט זיך מיר עטליכע מאָל ווידער אָבגערופען, און האָט אמאָל אָנגעהאלטען עטליכע חדשים נאָכאנאנד, האָב איך דאָך מעהר קיינמאָל ניט געפיהלט אזוי אומגליקליך ווי איך בין געוועזען דאמאָלסט".

די ערפאהרונג פון דער דאָזיגער טרויערדיגער פעריאָדע האָט מיטגעבראכט א וויכטיגע ענדערונג אין מילל'ס כאראקטער און אין זיינע מיינונגען. דער פרינציפּ פון אוטיליטעט, אויף וועלכען ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, האָט געהאט די טענדענץ צו שטעלען די פּראקטישע וויכטיגקייט פון יעדער זאך, אפילו פון דער מענשהייט'ס אידעאלען, אויפ'ן ערסטען פּלאן. בעוואוסטזיניג און ניט בעוואוסטזיניג האָט ער אין יעדער טהאט און אין יעדען געדאנק געזוכט א ניצליכען צוועק, אָן אָפּענע טובה, א געפיהל פון גליק ווי א בעלוינונג פאר יעדע אָנשטרענגונג. איצט האָט ער דערזעהן, אז די מענשליכע נשמה איז ניט געבויט אין גאנצען אויף אָט דעם פּרינציפּ; אז גליק קען נור קומען בהיסח הדעת, ניט וועגענדיג און מעסטענדיג די ניצליכקייט פון יעדען וואָרט און יעדען טריט. ער האָט אויך אָנגעהויבען איינצוזעהן, אז עס איז ניט גענוג אוועקצולעגען אלע כחות נור אויף דער ענדערונג פון די אויסערליכע אומשטענדען און אויף דער ערציהונג פון מענשען זיי זאָלען נור קענען דיינקען און טון. ער האָט איצט פערשטאנען דעם ריכטיגען פּלאץ וואס די געפיהלען דארפען פארנעהמען אין דער מענשליכער ערציהונג; אָדער, ווי ער דריקט זיך אליין אויס, „דעם פּלאץ וואס מען דארף אָבגעבען פאר ד ע ר א י נ ע ר ל י כ ע ר ק ו ל ט ו ר פון דעם אינדיווידום". „די בילדונג פון די געפיהלען, שרייבט ער, איז געווארען איינע פון די הויפּטפּונקטען אין מיין עטהישען און פילאָזאָפישען גלויבען".

פּאָעזיע, קונסט און שענקייט האָט ער געלערנט פון זיין ערציהונג צו שעצען נור לויט זייער ניצליכקייט נאָך. „מליצה, האָט איהם אמאָל זיין פאטער געזאָגט, שאדט ניט: ערסטענס קען מען אין א פּאָעטישער פאָרמע אמאָל בעסער אויסדריקען א געדאנק, אין צווייטענס, מאכט עס אָפּט מאָל א בעסערע ווירקונג אויפ'ן

צוהערער אָדער לעזער". מוזיק איז געווען דאָס איינציגע, וואָס האָט איהם פון זיין קינדהייט אָן פערשאפט פערגעניגען, אָבער אין זיין אומעטיגער פעריאָדע האָט די מוזיק אויך ניט געהאט בכח אויפצוהויבען זיין גייסט; פערקעהרט, זי האָט איהם פערשאפט איבעריגע זאָרג. עס איז אינטערעסאנט צו לעזען אין זיין אויטאָביאָגראפיע וועגען די נאאיווע שברות הלב, וואס דער יונגער און אין יענער צייט טרוקענער דיינקער האָט געהאט פון דעם וואס ער האָט מורא געהאט, אז אין דער צוקונפט וועט דער געגוס פון מוזיק פערשווינדען. „די שטענדיגע וויעדערהאָלונג פון די זיסעסטע טענער, אזוי האָט ער יעמאָלט פילאָזאָפירט, מוז ווערען דערעסען, סיידען מען זאָל שטענדיג קענען אויסגעפינען נייע קאָמבינאציעס. אָבער פון וואנען װעלען זיי דאָס זיך אייביג נעהמען? דער אָקטאוו בעשטעהט נור פון פינף טענער און צוויי האלבע, וועלכע קענען צוזאמענגעבונדען ווערען נישט מעהר ווי אין א בעגרעניצטע צאָהל פאָרמען, און פון דער בעגרעניצטער צאָהל קען נור א קליינע סומע פון קאָמבינאציעס זיין שעהן. דער גרעסטער טייל פון די שענע צוזאמענבינדונגען, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, איז שוין ענטדעקט געווארען, און עס איז שוין מעהר ניט געבליבען קיין פיעל פלאץ פאר נייע מאָצארטס און וועבערס אייביג אויסצוגעפינען נייע קוואלען פון מוזיקאלישער שענקייט".

דער געוועזענטער פילאָזאָף האָט זיך איצט אָנגעכאפט פאר דער פּאָעזיע. וואָרדסוואָרטה איז געווארען זיין ליעבלינג. ער האָט אויך געלעזען געטהע'ן און אנדערע דייטשע דיכטער.*) זיין שטור־

---

*) אויב אין אָריגינאַל אדער אין איבערזעצונג איז מיר עד היום ניט קלאָר. געאָרג בראנדעס אין זיין סקיצע איבער מילל בעהויפטעט אויסדריקליך, אז מילל האט אַ וואָרט דויטש ניט פערשטאַנען; דאגעגען אָבער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערצעהלט מילל אליין, אז ער האָט געגרינדעט אַ קלאַס פון זיינע חברים, צוזאַמען מיט וועמען ער האט גרינדליך שטודירט די דויטשע ליטעראַטור אין אָריגינאַל.

דיום איז איצט איבערהויפּט געוואָרען ברייטער און טיפער. די שוואַכע פּלעצער פון זיין פילאָזאָפישען בנין האָט ער אונטערגע־שפּאַרט און פערשטאַרקט מיט נייע אידעען, און האָט זיך גענומען שטודירען מיט מעהר מוט די געזעץ פון מענשליכען גייסט און די גרויסע סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגען פון דער וועלט. זיינע גע־דאַנקען האָבען איצט אויפגעלעבט מיט גאַר א נייער קראַפט. וואָס עס איז איהם פריהער טונקעל געווען, איז איהם איצט קלאָר גע־וואָרען, און אין א סך זאַכען, אין וועלכע ער האָט פריהער ניט גע־גלויבט, אדער וואס ער האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, האָט ער איצטער געפונען נייע וואַרהייטען.

איין פראַגע איבערהויפּט, וועלכע איז איהם פריהער געווען טונקעל און פלעגט איהם אָפּט מאַטערן, איז געווען דער ווידער־שפּרוך צווישען דער „פילאָזאָפישער נויטווענדיגקייט" אָדער „דע־טערמיניזם", ווי מיר רופען עס היינטיגע צייטען, און דעם „פרייען ווילען". די לעהרע פון נויטווענדיגקייט, ד. ה. די לעהרע, אז אלע מענשליכע האַנדלונגען זיינען געצוואונגענע האַנדלונגען, האָט גע־דריקט אויף זיין מוח פּונקט ווי א באַרג וואָלט געלעגען אויף איהם. „איך האָב געפיהלט, שרייבט ער, ווי איך וואָלט פון דער וויסענשאַפט געווען פעראורטיילט צו בלייבען א שקלאַף פון מיי־נע פריהערדיגע אומשטענדען, וועלכע איך קען שוין ניט איבער־בייטען; ווי מיין כאַראַקטער און אלעמענס כאַראַקטער איז בע־שטימט געוואָרען פון פריהערדיגע אורזאַכען, וועלכע מיר קענען ניט קאָנטראָלירען, ווייל זיי זיינען ניט אין רשות פון אונזערע כחות. איך פלעג אָפּט זאָגען צו זיך אליין: וואס פאַר א חיות דאס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט אויפהערען גלויבען, אז דער כאַראַקטער האָט ניט קיין כח איבער די אומשטענדען! מיט א צו־וועהטאַגט האַרץ פלעג איך זיך אָפּט פערטיעפען אין דעם רעיון, ביז וואַנען די זאַך איז מיר ענדליך קלאָר געוואָרען. איך האָב דערזעהען אז דער טעות ליעגט אין דעם פאַלשען צוזאַמענהאַנג, וואס דאָס וואָרט „נויטווענדיגקייט" רופט ארויס אין אונזער גע־דאַנק. איך בין געקומען צום שלום, אז אויב אפילו אונזער כאַראַק־

טער איז א פּראָדוקט פון אומשטענדען, איז ער ניט קיין אונבע־דינגט נויטווענדיגער פּראָדוקט פון די פריהערדיגע אומשטענדען אליין, און אונזערע פערלאנגען קענען ענדערן די אומשטענדען גופא. די לעהרע פון „פרייען ווילען" איז מיר פאָרגעקומען נאָבעל און בעגייסטערנד דערמיט, וואס זי גיט אונז די איבערצייגונג, אז מיר בעזיצען אן אמת'ע קראפט איבער די אויסבילדונג פון אונ־זער אייגענעם כאראקטער".

אָט דעם געדאנק האָט ער שפּעטער אויסגעארבייט אין זיין „סיסטעם פון לאָגיק", אין א בעזונדער קאפּיטעל איבער „פריי־הייט און נויטווענדיגקייט", וואו ער בעווייזט אויספיהרליך דעם חילוק פון בעדינגטער און אומבעדינגטער נויט־ווענדיגקייט, און ווייזט אויף, אז די נויטיגע פערבינדונג צווי־שען אורזאך און ווירקונג בנוגע דעם מענשליכען כאראקטער איז א בעדינגטע נויטווענדיגקייט. ער ארגומענטירט דאָרטען אונגעפעהר אזוי: ווען מיר זאָגען, אז אלע מענשליכע מעשים קו־מען פאר ווי א „מוז", מיינען מיר נור, אז זיי וועלען אודאי פאָר־קומען, אויב עס וועט ניט זיין קיין זאך, וואס זאָל זיי אָבהאלטען. דער דעטערמיניסט, וואס גלויבט אז אונזערע מעשים שטאמען פון אונזער כאראקטער, און אז אונזער כאראקטער שטאמט פון אונ־זער קערפּערליכען געבוי, פון אונזער ערציהונג און פון אונזערע אומשטענדען, איז געוועהנליך א פאטאליסט בנוגע זיינע אייגענע האנדלונגען און גלויבט, אז זיין ערציהונג און אומשטענדען האָבען איהם געגעבען אזא כאראקטער, אז קיין זאך קען שוין איצט ניט פערמיידען ווי און וואס ער זאָל פיהלען און טון, אָדער לכל הפחות אז ער אליין קען בשום אופן דאָס ניט פערמיידען. דאָס איז אבער א גרויסער טעות. דער מענש האָט די קראפט ביז א געוויסען גראד צו ענדערן זיין כאראקטער. אמת, זיין כאראקטער קומט פון זיינע אומשטענדען — אָבער זיין אייגענער פערלאנג צו ענדערן איהם אין א בעשטימטען ארט, איז אויך איינער פון יענע אומשטענדען, און גאָר ניט קיין וועניג־וויכטיגער. אי, וועט מען זאָגען, דער פערלאנג אָדער ווילען איז דאָך אליין אויך א פּועל יוצא פון פריהערדיגע

אומשטענדען, איבער וועלכע מיר האָבען קיין קאָנטראָל ניט? איז דער תירוץ: ער איז ניט קיין אומבעדינגטער פועל יוצא פון יע־נע אומשטענדען. אונזערע אלע מאָל־פרישע ערפאהרונגען האָבען אויך א חלק אין דער אויסבילדונג פון אונזער ווילען, און זיי קענען אמאָל זיין בכח בייצוקומען די קראפט פון די פריהערדיגע אורזאכען. עס קען זיך אין אונז דערוועקען למשל א פרישער גע־פיהל צו בעוואונדערן א שענע זאך, וואס מיר האָבען צופעליג אנגעטראָפען: אָט דער געפיהל קען שאפען אין אונז א נייעם וואונש, און דער נייער וואונש קען ארויסרופען אין אונז א אנאנ־דער ווילען איידער יענער, וואָס די פריהערדיגע אומשטענדען האָ־בען געשאפען, — א ווילען צו בייטען די אומשטענדען גופא. ווען מיר זאָגען פרייער ווילען, מיינען מיר בשום אופן ניט, א ווילען וואס איז פריי און אונאבהענגיג פון אלע פריהערדיגע סבות; מיר מיינען נור, אז דער ווילען איז ניט איין מאָל פאר אלע מאָל אן אָבגעשלאָסענער אויסדרוק פון געוויסע עבר'דיגע סבות, וועלכע לאָזען זיך שוין ניט מעהר ענדערן: ער איז ניט קיין אומבעדינג־טער פועל יוצא פון יענע סבות. אונזער קערפערליכער געבוי, אונ־זערע מיטגעבאָרענע אייגענשאפטען, אונזער בילדונג, אלע צוזא־מען זיינען בכלל די אורזאכען פון אונזער כאראקטער; אָבער אלע ב ת נ א י, אויב זיי טרעפען זיך ניט אָן מיט אנדערע בעדינגונ־גען, וועלכע קענען ארויסרופען אין אונז נייע פערלאנגען, וואס וועלען שאפען אנאנדער ווילען; און אָט דער ווילען גופא קען נאכהער אליין דיענען פאר אן אורזאכע, וואס רופט ארויס א נייעם כאראקטער מיט ווידער א נייעם ווילען.

דזשאהן סטוארט מילל איז ניט געווען דער מענש, וואס דיינ־קען איז ביי איהם א פראָפעסיאָן און דאָס לעבען א זאך פאר־זיך: זיין דיינקען איז געווען זיין לעבען. ער, דער ערצויגענער אפאָס־טאָל, דער רעפאָרמאטאָר פון מיינונגען, האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען אין לעבען אוואו ער האָט ניט אויפגעדעקט דעם טעות, וואס איז גילעגען פערבאָרגען אין דער לעהרע פון נויט־ווענדיגקייט — כל זמן ער האָט ניט בעפרייט דעם ווילען פון די

פאטאליסטישע קייטען, וואס די דעטערמיניסטען האבען אויף איהם ארויפגעלעגט.

* * *

אין דעם יאהר 1830 האט ער אנגעהויבען שרייבען זיין לאָגיקע. ארום יענער צייט איז ער בעקאנט געווארען מיט דער סען־סימאָניסטישער שולע פון סאָציאל־פּאָליטישע געדאנקען. איבער־הויפט האט איהם פעראינטערעסירט אגיוסט קאָנט, וועלכער האט זיך יעמאָלט דערקלערט פאר סען־סימאָן׳ס א תלמיד. מיט קאָנט׳ן האט ער א לאנגע צייט געפיהרט א וויסענשאפטליכע קארעספּאָנ־דענץ, ער איז אבער קיינמאָל ניט געווען בעקאנט מיט איהם פער־זענליך. „די קריטיק פון די סען־סימאניסטען אויף די אנגענו־מענע לעהרען פון ליבעראליזם, שרייבט מילל אין זיין אויטאָבי־אָגראפיע, האט זיך מיר פארגעשטעלט רייך אין וויכטיגע וואר־הייטען. זייער ציעל האט מיר געשיינט צו זיין זעהר ווינשענס־ווערטה און פערנינפטיג, אויב אפילו זייערע מיטלען זיינען ניט געווען די בעסטע. און הגם איך האב ניט געגלויבט, ניט אין די פראקטישע מעגליכקייט, ניט אין די גוטע ווירקונג פון זייער גע־זעלשאפטליכען בנין, האב איך אבער געפיהלט, אז זייער פראָקלאָ־מירען אזא אידעאל פאר דער מענשהייט איז אליין א גוטע זאך, און מוז העלפען פיהרען אויף׳ן ריכטיגען וועג די ארבייט פון אנ־דערע מענשען, וואס זוכען נעהענטער צו ברייננגען די היינטיגע גע־זעלשאפט צו א בעסערען און אידעעלערען צושטאנד. מעהר פאר אלץ אבער האב איך זיי געשעצט גראד פאר דאס, פאר וואס אלע איבעריגע האבען זיי געטאדעלט: פאר זייער מוט און זייער אוועק־ווארפען אלע פאראורטיילען אין דער בעהאנדלונג פון דער פרויען־פראגע — א פראגע, וועלכע איז וויכטיגער, און נויטיגט זיך אין מעהר גרינדליכע ענדערונגען, איידער וועלכע עס איז אנדערע סאָציאלע אינסטיטוציע, אבער וועלכע כמעט קיין רעפארמאטאר האט ניט דעם מוט אנצוריהרען. פאר זייער פראָקלאמירען פאָל־שטענדיגע גלייכהייט פאר מענער און פרויען, און פאר זייער אנ־ווייזען אויף די נויטיגקייט פון א גאנץ נייעם סדר פון פיהרונגען

בנוגע זייער שייכות איינע צו די אנדערע, האָבען די סען־סימאָ־ניסטען, צוזאמען מיט אָווען און פוריע, פערדיענט די דאנקבאר־קייט פון די צוקינפטיגע דורות".

פריי אויפאָטעמענדיג מיט א פרישען געמיט און בעפרוכטענ־דיג זיינע פּאָליטישע אידעאלען מיט דער נייער זריעה פון דער סען־סימאָניסטישער שולע, האָבען זיינע געדאנקען בנוגע דער פּאָ־ליטיק א סך בררייטער זיך פערצווייגט און א סך טיעפער געלאָזט זייערע וואָרצלען. ער האָט אויפגעהערט צו האלטען די דעמאָקראַ־טישע רעגירונג דורך אויסדערוועהלטע פערטרעטער פאר אן אבסאָ־לוטען פּרינציפּ, און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף דעם ווי אויף א פראגע פון צייט, אָרט און אומשטענדען. אין זיין רעאקציע אנטקעגען זיין פריהערדיגען ענטוזיאזמוס פאר די בענטהאמיס־טישע פּריציפּען, האָט ער בעטראכט די ענדערונג פון פּאָליטישע אינסטיטוציעס מעהר אלס א פראגע פון מאָראל און ערציהונג, איידער אלס א פראגע פון טרוקענע מאטעריעלע אינטערעסען. אויף דער פּראקטיקע אבער איז ער געבליבען א ראדיקאלער דע־מאָקראט, דערהויפּט פאר ענגלאנד, און האָט געארבייט פאר'ן פּראגרעס לויט די פאָדערונגען פון זיין צייט און די אומשטענדען פון זיין לאנד. די יולי רעוואָלוציאָן אין פראנקרייך האָט אין איהם דערוועקט די גרעסטע בעגייסטערונג: זי האָט א נייעם לעבען איהם אריינגעגעבען, ווי ער דריקט זיך אליין אויס. גלייך ווי די רעוואָלוציאָן האָט אויסגעבראָכען איז ער אוועק קיין פּאריז, האָט זיך פּארגעשטעלט פאר לאפאיעט'ן, און האָט געשלאָסען בעקאנט־שאפט מיט די פיהרער פון דער ראדיקאלער פּאָלקספּארטיי. קור־מענדיג צוריק אהיים, האָט ער זיך מיט היץ אריינגעוואָרפען אין די פּאָליטישע דיסקוסיאָנען פון זיין לאנד, און האָט א סך גע־שריבען וועגען די רעפאָרם בעוועגונג בכלל און די פראנצויזישע פּאסירונגען בפרט. אין די נעכסטע פּאָר יאָהר האָט ער אָנגעשרי־בען א ביכעל „איבער געוויסע ניט־פערענטפערטע פראגען פון פּאָ־ליטישער עקאָנאָמיע", פאר וועלכען ער האָט אבער צו יענער צייט ניט געקענט געפינען קיין פערלעגער, און דאס ביכעל איז ערסט

געדרוקט געווארען אין 1844, נאכדעם ווי ער האט געהאט אן ער־פאלג מיט זיין בוך איבער לאגיק.

אין דער דאזיגער אבהאנדלונג איבער פאליטישע עקאנאמיע איז מילל ארויסגעטראטען ווי א דירעקטער אנהענגער פון ריקאר־דא; דאך זעהט מען שוין פון דארטען ארויס, ווי ער פערנעהמט זיך ברייטער און טיעפער אין דער ערקלערונג פון אורזאכען און אין דער בעדייטונג פון פאלגען, און מען פיהלט אז דא רעדט אן אריגי־נעלער און אונאבהענגיגער דיינקער. מילל האט אבער אויף אט דער שטופע פון ריקארדא'ס פרינציפען ניט געקענט בלייבען שטעהן. עס איז ניכר, אז עפעס א נייע קלאץ־קשיא האט זיך איהם בעווי־זען אויפ'ן וועג, א נייער געדאנק האט איהם געמאטערט אין די אנפעלען פון אומעט, פון וועלכע ער האט אפט נאך געליטען. לויט די עקאנאמישע פרינציפען, וועלכע האבען פארגעשטעלט די פראַ־צעסען פון פראדוקציאן און דיסטריבוציאן ווי אייזערנע געזעץ, וואס קענען ניט אונטערבראכען ווערען, האט זיך קלאר ארויסגע־שטעלט, אז וויפיעל כחות מיר זאלען ניט אנווענדען אויף צו פער־בעסערען די לאגע פון די מאסען, וועלען דאך טויזענדער אר־בייטער אייביג מוזען לעבען אין דחקות און נויט, און אנדערע טויזענדער וועלען אלע מאל אויסגעהן פון הונגער. זיינע האפנונ־גען און אידעאלען פון א גליקליכער מענשהייט האבען זיך אבגע־קלאפט אט אן די שטיינערנע וואנד פון מכלומר'שטדיגע עקאנא־מישע געזעץ. די נויט צו געפינען א תירוץ אויף דער שווערער קשיא האט איהם געבראכט אויף א שטופע ווייטער פון ריקארדא, און ער האט געפונען רוה פאר זיין בעטריבטען גייסט אין א נייעם געדאנק, וואס האט איהם אויפגעלויכטען, און וועלכען ער האט קלאר ארויסגעבראכט אין צווייטען בוך פון זיין „פאליטישער עקאנאמיע". דער נייער געדאנק איז בעשטאנען אין דער ענטדע־קונג, אז בעת די בעדינגונגען פון דער פראדוקציאן זיינען אפשר אזוי פעסט ווי פיזישע געזעץ, איז דער פראצעס בנוגע די צוטיי־לונג פון דער פראדוקציאן לגמרי גאר ניט אזוי פעסט. די צוטיילונג, אדער דיסטריבוציאן, האט ער איינגעזעהן, איז א זאך וואס ליעגט

אין די הענד פון מענשליכער בעשטימונג און הענגט אָב בכלל פון געוויסע מנהגים און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע קע־נען געענדערט ווערען, און וועלכע בייטען זיך בטבע. אָט דער גע־דאַנק, ווי פּראָפ. מינטאָ דריקט זיך אויס, איז דער קערענדיל, פון וועלכען עס האָט זיך ענטוויקעלט דער גרעסטער טייל פון דאָס, וואס איז ווירקליך ניי און אָריגינעל אין זיין סיסטעם.

אָט די צייט קען מען רעכענען אַלס די דריטע פּעריאָדע פון מילל'ס גייסטיגען פּראָגרעס. „אָבקעהרענדיג זיך פון דעם בענט־האַמיזם, שרייבט ער אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, בין איך געוואָרען אַביסעל צו־קאָנסערוואַטיוו און האָב זיך בענוגענט מיט די אויס־בערפלעכליכע רעפאָרמען, וואס האָבען אָנגעהויבען אריינטרעטען אין די מיינונגען. איך בין אפילו געוועזען געניייגט צו פערבויגען אַ ביסעל מיינע שאַרפערע אַפּיקורסישע מיינונגען; איצטער האָב איך ווידער פערקעהרט גענומען קוקען אויף זיי, ווי אויף די איינציגע מיינונגען וואס איז כדאי צו פערשפּרייטען, אין דער האָפנונג, אַז זיי וועלען העלפען ברייינגען אַ נייע געזעלשאַפט. מעהר ווי דאָס: מיינע מיינונגען זיינען געוואָרען נאָך ראַדיקאַלער, איידער אין די צייטען, ווען איך בין געוועזען דער שאַרפסטער בענטהאַמיסט. יע־מאָלט האָב איך ניט געזעהן פיעל ווייטער איידער די אַלטע שולע פון פּאָליטישע עקאָנאָמען. פּריוואַט־אייגענטום און ירושה־רעכט האָב איך געהאַלטען פאַר דאָס לעצטע וואָרט פון דער חכמה פון געזעצגעבונג. אַז מען קען געהן ווייטער ווי ביז דעם גדאַנק פון געוויסע רעפאָרמען אין די ירושה־געזעץ, בכדי אָבצושאַפען דאָס אונרעכט וואס אַ קליינע צאָהל מענשען ווערט געבאָרען צו לע־בען אין איבערפלוס און די גרויסע מעהרצאָהל אין אָרימקייט און דחקות — האָב איך דענסטמאָל געהאַלטען פאַר אַן אונזין. מיט איין וואָרט: איך בין געוועזען אַ דעמאָקראַט, אָבער אַ האָר ניט קיין סאָציאַליסט"... זיינע אידעען זיינען איצטער געוואָרען ברייטער און טיעפער. די זאַכען וואס ער האָט פריהער געוואוסט, האָט ער איצטער פערשטאַנען אַ סך גרינדליכער, און האָט געוואוסט מעהר זאַכען, וועלכע ער האָט פריהער ניט פערשטאַנען; און איינע פון

די סבות, וואס האבען מיטגעבראכט די דאזיגע ענדערונג, איז גע־ווען איין געוויסער אומשטאנד, וועלכער איז פארגעקומען אין זיין לעבען ארום יענער צייט.

אין אנפאנג פון די 30יגער יאהרען איז מילל בעקאנט געווא־רען מיט א געוויסער פרוי טיילאר, וועלכע האט געהאט א זעלטע־נעם איינפלוס אויף זיין ראדיקאלער ענטוויקלונג. מיט איהר איי־גענער ארבייט האט אט די פרוי טיילאר קיין איינדרוק אויף דער וועלט־ליטעראטור ניט געמאכט, און מילל'ס ביאגראפערס זיינען אפילו ניט זעהר שטארק נתפעל פון איהר ליטעראָרישען ווערטה; מילל אליין אבער שעצט איהר כאראקטער און פעהיגקייטען אזוי הויך, אז זיין בעשרייבונג פון איהרע מעלות קלינגט כמעט פא־בעלהאפט. ער געפינט קיין גלייכען צו איהר, א חוץ אפשר אין שעללי'ן; און ער מיינט, אז אפילו שעללי'ס אינטעלעקט אין פער־גלייך מיט איהר שפעטער־ענטוויקעלטען גייסט איז געווען ווי דער שכל פון א קינד לגבי דעם פערשטאנד פון א דערוואקסענעם מענ־שען. אין איין ארט דריקט ער זיך גאר אויס, אז איהר אורטייל'ס קראפט איז געווען כ מ ע ט א ו נ פ ע ה ל ב א ר. מילל האט אזא שבח ניט געגעבען קיין אנדער מענשען אויף דער וועלט; און מעג אפילו אזא אבשאצונג קלינגען א היבש ביסעל איבערטריבען, מוז מען דאך איינזעהען, אז זי האט געמוזט זיין אן אויסנאהמע פון א פרוי צו קענען פערדיענען איין קליינעם טייל נור פון דער אכטונג און התפעלות, מיט וועלכער ער רעדט פון איהר, ווען ער דערמאנט איהר נאמען. זייער פריינדשאפט, און שפעטער א י נ־ט י מ ע פריינדשאפט (עם פערשטעהט זיך, אויף אן אבסאלוט עהרענהאפטען אופן) האט אנגעהאלטען פאר גאנצע 20 יאהר איי־דער זיי האבען געקענט געזעצליך זיך פערבינדען אין הייראט, וואס עס האט פאסירט באלד נאך דעם ווי איהר מאן טיילאר איז גע־שטארבען אין דעם יאהר 1851. ניט קימערענדיג זיך וואס בייזע צינגער וועלען זאגען, אדער האבען געזאגט, האט ער אפט פער־בראכט אין איהר געזעלשאפט, שעפענדיג בעגייסטערונג פון איה־רע הומאניטערע אידעען און פראפיטירענדיג, ווי ער האט גע־

גלויבט, פון איהר אונאיבערטרעפליכען שכל און זעלטענעם כא־ראקטער. איהר הומאניזם פערדאנקט ער זיין דערנעהערען זיך צום סאָציאליסטישען אידעאל; און ווען נור ער דערמאָנט זיין נייע ריכ־טונג, רעדט ער בלשון שותפות מיט איהר, ועמען ער רופט אָן „דער וויכטיגסטער פריינד פון מיין לעבען".

„ביי דער צייט — שרייבט ער — זיינען מיר געווען שוואַ־כערע דעמאָקראטען, איידער איך אליין בין פריהער געווען; וואָ־רים כל זמן די אלגעמיינע בילדונג שטעהט נאָך אזוי נידעריג, האָ־בען מיר זיך געשראָקען פאר דער אונוויסענהייט און דערהויפּט פאר דער ענגהערציגקייט און ברוטאליטעט פון דער מאסע: אונ־זער אידעאל אבער פאר דעם צוקינפטיגען פראגרעס האָט ווייט אריבערגעשטיגען דעם אידעאל פון דעמאָקראטיע, און מען וואָלט אונז געקענט גאנץ בעשטימט רעכענען פאר סאָציאליסטען בכלל. הגם מיר האָבען זיך מיט אלע אונזערע כחות אָבגעטרייסעלט פון דער געזעלשאפטליכער טיראנניי איבער'ן יחיד, וואס מען מיינט געוועהנליך אז דאס רוב סאָציאליסטישע סיסטעמען האלטען אין זיך איין, האָבען מיר דאָך געהאָפט, אז די צייט וועט קומען, ווען די געזעלשאפט וועט מעהר ניט זיין צוטיילט אין לעדיג־געהער און ארבייטער, און דער כלל, אז די וואס ארבייטען ניט זאָלען ניט עסען, וועט ניט אָנגעווענדט ווערען ווי איצט נור אויף בעטלער אליין, נור עס וועט אָנגעווענדט ווערען אונפּארטייאיש אויף אלע־מען גלייך. מיר האָבען געהאלטען, אז דער תוך פון דער סאָציאלער פראגע פאר דער צוקונפט בעשטעהט אין דעם, ווי צו פעראייני־גען אויפ'ן בעסטען אופן די גרעסטע מאָס פון אינדיווידועלער פרייהייט מיט א סיסטעם פון קהל'שען אייגענטום פון די רויע מאטעריאלען פון דער ערד, און וואו אלע זאָלען קענען נעהמען א גלייכען חלק אין די נוצען פון פעראייניגטער ארבייט".

אין דער ערסטער אויסגאבע פון זיינע „פּרינציפּען פון פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע", וועלכע האָט זיך געדרוקט אין אָנפאנג פון יאָהר 1848, האָט ער נאָך זיך געהאלטען קאלט צום סאָציאליזם,

און דער טאָן פון זיינע ווערטער איז בכלל געווען א שטרענגער, א געגנערישער. אין דער צווייטער אויסגאבע, איין יאָהר שפּעטער, און אין דער דריטער, דריי יאָהר שפּעטער (אין 1852) האָט זיך זיין האלטונג זעהר ראדיקאל געביטען. דעם גרעסטען טייל פון דאס, וואס ער האָט געשריבען וועגען סאָציאליזם אין דער ערסטער אויסגאבע, האָט ער איצטער אויסגעשטריכען, און אנשטאט דעם אריינגעגעבען נייע געדאנקען און ארגומענטען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זיין מעהר־פּארטגעשריטענע מיינונג.

פאר א שטיק צייט נאכדעם האָט ער ניט געדרוקט קיין ווערק פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט. ער האָט געשריבען אין זשורנא־לען, האָט אָנגעהויבען פערשיידענע ארבייט, וועלכע זיינען פער־טיג געווארען צום דרוק עטליכע יאָהר שפּעטער, און האָט בכלל גענומען אן ערנסטען אינטערעס אין אלע גזעלשאפטליכע בעוועגונגען. — אין 1856, נאָך דעם ווי ער האָט אבגעארבייט אריבער 38 יאָהר אין דעם קאָרעספּאָנדענץ־דעפּארטאמענט פון דער אָסט־אינדישער געזעלשאפט, איז ער דערוועהלט געווארען צו זיין דער אלגעמיינער אויפזעהער איבער די גאנצע קארעספּאנדענץ מיט די אינדישע רעגירונגען — די העכסטע שטעלע אונטער דעם סעק־רעטאר פון דער געזעלשאפט. די שטעלע האָט מילל'ן געגעבען חיונה בשפע פאר זיין גאנץ לעבען, און האָט איהם אויסגעהיט פון צו דארפען זיין אבהענגיג פון דער הכנסה פון זיינע ווערק און זשורנאליסטישע ארבייט. זיין טעגליכע ארבייט אבער אין דער דאָזיגער געזעלשאפט איז ווייט ניט געווען קיין שפּיעלכעל; און אין 1858, ווען די געזעלשאפט איז אוועקגענומען געוואָרען פון די פּריוואטע הענד, אין וועלכע זי איז די גאנצע צייט געלעגען, און איז איבערגעגאנגען צום שטאאט, איז מילל דוקא געווען צופרידען, וואָס ער האָט געמוזט אָבשניידען זיין פערבינדונג מיט איהר, פּיה־לענדיג, ווי ער דריקט זיך אויס, אז ער האָט שוין גענוג פון זיין לעבען איהר אָבגעגעבען. דאָך איז ער געבליבען די גאנצע צייט אין איהר דיענסט ניט אליין צוליב די מאטעריעלע נוצען, נור אויך דערפאר, ווייל זי האָט איהם געדיענט פאר א גייסטיגע שולע,

וואו ער האָט געהאט די בעסטע געלעגענהייט צו לערנען פון פער־זענליכער בעאָבאכטונג די בעדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאר די פּראקטישע פיהרונג פון קהל'שע עסקים, די שוועריגקייטען, וואס זיינען געלעגען אויף יעדען טריט, און די מיטלען ווי זיי אויסצומיידען. „ווי א פילאָזאָפישער שרייבער — ערקלערט ער — וואָלט מיר ניט אויסגעקומען זיך מישב צו זיין מיט אנדערע וועגען מיינע מיינונגען, און אין מיינע טעאָרעטישע ספּעקולאציעס וואָלט איך קיין געלעגענהייט ניט געהאט אָנצושטויסען זיך אויף די שטרויכלונגען, וואס ווייזען זיך אלע מאָל ארויס, בעת מען דארף זיי אָנווענדען אויף דער פּראקטיקע. ווי א סעקרעטאר אבער, וואס האָט אָנגעפיהרט א פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ, האָב איך ניט געקענט אויסדריקען קיין מיינונג, אָדער ארויסגעבען קיין בעפעהל איידער איך האָב פועל געווען צו איבערצייגען מענשען מיט גאנץ אנדערע געדאנקען ווי מיינע, אז די זאך וואס איך האָב געראטען איז געווען כדאי צו טון. איך בין פּראקטיש בעקאנט געווארען מיט דער שווערער ארבייט פון בעוועגען מענשען עפּעס צו טון; איך האָב געלערנט די נויטיגקייט פון קאָמפּראָמיסען און פון אָפּפערן א ניט־וויכטיגען טייל, כדי צו קענען פועל'ן א וויכטיגען טייל. אין דעם לויף פון מיין לעבען האָב איך אויסגעפונען, אז אָט די גע־וועגהייטען זיינען ניט נור פון דער ערסטער וויכטיגקייט פאר דער אייגענער צופרידענהייט, נור אויך, אז זיי זיינען א זעהר נויטיגע בעדינגונג, סיי פאר דעם טעאָרעטיקער, סיי פאר דעם פּראקטיקער צו קענען אויפטון די גרעסטע סומע גוטעס, וואס לויט זיינע געלעגענהייטען נאָך, איז ער ביכולת צו טון".

אין פערלויף פון אָט די צוויי יאָהר (פון 1856 ביז 1858) האָט ער, צוזאמען מיט זיין פרוי, געארבייט אויף דעם בוך „פריי־הייט", וואס ליעגט דאָ, אין זיין אידישער קלייד, פאר'ן לעזער. ער דערצעהלט אונז, אז אויף קיינע פון זיינע שריפטען האָט ער ניט אוועקגעלעגט אזויפיעל מיה אין דער צוזאמענשטעלונג און קאָ־רעגירונג, ווי אויף אָט דעם בוך. נאכדעם ווי ער האָט עס צוויי מאָל איבערגעשריבען, ווי זיין שטייגער איז געווען מיט אלע זיינע

ווערק, האָבען זיי עסביידע שטענדיג געטראָגען מיט־זיך, פלעגען אָפט ארויסנעהמען דעם מאנוסקריפּט און דורכקוקען איהם יעדעס מאָל פון דאָס־ניי: לעזען, איבערוועגען און קריטיקירען יעדען זאץ בעזונדער. זיי האָבען אבגעלעגט אויפ'ן ווינטער פון 1859, ווען זיי האָבען בדעה געהאט צו פאָהרען אין דרום־אייראָפּא פון איהר געזונד וועגען, איבערצוקוקען דאָס בוך צום לעצטען מאָל, איידער זיי וועלען עס געבען צום דרוק. אָט די האָפנונג אָבער — „און יעדע אנדער האָפנונג", ווי ער דריקט זיך אויס מיט א בעטריבטע הארץ — איז צו נישט געווארען דורך דעם אונדערוואַרטעטען טויט פון זיין פרוי, וועלכער איז געקומען פון א שנעלער לונגען־קראנקהייט, אין פראנצויזישען שטעדטעל אַוויניאָן, אויף זייער רייזע אין ווייטען דרום.

נאָך אין דעמזעלביגען יאָהר האָט ער זיך גענומען פאר דער ארבייט, וועלכע ער האָט געהאלטען פאר זיין הייליגען חוב, אָבצודרוקען די „פרייהייט", געווידמעט צו איהר נאָמען, וועמעס ווערק, ווי ער האָט געפיהלט, עס איז געווען אזוי גוט ווי זיינע. „דאָס דאָזיגע בוך, די „פרייהייט", האָט ער געשריבען א צייט נאכדעם, וועט אודאי איבערלעבען מיינע אלע אנדערע שריפטען (מיט דער איינציגער אויסנאהמע אפשר פון דער „לאָגיקע"), ווייל דורך דער פערבינדונג פון איהר גייסט מיט מיינעם, איז אָט דאָס ביכעל געווארען א מין פילאָזאָפישעס טעקסט־בוך פון אן איינציגער ווארהייט, וועמען די ענדערונגען, וואס קומען פאר אין דער היינטיגער געזעלשאפט, ברייגען אלץ מעהר־בולט ארויס. די דאָזיגע ווארהייט איז: די וויכטיגקייט פאר דעם איינצעלנעם מענשען, ווי פאר דער געזעלשאפט בכלל, עס זאָל זיין א גרויסע צאהל פערשיידענע טיפּען כאראקטערען, און די מענשליכע נאטור זאָל האָבען די פולע פרייהייט זיך אויסצושפּרייטען אין אלערליי פערשיידענע און געגענגעזעצטע פאָרמען. קיין זאך קען ניט בעסער בעווייזען ווי טיעף די פונדאמענטען פון אָט דער ווארהייט זיינען געלעגט, איידער דער גרויסער איינדרוק וואס דאס בוך האָט געמאכט

אין אַ צייט, וועלכע, אויב מען קוקט אויף איהר פון אויבען אויף, האָט זיך דאכט־זיך גאר ניט גענויטיגט אין אזא לעהרע".*)

גלייך נאכדעם האָט מילל אנגעשריבען אן אַבהאנדלונג איבער די „פערשקלאפונג פון פרויען", וואו ער האָט פּראָטעסטירט אנטקעגען דעם אונרעכט, וואס ווערט בעגאנגען קעגענאיבער א העלפט פון דער מענשליכער ראסע — די פרויען — בערויבענדיג זיי פון גלייכע געזעצליכע רעכט. דאס ביכעל איז ערסט געדרוקט געווארען אין 1869, און האָט אין דער צייט פון זיין ערשיינען פיעל געהאָלפען דער בעוועגונג פון די וואס האָבען געקעמפּפט פאר פרויען־רעכט. עס איז אויך ארויסגעגאנגען אין בוך־פאָרם זיינע ארטיקלען איבער „פארלאמענטארע רעפאָרמען", אין וועלכע ער האָט פערטיידיגט דעם פּלאן פון „פּראָפּאָרציאָנעלע פערטרעטונג" לטובה פון די מינאָריטעטען, און האָט שארף קריטיקירט דעם איצטיגען סיסטעם פון מאיאָריטעט־הערשאפט. נאָך א ווערק פון יענער צייט איז זיין בעריהמט בוך „אוטיליטאריאניזם". אין זיין לאנגער טהעטיגקייט אלס פילאָזאָפישער דיינקער און פּאָליטישער שרייבער האָט ער אין פערשיידענע פארמען געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער וויסענשאפטליכער ליטעראטור אויף זיינע עטהישע לעהרען, וואס שטאמען אָב פון דער אידעע פון אור־

*) די „פרייהייט" איז ערשיענען אין צאהלרייכע אויסגאָבען אין ענגליש. באַלד דעם נעכסטען יאָהר איז ארויסגעקומען אַ דייטשע אויסגאָבע, אין פראַנקפורט 1860. טהעאָדאָר גאָמפּערץ האָט עס פון דאסניי איבערזעצט אין וויען, 1889; אין 1896 איז ארויס אַ רעקלאַם אויסגאָבע, איבערזעצט (ניט גרויסארטיג) פון דאוויד העק. אין פראַנצויזיש פון דופאָן ווהייט, 1861 (אַ צווייטע אויסגאַבע אין 1864. אין האָלענדיש (גענף 1870); אין דאַניש (קאָפּענהאגען 1875); אין טשעכיש, 1886; אין באָהעמיש 1881; אין שפּאניש 1890; ווי אויך אין רוסיש, איטאַליעניש, און וואהרשיינליך אויך אין אַנדערע שפּראַכען, וועלכע זיינען ניט דערמאַנט אין דער ביבליאָגראַפישער קוועלע, פון וואַנען איך האָב די ידיעות גענומען.

טיליטעט. די אויסזעצונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אנטקעגען זיין סיסטעם, און די מיספערשטענדניסען פון זיין טעאָריע האָבען איהם ארויסגערופען צו געבען א בעזונדערע, פולע בעהאנדלונג פון דער פראגע, כדי צו פערענטפערן די ערנסטע קשיות און אויפצודעקען די טעות'ן פון זיינע קריטיקער. איבערהויפט האָט ער זיך גענומען די מיה, אין דעם דאָזיגען בוך, קלאָר צו מאכען דעם וויכטיגען פונקט, אז דער מאָטיוו פון נוצבארקייט שליסט איין ניט דוקא די מאטעריעלע נוצען אליין, נור אויך די גייסטיגע פערגעניגען און די צופרידענשטעלונג פון די געפיהלען, אזוי גוט ווי פון שכל און פערנונפט.

דער בירגער־קריעג אין אמעריקא, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין דעם יאָהר 1861, האָט אוועקגעריסען מילל'ן פון זיין פילאָזאָפישער ארבייט און האָט דערוועקט אין איהם דעם גרעסטען ענטוזיאזמוס פאר דעם צד פון די צפון־שטאאטען, אנטקעגען די שקלאַפען־האלטער פון די דרום־שטאאטען. מילל האָט זיך זעהר שטארק אינטערעסירט מיט דער אנטי־שקלאפעריי בעוועגונג, וועלכע איז אָנגעגאנגען אין די פעראייניגטע שטאאטען א לענגערע צייט איידער דער קריעג האָט אויסגעבראָכען, און ער איז געוועזען גוט בעקאנט מיט אלע פאזען פון די פּאָליטישע מחליקות צווישען די צוויי צדדים. ווי עס איז בעקאנט, איז דער קריעג ארויסגעקומען ווייל די צפון־ שטאאטען האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען די דרום'דיגע איינפיהרען שקלאפעריי אין צוויי נייע שטאאטען, און האָבען לכתחילה גאר ניט געהאט בדעה אָבצושאפען די שקלאפעריי גאָר אין גאנצען. מילל האָט אָבער פאראויסגעזעהן, אז אויב די מלחמה וועט זיך נור אָנהויבען, און די דרום־שטאאטען וועלען זיך ניט שנעל אונטערגעבען, וועלען דערנסטמאָל די צפון'דיגע זיך ניט בענוגענען מיט פשרות און וועלען בעשליסען אָבצושאפען די גאנצע פערפלוכטע שקלאפעריי־אינסטיטוציע מיט אמאָל. ער האָט געהאָפט זיי צו זעהען קעמפפענדיג אונטער איין פאָהן מיט די נאָבעלע אבאָליוציאָניסטען ווי גאררריסאן, ווענדעל פיליפס און די אנדערע נאָכפאָלגער פון דזשאהן בראון דעם מארטירער. זיין בעגייסטערונג

פאר די צפון־שטאאטען, פון וועמעס ערפאָלג ער האָט דערוואַרט א פאָלשטענדיגע אָבשאפונג פון שקלאפעריי, איז געווען זעהר גרויס; און ער האָט פּראָטעסטירט מיט זיינע אלע כחות אנטקעגען די עפענטליכע מיינונג און די ענגלישע פּאָליטיק, וועלכע האָט דאמאָלסט געהאלטען מיט דעם דרום־צד. זיין ארבייט האָט ניט וועניג בייגעטראָגען צו ענדערען לסוף ענגלאנד׳ס האלטונג און איבערצוטראָגען זייער סימפּאטיע אויף דער זייט פון פרייהייט.

די נעכסטע פּאר יאָהר האָט מילל זיך ווידער אָבגעגעבען מיט פילאָזאָפישע ארבייט און האָט ארויסגעבראכט א נייעם בוך — „אַן אונטערזוכונג פון סער וויליאם האמילטאָן׳ס פילאָזאָפיע“. דער ענין פון דעם בוך איז די אלטע פילאָזאָפישע מחלקה צווישען די שולע וואס האלט, אז דעם מענשען׳ס גרונד־אידעען קומען על פּי א י נ ט ו א י צ י אָ ן, ד. ה. דורך א אינערליכען, מיטגעבאָרענעם וויסען; און די אנדער שולע וואס לערנט, אז די מענשליכע דערקענטניס קומט דורך ערפאהרונג און בעהעפטונג (אסאָציאציאָן) פון אידעען. האמילטאָן, אין זיינע פּאָרטרעגע וואס זיינען יעמאָלט אָקאָרסט ארויס פון דרוק, האָט זיך אוועקגעשטעלט דייטליך אויף דער זייט פון אינטואיציאָן, און מילל, דער פערטרעטער פון דער אנדער שולע, האָט איצטער געפונען פאר נויטיג ארויסצוגעהן אין אָפענער מלחמה מיט האמילטאָן און זיינע תלמידים. דעם צוועק פון זיין איצטיגען ארויסטרעטען דערקלערט מילל אביסעל באריכות אין זיין אויטאָביאָגראפיע, אזוי צו זאָגען:

„דער חילוק צווישען די צוויי שולען פון פילאָזאָפיע — פון דער שולע פון אינטואיציאָן און דער שולע פון ערפאהרונג — איז ניט א זאך פון סתם אבסטראקטע חקירות, נור עס איז א פראגע פול מיט פּראקטישע פאָלגען: א פראגע וואָס ליעגט אין פונדאמענט גופא פון אלע גרעסטע פּראקטישע חלוקי דעות, וועלכע קומען פאָר אין א צייט פון פּראָגרעס. דעם רעפאָרמאטאָר קומט נאָכאנאנד אויס צו פאָדערן ענדערונגען אין פיהרונגען, וועלכע שטיצען זיך אויף מעכטיגע און שטארק־פערשפּרייטע געפיהלען, און ער געפינט זיך אָפּט געצוואונגען צו לייקענען אין דער נויטיגקייט און פעסט־

געשטעלטקייט פון לאנג־אָנגענומענע פאקטען. א טייל פון זיין ארגומענט מוז אָפט בעשטעהן אין דעם בעווייזען, ווי אזוי די מעכטיגע געפיהלען זיינען ענטשטאנען, פון וואנען זיי האָבען זיך גענומען, און פארוואס עס האָט אויסגעוויזען, אז די דאָזיגע פאקטען זיינען אזוי נויטיג און פעסט. די פילאָזאָפיע אָבער, וועלכע דערקלערט די געפיהלען און מאָראלע פאקטען פאר אייביגע עלעמענטען פון דער מענשליכער נאטור, אנשטאט צו דערקלערען זיי פאר א פועל יוצא פון די אומשטענדען פון לעבען און דעם פּראָצעס פון אידעען־בעהעפטונג, שלאָגט אב דעם מוט פון די וואס זוכען צו רעפאָרמירען די אומשטענדען און די ערציהונג. דער רעפאָרמאטאָר מוז דריבער פיהלען א פיינדשאפט צו אָט אזא פילאָזאָפיע, וועלכע איז בטבע גענייגט ארויסצושטעלען איהרע בעליעבטע תורות פאר װארהייטען, וואס שטאמען פון דער אינערליכער נאטור פון מענשען, און האלט דאס דאָזיגע וויסען פאר א שטימע פון נאטור אדער גאָט, וועלכע רעדט צום מענשען מיט א העכערער אויטאָריטעט איידער די קראפט פון אונזער שכל. איך בפרט האָב שוין לאנג געפיהלט, אז די היינטיגע טענדענץ צו בעטראכטען אלע קענטיגע חלוקים פון מענשליכען כאראקטער בתורת מיטגעבאָרענע חלוקים, וואס קענען ניט אָבגעמעקט ווערען — די טבע צו איגנאָרירען אלע שטארקע ראיות וואס בעווייזען, אז גאָר דער גרעסטער טייל פון די חלוקים, וואָס געפינען זיך סיי צווישען איינצעלנע מענשען, סיי צווישען בעזונדערע ראסען, סיי צווישען דיביידע מינים, קענען קומען בדרך הטבע דורך די פערשיידענהייט פון זייערע אומשטענדען — אז אָט די טענדענץ, הייסט עס, איז איינע פון די הויפטשטערונגען פון א פערשטענדיגער בעהאנדלונג פון די גרויסע סאציאלע פראגען און אז זי לעגט שווערע שטיינער אויפ׳ן וועג פון מענשליכען פּראָגרעס. איהר מקור געפינט זיך אין דער אינטואיציאָן־מעטאפיזיקע, וואס האָט כאראקטעריזירט די רעאקציע פון 19טען יאהרהונדערט אנטקעגען דעם 18טען ; און זי איז א טענדענץ, וועלכע איז אזוי אנגענעהם פאר דער מענשליכער פוילקייט און פאר די קאָנסערוואטיווע אינטערע־

סען בכלל, אז אויב מען וועט זי ניט עוקר מן השורש זיין, וועט זי אודאי געטריבען ווערען נאָך ווייטער, איידער די מעהר־מעסיגע פאָרמען פון דער דאָזיגער פילאָזאָפיע קענען דאָס בערעכטיגען“.

„בעטראכטענדיג סער האמילטאָן׳ס רעפוטאציע און שריפטען פאר די גרויסע פעסטונג פון דער אינטואיציאָן־פילאָזאָפיע דאָ אין לאנד — א פעסטונג, וועלכע איז אזוי מורא׳דיג שטארק צו־ליב די גרויסע פערזענליכקייט און אין געוויסע פרטים גרויסע פעהיגקייט פון דעם מאן — האָב איך גערעכענט, אז עס קען ארויסקומען אן אמת׳ע טובה פאר דער פילאָזאָפיע, ווען מען זאָל זיך נעהמען גוט אונטערזוכען אלע זיינע וויכטיגסטע לעהרען און ריכטיג בודק זיין זיינע אלגעמיינע זכיות אויף דער ־הויכער פילאָ־זאָפישער פאָזיציע, וואס ער פארנעהמט. וואס ווייטער איך בין אָנגעגאנגען מיט מיין ארבייט, אויפווייזענדיג א גאנצע מאסע ווי־דערשפרוכען אין זיינע אייגענע רייד, אלץ גרעסער איז געווארען דער היזק פאר זיין רעפוטאציע. מיין עסק איז געווען אויפצודע־קען די זאכען ווי זיי זיינען, און איך האָב זיך ניט אָבגעשראָקען פאר דעם רעזולטאט... אין כלל גענומען, האָט מיין בוך דערפילט זיין צוועק: עס האָט בעוויזען סער האמילטאָן׳ס שוואכע זייט און ארונטערגעזעצט זיין צו־גרויסען פילאָזאָפישען שם לויט דעם ערך פון זיין פערדיענסט. א חוץ דעם האָט מיין בוך, אין די צוויי נייע קאפיטלען וועגען די בעגריפען פון קראפט און שטאָף און דורך דער דיסקוסיאָן פון עטליכע נייע פונקטען, אפשר פועל געווען קלע־רער צו מאכען עטליכע פראגען אין פסיכאָלאָגיע און מעטאפיזיק“.

באלד ווי ער איז פערטיג געווארען מיט האמילטאָן, האָט ער זיך גענומען צו אגיוסט קאָנט׳ס פאָזיטיוויזם. מיט יאָהרען צוריק, ווען קאָנט׳ס נאמען איז נאָך אפילו אין פראנקרייך געווען אין גאנ־צען אומבעקאנט, האָט מילל, לויבענדיג קאָנט׳ס אידעען אין זיין „לאָגיקע“, איהם פערשאפען א סך לעזער און פערעהרער אין ענג־לאנד. קריטיקירען קאָנט׳ס שוואכע פונקטען האָט דאמאָלסט קיין זין ניט געהאט. דאגעגען, מילל האָט דאָס גערעכענט פאר זיין חוב צו פערשפרייטען וויפיעל ער האָט געקענט די וויכטיגסטע בייטרע־

גע, וואס קאַנט האָט געמאכט צום פילאָזאָפישען געדאנק. איצטער אבער, ד. ה. אין די 60יגער יאָהרען, האָט זיך די לאגע א סך געענדערט: קאַנט איז בעריהמט געווארען איבער דער גאנצער וועלט, און האָט אריבערגעשטיגען אפילו מילל'ס גרויסען נאָמען. איצט, ווען קאַנט האָט זיך מעהר ניט גענויטיגט אין בעשיצונג, האָט מילל געפיהלט, אז עס איז געקומען די צייט דורכצופיהרען א קריטיק אויף זיינע לעהרען און אָבטיילען די פסולות פון דעם גאָלד, וואס זיי האָבען ענטהאלטען. דערהויפּט איז מילל'ן געלעגען אָנצורווייזען אויף דעם דעספּאָטישען כאראקטער פון קאָנט'ס סאָציאלען סיסטעם, וועלכער געפינט זיך אין זיינע שפּעטערע שריפטען. מיט דעם צוועק האָט מילל אָנגעשריבען זיין ביכעל: „אָגיוסט קאָנט און דער פּאָזיטיוויזם".

אין 1865 האָט זיך מילל'ס טהעטיגקייט ווידער אריבערגעטראָגען אויפ'ן פעלד פון דער פּאָליטיק. זיינע פערעהרער צווישען די ראדיקאל־ליבעראלען האָבען שוין לאנג געזוכט איהם איבערצורעדען ער זאָל זיך ארויסשטעלען אלס קאנדידאט פאר מיטגליעד אין פּארלאמענט. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געוואָלט הערען דערפון, ערסטענס ווייל יעמאָלט האָט ער נאָך געהאט אָנגעהאלטען זיין שטעלע אין דער אָסט־אינדישער געזעלשאפט, און עס וואָלט אויסגעזעהן ווי ער פערטרעט איהרע אינטערעסען אין פּארלאמענט; און צווייטענס, ווייל ער האָט געהאלטען, אז קיין עהרליכער מענש טאָר זיך ניט נאָכיאָגען נאָך א פּאָליטישען אמט, סיידען ער דענקט, אז ער וועט קענען מעהר ארבייטען לטובת הכלל אין פּארלאמענט, איידער אלס פּריוואט־טוער, בעת ער, מילל, האָט געפיהלט, אז ער האָט גענוג ארבייט אויפצוטון אויסערן פּארלאמענט. איצט אבער, אז די וועהלער פון וועסטמינסטער וואהל־קרייז זיינען געקומען צו איהם און האָבען איהם שטארק געבעטען ער זאָל ווערען זייער קאנדידאט, איז ביי איהם אויסגעקומען, אז עס איז אפשר ניט רעכט זיך צו ענטזאגען, און ער האָט עס אָנגענומען. ער האָט זיי אָבער דערקלערט אין אן אָפענעם בריף אָט די פּונקטען: ערסטענס, אז פערזענליך האָט ער קיין חשק ניט צו געהן אין

פּארלעמנט; צווייטענס, אז אלס קאנדידאט וועט ער ניט האלטען קיין רעדעס און ניט בעטען מען זאָל שטימען פאר איהם; דריי־טענס, אז א קאנדידאט טאָר זיך ניט לאָזען קאָסטען קיין פּרוטה פאר די וואהל־הוצאות, און ער וועט בשום אופן ניט האנדלען אנדערס; און פיערטענס, אז אויב ער וועט דערוועהלט ווערען, נעהמט ער זיך ניט אונטער אָבצוגעבען זיין צייט און ארבייט פאר זייערע אָרטיגע אינטערעסען, נור ער וועט זיך אין גאנצען אָבגעבען מיט די אלגעמיינע אינטערעסען פון לאנד. ער האָט אין דעם בריף זיי אויך דערקלערט אין אלגעמיין זיין האלטונג בנוגע די וויכטיגע פּאָליטישע פראגען פון דער צייט, און אגב אורחא האָט ער זיי אויך געזאגט זיין מיינונג, אז פרויען דארפען האָבען פּונקט אזא רעכט צו שטימען ווי מענער. די וועסטמינסטער וועהלער זיינען איינגעגאנגען אויף די תנאים; קיינער אבער האָט ניט געגלויבט, אז א קאנדידאט, וועמעס מיינונגען און האנדלונגען געהען אזויפיעל להיפּך צו די געוועהנליכע דרכים פון וואהל־ארבייט, קען האָבען דעם קלענסטען שאנס געוועהלט צו ווערען. א בעריהמטער שרייבער האָט זיך דאמאָלסט אויסגעשפּראָכען, אז אויף אזא פּראָגראם וואָלט אפילו דער „אויבערסטער" אליין ניט געקענט געוועהלט ווערען. מילל האָט זיך אָבער שטרענג געהאלטען פאר זיין פּראָגראם. איין וואָך נור פאר די וואהלען האָט ער בייגעוועהנט א פּאָר „מיטינגען" כדי צו דערקלערען זיינע פּרינציפּען און ענטפערן אויף אזוינע פראגען, וואס זיינע וועהלער האָבען געהאט א רעכט איהם צו שטעלען. איין אויסנאהמע האָט ער נור געמאכט וועגען דעם פּונקט פון רעליגיאָן, אויף וועלכען ער האָט גלייך אין אָנהויב דערקלערט, אז ער וועט קיינע פראגען ניט ענטפערן.

„די אָפּענהערציגקייט פון מיינע ענטפערן, דערצעהלט ער אין דער אויטאָביאָגראפיע, האָט, ווי עס ווייזט אוים מיר מעהר גוטס געטון, איידער די מיינונגען, וואס זיי האָבען אויסגעדריקט, האָבען מיר געטון היזק. איין בעווייז אויף דעם, צווישען פיעל אנדערע, איז צו־אינטערעסאנט צו פערשווייגען. אין מיין ביכעל „וועגען פּארלאמענטארע רעפאָרמען" האָב איך אין א פּלאַץ געהאט געזאָגט

— באמת א ביסעל אומגעלומפערט — אז די ארבייטער קלאסען אין ענגלאנד, הגם זיי שעמען זיך צו זאגען ליגען, זיינען דאך בכלל ליגנער. אט ד'עם זאץ האט מיינער א געגנער אבגעדרוקט אויף א גרויסער פלאקאטע, האט עס געבראכט צו מיר אויפ'ן „מיטינג". וועלכער איז בעשטאנען כמעט אין גאנצען פון ארבייטער, און האט מיך פון פלאטפארמע געפרעגט, צי איך האב עס געשריבען. — „איך האב!" האב איך אויפ'ן שטעל געענטפערט, און איידער איך האב נאך ארויסגערעדט אט די צווי געצעהלטע ווערטער, איז דער זאל פערהילכט געווארען פון דונערנדע אפלאדיסמענטען פון די צו־הערער. מען האט דערפון געקענט זעהען, אז די ארבייטער זיינען אזויפיעל געוועהנט געוועזען צו הערען חניפות און ענטפערן מיט א האלבען מויל פון די וואס האבען געזוכט זייערע שטימען, אז אנ־שטאט וואס זיי זאלען זיך פיהלען בעליידיגט פון אן אפענהערציגער ניט־שענער מיינונג וועגען זיי, האבען זיי אדרבא גלייך בעשלאסען, אז דער וואס קען זיי זאגען דעם אמת אין די אויגען, איז גראד א מענש, וועמען זיי קענען טרויען". דער רעזולטאט איז געוועזען אן איבעררעאשונג פאר מילל'ן, ניט ווענינער ווי פאר יעדען אנדערן: ער איז דערוועהלט געווארען אין פארלאמענט מיט א מאיאריטעט פון עטליכע הונדערט שטימען מעהר איידער זיין קאנסערוואטיווער געגנער האט בעקומען.

מילל איז געזעסען אין פארלאמענט פאר דריי סעסיעס, אין וועלכער צייט עס איז דורכגעגאנגען דער בעריהמטער רעפארם־גע־זעץ. ער האט אפט גענומען דאס ווארט אין דעבאטען מכח וויכטיגע ענינים און האט אויך געהאלטען פערפערטיגטע רעד'עס. ער האט פערטיידיגט פלענער פאר פרויען־שטימרעכט און פראיעקטען פאר פערזענליכע אדער מינאריטעטען־פערטרעטונג; און הגם זיינע אר־גומענטען האבען יעמאלט ניט געהאט קיין ערפאלג, זיינען זיי דאך ניט געבליבען אהן א ווירקונג אויף שפעטער אין די געדאנקען פון פאלק. זיין ערסטע שטימע אין פארלאמענט האט ער אבגעגעבען צו גונסטען פון א געזעץ פאר אירלאנד, וועלכער האט בסך הכל געקריגען פינף שטימען שוין צוזאמען מיט זיינער. אין יענער צייט

איז אין אירלאַנד אָנגעגאַנגען א טעראָריסטישע בעוועגונג, בע־קאַנט אונטער דעם נאָמען „פעניאַניזם“, אנטקעגען די ענגלישע גוטבעזיצער, און דער כעס פון די ענגלישע אויף די „פעניאַנער“ איז יעמאָלט געווען זעהר גרויס. פון דעסטוועגען איז מילל ארויס־געטרעטען מיט א רעדע אנטקעגען דעם פּראָיעקט צו בערויבען די אירלאַנדער פון זייער געזעצליכע רעכט־גאַראַנטיע. ער איז אויך געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע מיטגליעדער פון א דעפּו־טאַציע, וועלכע האָט פּועל געווען צו שענקען דאָס לעבען דעם פער־אורטיילטען פעניאַנער רעבעל, גענעראַל בורק.

אן אינטערעסאַנטען פאַל פון זיין שתדלנות אין ארבייטער זאַכען, פון וועלכען מילל דערצעהלט מיט אלע פּרטים אין דער אויטאָביאָגראַפיע, איז כדאי דאָ איבערצוגעבען. ווען גלאַדסטאָן׳ס רעפאָרם־פּראָיעקט האָט זיך פערהאַנדעלט אין פאַרלאַמענט, האָט מילל געהאַלטען א רעדע פאַר גלייכע שטימרעכט פאַר די ארביי־טער. א קורצע צייט שפּעטער, ווען דאָס ליבעראַלע מיניסטעריום איז געפאַלען און זייערע אויסזיכטען זיינען צושטערט געוואָרען, האָבען די ארבייטער געמאַכט א דעמאָנסטראַציע און געוואָלט האַלטען א „מיטינג“ אין הייד־פּאַרק. די פּאָליציי האָט דעם מיטינג צוטרי־בען; עס איז געוואָרען א געשלעג און דער עולם האָט געמאַכט א חורבן פון פּאַרק. פיעלע אונשולדיגע מענשען זיינען פערוואונדעט געוואָרען פון דער אכזריות׳דיגער פּאָליציי, און די ארבייטער זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. אויף להכעיס האָבען די ארבייטער זיך צוגעגרייט, אנדערע אויך מיט וואַפען, אָבצוהאַלטען נאָך א מיטינג און דווקא אין דעמזעלביגען הייד־פּאַרק. די רעגירונג, פון איהר צד, האָט פאַרבערייט מיליטער, און עס האָט געהאַלטען ביי א גאַנץ ערנסטע געשיכטע. מילל האָט אין פאַרלאַמענט זיך אָנגענומען פאַר דעם צד פון די ארבייטער און האָט שטאַרק געטאַדעלט די האַלטונג פון דער רעגירונג. א קאָמיסיע פון דער רעגירונג האָט איהם און נאָך עטליכע ראַדיקאַלע מיטגליעדער איינגעלאַדען אויף א קאָנפערענץ מיט די פיהרער פון דער „רעפאָרם־ליעג“, און אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלען די הויפּט ארבייט איבערצורעדען די אר־

בייטער זיי זאָלען אויפגעבען דעם הייד־פּארק פּלאַן און האַלטען זייער מיטינג אַנדערסוואו. „עס איז געווען, שרייבט ער, א שווערע שטיקעל ארבייט, און איך האָב געמוזט אָנווענדען ערנסטע טענות. געגומען האָב איך זיי מיט דעם פאָלגענדען ארגומענט: איך האָב צו זיי גע'טענה'ט, אז אַן אקט, וועלכער וועט זיכער ברייגגען צו א צוזאַמענשטויס מיט די מיליטער, קען זיין בערעכטיגט נור אויף צוויי בעדינגונגען: ערסטענס, ווען די לאַגע איז אַזוי ערנסט, אז עס איז נויטיג ארויסצורופען א רעוואָלוציע, און צווייטענס, ווען זיי דיינקען, אז זיי וועלען זי קענען אויספיהרען. נאָך א סך דע־באַטען האָט אָט דער ארגומענט מנצח געווען, און זיי האָבען אויפ־געגעבען דעם פּלאַן". מילל האָט געפיהלט, אז נור זיין איינפלוס האָט דאָ געווירקט, און דערפאר האָט ער זיי פערשפּראָכען צו געהן רעדען אויף זייער פערזאַמלונג. ער האָט זיך ענטזאַגט צו ווערען א מיטגליעד פון דערזעלביגער „רעפאָרם־ליג", וויל אין זייער פּראָגראַם איז געשטאַנען גלייכע שטימרעכט נור פאר מענער. הגם די פיהרער האָבען איהם פערזיכערט, אז זייער פּראָגראַם שליסט בשום אופן ניט אויס די פאָדערונג אויף פאר פרויען־שטימרעכט, האָט ער דאָך ניט איינגעוויליגט, דערקלערענדיג אז וויבאַלד מען פאָדערט שוין יאָ עפּעס, וואס מען קען ניט דערוואַרטען גלייך צו קריעגען, און בפרט אויב מען שטעלט זיך איין פאר א פּרינציפּ, מוז מען ארויסשטעלען די פאָדערונגען פון גאַנצען פּרינ־ציפּ, ניט פון ברעקלעך. ווען די קאָנסערוואַטיווע פארטיי האָט א געוויסע צייט שפּעטער אריינגעבראַכט א געזעץ־פּראָיעקט צו פער־באָטען אַלערליי מיטינגען אין די פּארקס, האָט מילל געהאַלטען א שאַרפע רעדע אַנטקעגען דעם, און מיט דער הילף פון נאָך עט־ליכע פּארטגעשריטענע ליבעראַלען האָט ער גע'פּועל'ט דער פּראָ־יעקט זאָל דורכפאַלען.

נאָך א גרויסע פערדיענסט מילל'ס איז געווען זיין ערפאָלג־רייכע ארבייט אַנטקעגען א געוויסען געזעץ־פּראָיעקט ארויסצוגעבען פּאָליטישע פערברעכער צו פרעמדע רעגירונגען, וועלכער איז פאר־געלעגט געוואָרען אויף דער סעסיע פון 1866. דער פּראָיעקט איז

אפילו געווען א פערשטעלטער, ווארים ער האָט ניט פערלאנגט די אויסליפערונג פון אַלע פּאָליטישע, נור פון אזוינע וועמען זייער רעגירונג קלאָגט אָן אין בעגעהען געוואַלדטהאטען. די כונה איז אבער געווען א קלאָרע, און מילל'ן האָט געלונגען צו איבערצייגען דעם פּארלאמענט, אז אויף דעם אופן וואָלט יעדער „פּאָליטישער" געקענט אָנגעקלאָגט ווערען אלס פערברעכער, ווארים פּרובירען מאכען א רעוואָלוציאָנערען אויפשטאנד אָהן געוואלדטהאטען איז אונמעגליך; און דעריבער וואָלט דאס ארויסגעבען פון אזוינע „פּאָליטישע פערברעכער" צום משפט פון זייערע רעגירונגען פשוט היי־סען, מאכען די ענגלישע רעגירונג פאר א משרת'טע פון פרעמדע דעספּאָטישע מלוכות. „די זאך פון אייראָפּאישער פרייהייט — שרייבט ער — איז דורך דעם בעשיצט געוואָרען פון א גרויסען אומגליק, און אונזער לאנד איז אויסגעהיט געווארען פון בעגעהן א שרעקליכען אומרעכט". ביי אנאנדער געלעגענהייט האָט מילל געשטעלט דער רעגירונג די דירעקטע פאָדערונג זי זאָל בנוגע דעם פּרט פון פרייהייט ארייננמישען זיך אין די ענינים פון אנדערע מלוכות, און זאל אָפען זיך איינשטעלען פאר יעדען אונטערדריקטען אנטקעגען זיין טיראנישען הערשער. עס פערשטעהט זיך, אז וועגען דורכפיהרען אזא געזעץ איז גאָר ניט געווען וואס צו רעדען; גענוג אז מילל האָט געהאט דעם מוט צו שטעלען אזא ראדי־קאלע פאָדערונג צום ענגלישען פאָלק פון פלאטפאָרמע פון פּאר־לאמענט.

אין 1868 איז דער פּארלאמענט אויפגעלעזט געווארען, און אין די נייע וואהלען איז מילל, וועמען די וועסטמינסטער וועהלער האָבען ווידער אויפגעשטעלט אלס זייער קאנדידאט, דורכגעפאלען. דעם מאָל האָבען די קאָנסערוואטיווע גובר געווען. מילל איז פאר זיי געווען א צו־געפעהרליכער געגנער, און בעת דעם ערסטען מאָל האָבען זיי זיך גאנץ ווייניג געקימערט פון זיין קאנדידאטור, ווייל זיי האָבען ניט געגלויבט, אז ער קען דערוועהלט ווערען, האָבען זיי איצטער שוין אָנגעגורט זייערע לענדען און געברויכט אלע מיטלען ער זאָל די וואהל ניט געווינען. פערזענליך האָט מילל זיך

אודאי ניט געקומען צום הארצען פון דעם; ווארים ער איז שוין ניט געווען קיין יונגער מאן, און די פארלאמענטארע ארבייט מיט דער גרויסער קארעספאנדענץ, וואס די דאזיגע ארבייט האט איהם געצוואונגען צו פיהרען, איז באמת געווען צופיעל פאר איהם. ער האט זיך צוריק גענומען פאר זיינע אלטע ליטעראַרישע אר־בייט, און האט פערבראכט זיינע לעצטע יאהרען אין דעם איינ־פאכען הייזעל, וואס ער האט זיך געקויפט אין אוויניאן, דאס שטעדטיל אין פראנקרייך, וואו זיין פרוי איז געשטארבען. קיין לאנדאן פלעגט ער קומען צופאהרען צוויי מאל א יאהר, און פלעגט פערברייננגען עטליכע וואכען, אדער אמאל א פאר חדשים לאנג, אין זיין הויז אין איינער פון די לאנדאנער פארשטעדט, וואו ער האט געוואהנט פון קינדווייז אן.

* * *

צום שלוס, וואו עס בעט זיך צו געבען אן אלגעמיינע אב־שעצונג פון דזשאהן סטוארט מילל אלס מענש, וויל איך וועגען דעם איבערגעבען עטליכע ווערטער פון דער פעדער פון אנאנדער גרויסען ענגלענדער — ריכטיג געזאגט, פון דעם גרעסטען ענג־לישען דיינקער — הערבערט ספענסער.

„פערשפרייטען זיך וועגען דזשאהן סטוארט מילל'ס לעבענס ארבייט — אזוי שרייבט הערבערט ספענסער — און בעווייזען דעם טיעפען איינפלוס, וואס ער האט געהאט אויף די געדאנקען פון זיין צייט — וואס דאס מיינט אויך ממילא אויף די טהאטען פון זיין צייט — דוכט מיר איז כמעט גאר ניט נויטיג. די פאק־טען זיינען בעקאנט און קלאר פאר אלעמען, וועלכע ווייסען אפילו נישט מעהר ווי א שמץ וועגען דעם פראגרעס אין מיינונגען פון לעצטען האלבען יאהרהונדערט (דאס איז געווען געשריבען אין 1873). מיין אייגענע מיינונג וועגען איהם, אין פרט פון זיין אינטעלעקטועלער גרויסקייט, האב איך ארויסגעזאגט שארף, הגם א ביסעל צו־קורץ, ביי דער געלעגענהייט פון א ויכוח וואס מיר האבען געהאט צווישען זיך, ווען איך האב אויסגעדריקט מיין בע־

דויערן פאר וואָס איך מוז קריגען אויף א לעהרע פון א דיינקער, וועמעס איינשטימונג וואָלט מיר דוקא געווען פיעל טייערער, איידער די איינשטימונג פון יעדען אנדער מענשען.

„בעת אָבער עס איז כמעט איבערפליסיג צו רעדען וועגען זיין אינטעלעקטועלער הויכקייט, אין וואס אלע זיינען מודה, איז מעהר פאסיג אויפמערקזאם צו מאכען אויף זיין מ אָ ר א ל ע הויכקייט, וועלכע איז ווייניגער בעקאנט, טיילווייז ווייל זיין טהעטיגקייט אין פיעל דרכים האָבען קיין געלעגענהייט ניט געגעבען דאָס ארויסצו־ווייזען; און טיילווייז, ווייל די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען פון זיין מאָראלער הויכקייט זיינען נור בעוואוסט פאר די מענשען, וועמעס פערזענליכע בעציהונגען צו איהם האָבען די דאָזיגע ערשיינונגען ארויסגערופען.

„מען וואלט אייגענטליך געדארפט אָננעהמען, אז אפילו די, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געהאט דאס פערגעניגען צו זיין פערזענליך בעקאנט מיט מילל'ן, האָבען אויך געמוזט פיהלען דעם איינדרוק פון זיין נאָבעלער נאטור, ווי זי האָט זיך ארויסגעוויזען אין זיינע מיינונגען און טהאטען. אז זיין קאריערע אלס כלל־טוער איז געווען אין גאנצען דורכגענומען פון א ריינער און שטארקער סימפאטיע פאר זיינע מיט־מענשען; אז אָט די סימפאטיע האָט אין גאנצען אָבגעשטופט אָן א זייט יעדען פערלאנג נאָך פערזענליכע נוצען; ווי ווייניג אפילו די מורא בעשעדיגט צו ווערען אין פרט פון רעפוטאציע אָדער געזעלשאפטליכער פאָזיציע האָט איהם אָבגעהאלטען פון צו געהן אויפ'ן וועג, וואס ער האָט בעטראכט פאר עדעל און גרויסמוטיג — דאס אלץ דארף זיין קלאָר אפילו פאר זיין שטארקסטען געגנער. א גרויסמוטיגקייט, וועלכע מען וואָלט כמעט געקענט אָנרופען א ראָמאנטישע, איז בלי ספק געווען די סבה, וואס האָט איהם געפיהרט צו געהן אין געוויסע פרטים אין יענע דרכים, וועלכע זיינען קריטיזירט געווארען ווי מעות'ן. און מען קען ניט האָבען וועגען איהם קיין ריכטיגען בעגריף, אוואו מען זעהט ניט איין דעם פאקט, אפילו אויב מען איז ניט איינפערשטאנען מיט די דרכים גופא, אז זיי

האָבען אָבגעשטאמט פון די התלהבות פון א נאָבעלער **נאַטור,** וועלכע שטרעבט מיט אונגעדולד צו פעררינכטען אונגערעכטיגקייטען און העלפען דעם פארטשריט פון מענשליכען וואהלזיין.

„עס קען אפשר זיין, אז מיין אייגענער בעגריף פון אָט דער דורכנעהמענדער ווארימקייט פון זיינע געפיהלען איז דערפאר אזויפיעל שארפער, ווייל איך האָב געזעהן א ביישפיעל פון דעם, ניט נור אין דער פאָרמע פון אן אויסגעדריקטער מיינונג, נור טאַקי אין דער פאָרמע פון פערזענליכע טהאטען; ווארים מילל איז ניט געווען איינער פון די, וועלכע צוזאמען מיט א סימפאטיע צו זייערע מיט־מענשען אין אבסטראקט, זיינען זיי מצרף א גלייכגילטיגקייט צום מענשען בפועל (אין קאָנקרעט). מען האָט געזעהן פון איהם גרויסמוטיגע טהאטען, וועלכע האָבען געשטימט מיט זיינע גרויסמוטיגע סענטימענטען. איך זאָג דאָס ניט על פי ידיעות פון צווייטער האנד, נור ווייל איך האָב אין זינען א מערקווירדיגען ביישפיעל, וואס נור איך און עטליכע פריינד ווייסען דערפון.

„עטליכע יאָהר צוריק, ווען מיר איז צו־שווער געווארען טראָגען דעם פערלוסט, וואס איך האָב געהאט דרוקענדיג מיין „סיסטעם פון פילאָזאָפיע", האָב איך מודיע געווען די אבאָנענטען פון דעם ווערק, אז איך וועל זיין געצוואונגען אויפצוגעבען מיין ארבייט ביים סוף פון דעם באנד וואָס ליעגט איצט אין דרוק. א קורצע צייט נאכדעם קריג איך א בריף פון מילל'ן, אין וועלכען ער דריקט אוים זיינע געפיהלען ווי שטארק ער איז זיך מצער פון די טרויעריגע נייעס, און שרייבט מיר פון א פּלאַן וואס ער האָט פון מיינט וועגען אזוי: „איך מאך אייך אָט אזא פאָרשלאָג, איהר געהט זיך אָן ווייטער מיט אייער ארבייט, שרייבט אייערע נעכסטע בענדער, און איך וועל גאראנטירען דעם דרוקער פאר אלע פערלוסטען וואָס וועלען זיין. דאָס הייסט, איך נעהם זיך אונטער צו דעקען וויפיעל דער דרוקער וועט זאָגען, ביים סוף פון א בעשטימטער אָבגעמאכטער צייט, אז ער האָט פערלאָרען אָן דעם עסק". — הגם עס פערשטעהט זיך, אז איך האָב ביי זיך ניט גערעכנט פועל'ן אָנצונעהמען אָט דעם פּלאַן, האָט אָבער זיין אָנ־

באַטען זיך צו טון אזא זאַך געמאכט אויף מיר א זעהר טיעפען איינדרוק פון זיין נאָבעלען געפיהל און פון זיין אָפּפער־וויליגען זאָרגען זיך צו העלפען עפּעס, וואס ער האָט בעטראַכט פאר א גוטע ארבייט. א פאָרשלאַג פון אזא גרויסער הילף וואָלט געווען גענוג מערקווירדיג, אויב אפילו עס וואָלט זיך איינגעפונען אין אונזערע מיינונגען א פאָלשטענדיגע איינשטימונג; עס איז אָבער געווען נאָך מעהר מערקווירדיג דערמיט, וואס ער האָט געאָפּפערט אזוי פיעל, וויסענדיג אז עס עקזיסטירט צווישען אונז טיעפע חלוקי דעות, און ניט קיין פערשוויגענע, נור אָפען ארויסגעזאָגטע. איך האָב דירעקט און ניט־דירעקט בעקעמפּפט די פאָרמע פון דער ערפאהרונגס־לעהרע פון מענשליכען וויסען, וועלכע גיט דעם כאראקטער פון מילל'ס פילאָזאָפיע. האלטענדיג פון רעאליזם, האָב איך אויף גאַנץ־בעשטימטע אופנים זיך געשטעלט אנטקעגען יענע מעטאפיזישע סיסטעמען, מיט וועלכע מילל'ס אידעאליזם איז א גאַנץ נאָהענטער קרוב; און מיר האָבען אָנגעפיהרט א לאנגען ויכוח מכח די פראָגע פון װארהייט, וואו איך האָב אטאקירט זיין פּאָזיציע גאַנץ אָפען. אז אונטער אזעלכע אומשטענדען זאָל ער מיט זיין גוטען ווילען מיר אָנבאָטען שטיצע, און נאָך ווי אָנבאָטען, אז איך זאָל בשום אופן זיך ניט דארפען פיהלען, ווי איך וואָלט געווען א פּערזענליכער בעל חוב צו איהם — דאס בעווייזט וואס פאר א זעלטען גרויסמוטיגער מענש ער איז געווען.

„איך מוז ווירקליך זאָגען, אז מילל'ס כאראקטער בכלל, ווען מען רעדט פון צד פון די געפיהלען, איז בעשטאנען פון אן אויסערגעוועהנליכען איבערוואוקס פון די העכערע סענטימענטען — אן איבערוואוקס, וועלכער האָט נוטה געווען, אי אין טעאָריע, אי אויף דער פּראקטיק, ארונטערצוזעצען אפשר אביסעל צופיעל די נידעריגערע נאטור. זיין אלט ווערען פאר דער צייט, סמנים פון וואס מען האָט אויף איהם בעמערקט זייט די לעצטע עטליכע יאָהר, און וואס עס האָט בלי ספק מיטגעבראכט זיין עטוואס צופריהען טוידט, דיינק איך אז מען קען צושרייבען צו זיין טעאָריע פון לעבען, וועלכע האָט צופיעל געהאלטען פון די נויטיגקייט כסדר

רק לערנען און ארבייטען. ווען מיר פרעגען זיך אָבער, צוליב וועל־
כע צוועקען האָט ער מקים געווען זיין טעאָריע און מחמת דעם גע־
קוקט אזוי ווייניג אויפ'ן געזונד פון גוף, דערזעהען מיר, אז אויך
דאָ איז די איבערמאָס, אויב מען קען עס אזוי אָנרופען, געווען א
נאָבעלע. זיין שטארקער וואונש צו העלפען דעם מענשליכען פראג־
רעס — אָט פאר דעם האָט ער זיך מקריב געווען".

דזשאהן סטוארט מילל איז געשטאָרבען אין אוויניאָן, דעם
8טען מיי 1873.

דר. י. א. מעריסאָן.

# פרייהייט

## ערסטער קאַפּיטעל.

(אלס איינלייטונג)

דער ענין פון דעם בוך איז ניט וואס מען רופט אָן די פרייהייט פון ווילען, וועלכע ווערט אזוי ניט־געראָטען אוועקגעשטעלט להיפך צו דער לעהרע, וואס טראָגט דעם ניט־געלונגענעם נאָמען „פילאָזאָפישע נויטווענדיגקייט“; נור עס איז די בירגערליכע אָדער געזעלשאפטליכע פרייהייט: עס האנדעלט זיך דאָ מכח דעם כאראקטער און די גרעניצען פון דער מאכט, וואָס די געזעלשאפט מעג רעכטליך זיך נעהמען איבער דעם יחיד. דאָס איז א פראגע, וואס מען שטעלט אוועק נור זעלטען־ווען, און מען דיסקוטירט זי כמעט קיין מאָל ניט אין אן אלגעמיינער פאָרמע; פערבאָרגענערהייט אָבער בעאיינפלוסט זי גאנץ שטארק די פּראקטישע סכסוכים פון אונזער צייט, און וועט, ווי עס זעהט אויס, באלד דערקענט ווערען אלס די לעבענס־פּראגע פון דער צוקונפט. זי איז אזוי ווייט ניט קיין נייע פראגע, אז מען קען אין א געוויסען זין זאָגען, דאָס נאָך אין די עלטסטע צייטען האָט זי שוין גורם געווען מחליקות ביי דער מענשהייט; אבער איצטער, אין דער שטופע פון פּראגרעס, וואס די מעהר־ציוויליזירטע טיילען פון דער מענשהייט האָבען געגרייכט, בעווייזט זי זיך אונטער נייע בעדינגונגען און פאָדערט א נייע און גרינדליכע בעהאנדלונג.

דער קאמפף צווישען פרייהייט און אויטאָריטעט איז דער קענטיגסטער שטריך אין די טיילען פון געשיכטע,

מיט וועלכע מיר ווערען גאר צום ערסטען בעקאנט, בע־
זונדערס אין דער געשיכטע פון גריכענלאנד, רוים און ענגלאנד.
אבער אין די אלטע צייטען איז אט דער קאמפף פארגעקומען צווי־
שען די אונטערטאנען, אדער געוויסע קלאסען אונטערטאנען, און
דער רעגירונג. אונטער פרייהייט האט מען פערשטאנען, די בע־
שיצונג אנטקעגען דער טיראניי פון די פאליטישע הערשער. אויף
די געוועלטיגער האט מען געקוקט (א חוץ אין געוויסע פאלקס־רע־
גירונגען פון גריכענלאנד) ווי אויף אזעלכע, וואס געפינען זיך אין
א נויטוועגדיג־פיינדליכער פאזיציע אנטקעגען דעם פאלק איבער
וועמען זיי געוועלטיגען. זיי זיינען בעשטאנען פון אן איינציגען
הערשער אדער פון א הערשענדען שבט אדער קלאס, וועלכע האָ־
בען געקריגען זייער אויטאריטעט בירושה אדער דורך נצחון פון
מלחמה, אבער על כל פנים ניט דורכ'ן גוטען ווילען פון די רעגיר־
טע. זיי זיינען געווארען אן אויסערליכע מאכט, אנטקע־
גען וועמעס גדלות מענשען האבען ניט געהאט די העזה,
און אפשר האט זיי אויך געפעהלט דער ווילען ארויסצור־
טרעטען, הגם זיי האבען געקענט נעהמען פערשיידענע מיטלען צו
בעשיצען זיך פון איהר שווערען יאך. זייער מאכט האט מען גע־
האלטען פאר נויטיג, אבער אויך פאר זעהר א געפעהרליכע זאך;
פאר א וואפען, וועלכען זיי וואלטען פרואווען געברויכען אנטקע־
גען זייערע אונטערטאנען, ניט ווייניגער ווי אנטקעגען די ארוי־
מיגע פיינד. כדי צו פערהיטען די שוואכערע מיטגליעדער פון דער
געמיינדע, אז זיי זאלען ניט בערויבט ווערען פון חברות באנדיטען,
איז געווען נויטיג עס זאל זיין איינער א שטארקערער באנדיט פאר
די איבעריגע, וואס זיין עובדא איז צו האלטען יענע אין צוויק.
אזוי ווי אבער דער געקרוינטער באנדיט וואלט קאפאבעל זיין צו
רויבען די קהלה, ניט ווייניגער איידער ווער עס איז פון די קלע־
נערע טייוואלים, איז געווען נויטיג צו האלטען זיך תמיד גרייט
אויף צו פערטיידיגען זיך פון זיינע ציין און נעגעל. די פאטריאָ־
טען פון פאלק האבען דעריבער זיך געשטעלט דעם ציעל צו בע־
גרעניצען די מאכט, וואס דעם געוועלטיגער זאל זיין ערלויבט צו

האָבען אויף דער געמיינדע; און אָט די בעגרעניצונג האָבען זיי געמיינט, ווען זיי האָבען גערעדט פון פרייהייט.

זיי האָבען עס געזוכט צו פועל'ן אויף צוויי אופנים. ערס־טענס קריגען א צוזאָג פון געוויסע פערזיכערונגען, אזוי גערופענע פּאָליטישע פרייהייטען אָדער רעכט, וועלכע אויב דער הערשער גרייפט אָן, זאָל עס הייסען עובר זיין א חוב, און דאָס פּאָלק זאָל מעגען איהם געהן דערווידער אָדער מאכען א רעוואָלוציע. א צווייטער, און בכלל א שפּעטיגערער מיטעל איז געווען, איינצופיהרען קאָנסטיטוציאָנעלע סיגים, לויט וועלכע די רעגירונג זאָל ניט טאָרען אבטון געוויסע וויכטיגע אקטען אָהן די צושטימונג פון קהל, אָדער פון א וועלכער עס איז קערפּערשאפט, וואס רעכענט זיך אלס דער פערטרעטער פון זיינע אינטערעסען. די ערסטע פאָרמע פון בעגרעניצונג זיינען די רעגירונגען אין דאָס־רוב אייראָפּעאישע לענדער געווען געצוואונגען מעהר אָדער ווייניגער נאָכצוגעבען. מיט דער צווייטער איז שוין ניט אזוי לייכט צוגעגאנגען; און דער הויפּטצוועק פון אלע ליעבהאבער פון פרייהייט איז אומעדום געוואָרען ארויסצובעקומען די דאָזיגע פאָרמע פון גאראנטיען, אָדער אויב זיי האָבען שוין עפּעס דערגלייכען געהאט, צו קריגען עס וואס בעסער. און כל זמן די מענשהייט איז געווען צופרידען צו בעקעמפען איין שונא דורך אן אנדער שונא און צו ווערען רעגירט פון א בעל הבית, בתנאי אויב זי איז מעהר אדער ווייניגער גוט גאראנטירט אנטקעגען זיין טיראנייע, האָבען זיי ווייטער ווי ביז צו דעם פונקט זייערע בעשטרעבונגען ניט געפיהרט.

עס איז אָבער געקומען א צייט מיט דעם פראגרעס אין די מענשליכע עסקים, ווען מענשען האָבען אויפגעהערט צו האלטען פאר א נאטירליכע נויטיגקייט, אז זייערע רעגירער זאָלען זיין אן אונאבהענגיגע מאכט, מיט אינטערעסען וואָס געהען להיפך צו זייערע אייגענע. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען פיעל בעסער, אז די פערשיידענע בעאמטע פון שטאאט זאָלען זיין אָנגעשטעלטע אָדער דעלעגאטען, וועמען זיי, די בעלי־בתים, קענען אָבשאפען ווען זיי ווילען. אויף דעם אופן אליין האָט זיך געדוכט, אז זיי ווען

קענען האָבען א פאַלשטענדיגע פערזיכערונג, דאָס די רעגירונגס־מאכט וועט קיין מאָל ניט קענען מיסברויכט ווערען צו זייער שאָדען. ביסלעכוויוז איז אָט די נייע פאָדערונג, אז די רעגירער זאָלען זיין געוועהלטע און נור אויף א בעשטימטע צייט, געווארען דער הויפּט־צוועק פון דער פאָלקס־פּארטיי ארבייט, וואו נור אזא פּארטיי האָט עקזיסטירט; און דאָס האָט א רעכט ביסעל פערנור־מען דעם פּלאץ פון די פריהערדיגע ארבייט צו בעגרעניצען די הערשערס מאכט. אזוי באלד ווי עס איז אוועקגעגאנגען א קאמפּף צו פּועל'ן אז די רעגירונגס־מאכט זאָל אָבשטאמען פון די פּעריאָ־דישע וואהלען פון די רעגירטע, האָבען אייניגע מענשען אָנגעהויבען דיינקען, אז מען האָט גאר געמאכט א צו־גרויסען ווערט פון דער מאכט־בעגרעניצונג. דאָס ד אָ ז י ג ע (אזוי קען עס אויס־זעהן) איז געוועזן א פּאָרטיל אנטקעגען הערשער, וועמעס אינטע־רעסען זיינען שטענדיג געגאנגען להיפּך צו די אינטערעסען פון'ם פאָלק. וואס מען האָט איצטער נויטיג איז, אז די הערשער זאָלען זיין איינס מיט'ן פאָלק; אז זייערע אינטערעסען און זייער ווילען זאָלען זיין די אינטערעסען און דער ווילען פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט ניט נויטיג צו בעשיצען זיך אנטקעגען זיין אייגענעם ווילען. עס איז ניטאָ וואס מורא צו האָבען, אז עס וועט טיראניזירען אי־בער זיך אליין. זאָלען נור די געוועלטיגער זיין ריכטיג פעראנט־וואָרטליך צו איהם, זאָלען זיי נור קענען באלד ארונטערגעזעצט ווערען פון איהם, וועט דאָס פאָלק זיך קענען פערגינען אָנצוגע־טרויען זיי די מאכט, אויף וועלכער ער גופא האָט די דעה ווי זי צו געברויכען. זייער מאכט איז דאָך נור דעם פאָלקס אייגענע מאכט, צונויפגעבראכט אין איין מיטעלפּונקט, אין א פאָרמע וואָס זאָל זיין בעקוועמער זי צו קירעווען. אָט אזא ארט דיינקען, אָדער בעסער געזאָגט, אזא ארט פ י ה ל ע ן איז ביי דעם געוועזענעם דור פון אייראָפּעאישע ליבעראלען געווען א געוועהנליכע זאך, און אין געוויסע טיילען האָט עס, דאכט זיך, די אויבערהאנד נאָך איצט אויך. די, וועלכע דערלאָזען שטעלען א וועלכען עס איז גרעניץ אויף דער רעגירונג'ס מעשים (א חוץ בנוגע אזעלכע רעגירונגען,

וועלכע דארפען נאָך זייער מיינונג גאָר ניט עקזיסטירען) שטעהען אָבגעזונדערט ווי א גלענצענדע אויסנאהמע צווישען די פּאָליטישע דיינקער פון אייראָפּעאישען קאָנטינענט. ביי דער צייט וואָלט אַן עהנליכער געפיהל אויך געהערשט אין אונזער אייגענעם לאנד, אויב די אומשטענדען, וואס האָבען איהם פאר א ווײַלע צוגעגעבען מוט, וואָלטען געבליבען אומפערענדערט.

דער מזל דעקט אָבער אויף די חסרונות אין פּאָליטישע און פילאָזאָפישע טעאָריען, אזוי גוט ווי אין מענשען, וועלכע דער שלים־מזל וואָלט געקענט פערדעקען פון אונזערע בליקען. דער רעיון אז א פאָלק האָט ניט נויטיג צו בעגרעניצען זיין מאכט אי־בער זיך אליין, האָט זיך געקענט רעכענען פאר אן אָנגענומענער וואָרהייט, ווען די פאָלקס־רעגירונג איז געווען א זאך, פון וועלכער מען האָט נור גע'חלומ'ט אדער געלעזען, אז זי האָט עקזיסטירט אין א ווייט־ווייטער פעריאָדע פון דער פערגאנגענהייט. אזעלכע פערווירונגען, וואס זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, האָבען אויך דעם דאָזיגען רעיון ניט געמוזט סותר זיין, אזוי ווי איהרע ערגסטע פעהלערען זיינען גע־ווען די ארבייט פון עטליכע מאכט־פערכאפּער, און יעדענפאלס האָ־בען די פעהלערען ניט בעלאנגט צו דער פעסטגעשטעלטער ווירקונג פון פאָלקס־אינסטיטוציעס, נור צו דעם פּלוצימדיגען און קאָנוואול־סיווען אויסברוך אנטקעגען דעם קעניגליכען און אריסטאָקראטישען דעספּאָטיזם. מיט דער צייט איז אבער אויפגעקומען א דעמאָקראַ־טישע רעפּובליק, וואס פערנעהמט א גרויסען טייל פון דעם שטח פון דער ערד, און האָט זיך געלאָזט פיהלען אלס איינער פון די שטארקסטע מיטגליעדער פון דער פאמיליע פון פעלקער; און די ערוועהלטע און פעראנטווארטליכע רעגירונג ליעגט שוין איצטער אונטער די בעאָבאכטונגען און קריטיקען, וואס בעהאנדלען יעדען גרויסען עקזיסטירענדען פאקט. איצט האָט מען דערזעהן, אז אזעל־כע פראזען ווי „זעלבסט־רעגירונג“, און „די מאכט פון פאָלק אי־בער זיך אליין“, דריקען גאר ניט אויס דעם ריכטיגען צושטאנד פון דער זאך. דאָס פאָלק, וואס איבט אויס די מאכט, איז ניט אלע

מאָל דאס אייגענע פאָלק, אויף ווענען די מאכט ווערט אויסגע־איבט; און די „זעלבסט־רעגירונג“, פון וועלכער עס רעדט זיך, איז ניט די רעגירונג פון יעדערן איבער זיך, נור די רעגירונג פון אלע איבעריגע איבער יעדען איינעם. נאָך מעהר, דער ווילען פון פאָלק מיינט אויף דער פראקטיקע דער ווילען פון דעם צאהל־רייכסטען אָדער טעטיגסטען ט י י ל פון פאָלק: פון דער מאיאָריטעט, אָדער פון די וואס פועל'ן מען זאָל זיי אָננעהמען פאר די מאיאָרי־טעט. דאָס פאָלק, ווי מען זעהט דערפון, ק ע ן ־ וועלען אונטערדרי־קען א טייל פון זיין צאהל; און עס איז פונקט אזוי נויטיג צו פער־היטען זיך אנטקעגען אָט דעם שלעכטען געברויך פון מאכט, ווי אנטקעגען יעדען אנדערן. די בעגרעניצונג פון דער מאכט פון דער רעגירונג איבער'ן יחיד פערלירט, הייסט עס, ניט א ברעקיל פון איהר וויכטיגקייט, אפילו ווען די וואס האָבען די מאכט מוזען רעגעלמעסיג אָבגעבען חשבון צו דער געמיינדע, ד. ה. צו דער שטארקסטער פארטיי וואס געפינט זיך אין איהר. אָט דער בליק איבער דעם ענין פון רעגירונג, היות ווי ער לעגט זיך אויפ'ן שכל פון דיינקער, און פאסט זיך אויך צום כאראקטער פון יענע וויכ־טיגע קלאסען אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאפט, פאר וועמעס ווירקליכע אדער איינגערעדטע אינטערעסען די דעמאָקראטישע רע־גירונג לוינט זיך ניט, איז גאר אָהן מאטערניש געווארען אן אָנ־גענומענער געדאנק. אין פּאָליטישע חקירות ווערט שוין היינט אריינגערעכענט „די טיראניי פון דער מאיאָריטעט“ צווישען אלע אנדערע צרות, אנטקעגען וועלכע די געזעלשאפט מוז שטעהען אויפ'ן וואך.

ווי פאר אנדערע טיראנייען, אזוי האָט מען תחלת זיך גע־שראָקען, און מען האָט נאָך איצט אויך פראָסט מורא פאר דער טיראניי פון דער מאיאָריטעט, דערהויפּט פאר איהר ווירקען דורך די מעשים פון די עפענטליכע בעאמטע. נאָכדיינקענדע מענשען אָבער האָבען איינגעזעהען, אז ווען די געזעלשאפט איז אליין דער טיראן — די געזעלשאפט בכלל איבער די בעזונדערע יחידים, וואס שטעלען זי צוזאמען — זיינען איהרע מיטלען פון טיראניזירונג

ניט בעשרענקט נור אויף די אקטען, וואס זי קען אָבטון דורך איהרע פּאָליטישע טוער. די געזעלשאפט קען אליין אויספיהרען, און פיהרט אליין אויס איהרע אייגענע גזירות; און אויב זי גיט ארויס אונ־גערעכטע געבאָט אנשטאט גערעכטע, אָדער וואָסערע עס איז גע־באָט מכח זאכען, אין וועלכע זי דארף זיך ניט מישען, פּראקטיצירט זי א געזעלשאפטליכע טיראניי, וואס איז פיעל געפעהרליכער איי־דער א סך אנדערע סאָרטען פון פּאָליטישע טיראנייען. ווארים אויב אפילו זי האלט אויף איהר טיראניי ניט מיט אזעלכע מורא'דיגע שטראָפען, לאָזט זי וועניגער מיטלען ווי אויסצוהיטען זיך פון זיי, ווייל זי קריכט אריין א סך טיעפער אין די איינצעלהייטען פון לעבען און זי פערשקלאפט די נשמה גופא. בעשיצען זיך דעריבער אנטקעגען די טיראניי פונ'ם מאגיסטראט, פונ'ם בעאמטען, איז ניט גענוג: מען מוז האָבען א בעשיצונג אויך אנטקעגען די טי־ראניי פון דער הערשענדער מיינונג און די הערשענדע געפיהלען; אנטקעגען די טבע (טענדענץ) פון דער געזעלשאפט ארויפצוצווינ־גען, מיט אנדערע מיטלען א חוץ די געזעצליכע שטראָף, איהרע אייגענע געדאנקען און פיהרונגען אלס די רעגעלן פון אויפפיה־רונג, אויף די מענשען, וועלכע האלטען ניט פון זיי; אנטקעגען איהר טבע צו שמידען אין קעטען די ענטוויקלונג, און אויב מעגליך ניט צו דערלאָזען די אויסבילדונג פון קיין פערזענליכקייט, וואָס שטימט ניט מיט איהרע וועגען, און אנטקעגען איהר צווינגען אלע כאראקטערען אויסצוגיסען זיך אין איהר אייגענעם פורעם. עס איז פאראן א גרעניץ אויף די געזעצליכע דעה, וואס דער כלל קען האָ־בען איבער דעם יחיד'ס אונאבהענגיגקייט: אויסצוגעפינען אָט דעם גרעניץ און זעהען ער זאָל ניט אריבערגעטראָטען ווערען, איז פונקט אזוי נויטיג פאר דער טובה פון די מענשליכע עסקים, ווי די בעשיצונג אנטקעגען פּאָליטישען דעספּאָטיזם.

הגם אָבער קיינער וועט דאָכט זיך ניט קריעגען אויף דעם גע־דאנק בכלל, איז אָבער די פּראקטישע פראגע וואו מען זאָל שטעלען דעם גרעניץ — ווי צו מאכען די ריכטיגע פשרה צווישען דעם יחיד'ס זעלבסטשטענדיגקייט און דער געזעלשאפט'ס השגחה אי־

בער איהם — א ענין, וועגען וועלכען עס איז כמעט נאָך גאר ניט אויפגעטון געווארען. דער גאנצער ווערטה פון לעבען פאר יעדען מענשען הענגט אָב פון דער דורכפיהרונג פון בעשרענקונגען אויף די מעשים פון אנדערע מענשען. געוויסע כללים פון אויפפיהרונג מוזען דעריבער אויפגעשטעלט ווערען, ערסטענס דורכ׳ן געזעץ, און אויף די זאכען וואס לאָזען זיך ניט רעגולירען פון געזעץ — דורך דער עפענטליכער מיינונג. וואס פאר א רעגעלען זיי זאָלען זיין, איז די הויפט פראגע פאר די ענינים פון דער מענשהייט; אָבער א חוץ בנוגע עטליכע גאָר קלאָרע פרטים, איז אָט די פראגע איינע פון יענע, וואס מען האָט געמאכט דעם קלענסטען פארטשריט זיי צו פערענטפערן. מען קען ניט געפינען קיין צוויי דורות, און כמעט ניט קיין צוויי פעלקער, וואס זאָלען האָבען פערענטפערט די דאָזיגע פראגע אויף איין אופן; און יעדער דור און יעדעם לאנד וואונדערט זיך אויף דעם ענטפער וואס דער אנדערער האָט געגעבען. און דאָך זעהען די מענשען פון יעדען דור און יעדען לאנד אזוי וועניג הארבקייט אין דער דאָזיגער פראגע, גאָר ווי די מענשהייט וואָלט אדרבא פון אייביג אָן געהאט איין מיינונג וועגען דעם. די רעגעלן וואס זיי האָבען, זעהען ביי זיי אויס גאנץ קלאָר אויפ׳ן קוק און גאנץ גערעכטע פון אויבען אויף. אָט דער כמעט־אלגעמיינער טעות איז איינער פון די ביישפיעלען וואס בעווייזען דעם כשוף־איינפלוס, וואס די געוועונהייט האָט אויפ׳ן מענשען — די געוועונהייט, וועלכע איז ניט נור די צווייטע נאטור, ווי עס געהט א ווערטיל, נור וועלכע מען נעהמט על פי טעות נאָכאנאנד אָן פאר דער אמת׳ער ערסטער נאטור. די ווירקונג וואס דער מנהג האָט אין פרט פון ניט צו־לאָזען קיין ספיקות מכח דער גוטסקייט פון די אויפפיהרונג־רעגעלן, וועלכע די מענשען צווינגען ארויף איינער אויף דעם אנדערן, איז דערפאר אזוי שטארק, ווייל עס פאלט גאר קיינעם ניט איין, אז דער ענין פאָדערט דערקלערונגען, וואָס איינער זאָל געבען דעם אנדערן, אָדער אפילו זיך אליין. מענשען זיינען געוועהנט צו גלויבען, און אזעלכע וואס פרעטענדירען צו זיין פילאָזאָפען האָבען זיי צוגעגעבען חשק דערצו, אז זייערע געפיהלען

בנוגע אזעלכע ענינים זיינען בעסער פאר שכל'דיגע טעמים, און אויב דער געפיהל הייסט, זיינען טעמים גאָר ניט נויטיג. דער פראקטישער פרינציפ, וועלכער גיט זיי זייערע מיינונגען בנוגע די רעגולירונג פון מענשליכע פיהרונגען, איז דער געפיהל וואס יעדערער טראָגט אין זיך, אז אלע מענשען זיינען מחויב צו האנדלען, ווי ער און די מיט וועמען ער סימפאטיזירט, וואָלטען וועלען אז זיי זאָלען האנדלען. עס פערשטעהט זיך, קיינער איז זיך אליין ניט מודה, אז זיין מאסשטאב איז דאָס, וואס איהם געפעלט; אבער א מיינונג מכח א פרט פון אויפפיהרונג, וועלכע איז ניט בעגרינדעט אויף שכל'דיגע טעמים, איז נישט מעהר ווי א פערזענליכע געשמאק־זאך; און אויב די טעמים, ווען מען גיט זיי, זיינען נישט מעהר ווי אן אָנווייזונג, אז אנדערע מענשען האלטען אויך פון דעם, בעווייזט עס נור, אז עס געפעלט א סך מענשען אנשטאט איינעם. פאר דעם געוועהנליכען מענשען אָבער איז זיין אייגענע בחירה, בפרט נאָך אז אנדערע אונטערשטיצען איהם, ניט נור א טעם מיט וועלכען ער איז פאָלקאָם צופרידען, נור עס איז בכלל דער איינציגער טעם וואס ער האָט פאר זיינע מיינונגען מכח מאָראל, געשמאק און אנשטענדיגקייט, וועלכע ער געפינט ניט בפירוש אויסגעשריבען אין זיין רעליגיעזע תורה; און אפילו וואס ער געפינט דאָרטען געשריבען טייטשט ער אויך אויס לויט זיין געשמאק נאָך. א מענשען'ס מיינונגען מכח וואס מען דארף לויבען און וואס מען דארף טאדלען, זיינען דעריבער בעאיינפלוסט פון אלע פערשיידענע סבות, וואס האָבען אן איינפלוס אויף זיין פערלאנג בנוגע אנדערע מענשענס אויפפיהרונגען; און עס זיינען פאראן אזויפיעל סבות, וויפיעל פאר יעדען אנדער וואונש, וואס ער האָט. אמאָל איז דאָס דער פערשטאנד, אן אנדערס מאָל — די פאראורטיילען אָדער אבערגלויבענס; אָפט איז עס די געזעלשאפטליכע סימפאטיען, ניט־זעלטען — די אנטי־געזעלשאפטליכע געפיהלען; די קנאה, שנאה די גאוה און נקמה; גיכער פאר אלץ אָבער זיינען עס אייגענע אינטערעסען, דער פערלאנג נאָך גוטס און די מורא פאר שלעכטס —

די גערעכטע אדער אונגערעכטע אייגען־נוצען. וואו עס גיט אן „אויפגעקומענער קלאס“, קומט ארויס א גרויסער טייל פון די מאָראל פון לאנד פון זיינע קלאס־אינטערעסען און פון די געפיהלען פון זיין העכערן שטאנד. די מאָראל צווישען ספארטאנער און העלאָטען, צווישען בעזיצער פון פלאנטאציעס און נעגערס, צווישען קיסרים און אונטערטאנען, צווישען פריצים און פויערים, צווישען מענער און פרויען, איז מעהרסטענטיילס געשאפען געוואָרען פון אָט די קלאסען־אינטערעסען און געפיהלען; און די געפיהלען, וואס זיינען אָט אזוי געשאפען געוואָרען, ווירקען נאכהער צוריק אויף די מאָראלע געפיהלען פון דעם אויפגעקומענעם קלאס אין זיינע שייכות'ן צווישען זיך. פערקעהרט וויעדער, וואו א פריהער אויפגעקומענער קלאס האָט פערלאָרען זיין גרויסקייט, אָדער וואו זיין גרויסקייט איז ניט פאָפולער, ווען די הערשענדע מאָראלע געפיהלען אָפט אויסדריקען אן אונפערליידענדען האס צו א העכערן שטאנד. נאָך א גרויסע אורזאך וואָס בעשטימט די רעגעלן פון אויפפיהרונג, סיי די עשה'ס סיי די לא תעשה'ס, וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען פון געזעץ און עפענטליכער מיינונג, איז די מענשליכע טבע פון קניען און בוקען זיך צו דעם „געמיינטען“ ווילען אָדער ווידער־ווילען פון זייערע הערשער אויף דר'ערד אָדער זייערע געטער אין הימעל. אָט די טבע פון פאלען צו די פיס, הגם זי איז בעצם עגאָאיסטיש, איז זי ניט היפאָקריטסטווע; זי רופט ארויס אמת־ריינע געפיהלען פון האס; זי בעוועגט מענשען צו פערברענען מכשפים און אפיקורסים. צווישען אזויפיעל געמיינע איינפלוסען, האָט דער איינפלוס פון די אלגעמיינע און קלאָרע געזעלשאפטס אינטערעסען גאנץ געוויס אויך געהאט א חלק, און טאקי א גרויסען חלק, אין דירעקטירען די מאָראלע געפיהלען: אָבער ניט אזוי מחמת דער שכל האָט דאָס זיי מחיב געווען, און צוליב די מאָראלע געפיהלען גופא, ווי דערפאר וועיל עס איז א פועל יוצא פון די סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, וואס זיינען ארויסגעוואקסען פון זיי; און אזעלכע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, וואס האָבען וועניג אדער גאר נישט

געהאט צו טון מיט געזעלשאפטליכע אינטערעסען, האָבען זיך גע־לאָזט פיהלען ביי דער איינפיהרונג פון מאָראלע לעהרען מיט פונקט אזא גרויסער קראפט.

דאָס, וואס געפעלט אדער געפעלט ניט דער געזעלשאפט אָדער איין מעכטיגען טייל איהרען, איז אָט אזוי די הויפט זאך, וועלכע האָט אויף דער פראקטיקע בעשטימט די רעגעלן, וואָס זיי־נען געמאכט געוואָרען פאר אלעמען אָבצוהיטען, אונטערן שטראָף פון געזעץ אָדער עפענטליכער מיינונג. און בכלל האָבען די מענ־שען, וואס זיינען געשטאנען העכער פאר׳ן עולם אין דיינקען און פיהלען, געלאָזען דעם פרינציפ פון די זאכען ניט בעקעמפפט, הגם עס איז זיי פאָרגעקומען צו קעמפפען אנטקעגען אייניגע פון זיינע פּרטים. זיי האָבען זיך גיכער אָבגעגעבען מיט חקירות מכח וואָס עס דארף געפעלען דער געזעלשאפט און וואס ניט, אנשטאָט צו פרעגען זיך, צי דארף איבערהויפט דאָס וואָס געפעלט איהר, אָדער וואָס עס געפעלט איהר ניט, זיין א חק ולא יעבור פאר אלעמען. זיי האָבען גיכער זיך עוסק געווען צו ענדערן די עפענט־ליכע מיינונג אין די פּרטים, וואס האָבען אָנגעריהרט זייער איי־גענער אפיקורסות, איידער צו מאכען יד אחת מיט אלע אנדערע אפיקורסים און קעמפפען אינ׳ם נאמען פון פרייהייט אנטקעגען דער עפענטליכער מיינונג גופא. דער איינציגער פאל, וואו ווער עס איז האָט זיך געשטעלט אמאָל דאָ, אמאָל דאָרטען אויפ׳ן העכערן גרונד אינ׳ם נאמען פון פרינציפּ און האָט זיך פעסט געהאלטען דערביי, איז געווען אין פּרט פון אמונה; א פאל פון וועלכען מען קען פיעל לערנען, און וועלכער גיט אונז א העכסט־מערקווירדיגען ביישפּיעל, ווי לייכט דער אזוי גערופענער מאָראלער געפיהל קען זיך טועה זיין: ווארים די קנאת הדת איז ביי דעם אמת׳ן פא־נאטיקער איינער פון די אויפריכטיגסטע פּרטים פון מאָראלען גע־פיהל. די ערסטע, וועלכע האָבען אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון דער קירכע, וואס האָט זיך גערופען די „אוניווערסאלע" (ד. ה. די קאטוילישע), זיינען בדרך כלל געווען אזוי ווייניג צו־פרידען צו ערלויבען חלוקי דעות אין רעליגיאָנס־זאכען, ווי יענע

קירכע גופא. נור ווען דער ברען פון דער מלחמה איז שוין געווען אוועק, ניט געבענדיג קיין פאלשטענדיגען נצחון קיינער פון די פארטייען, און יעדע קירכע אדער סעקטע האט זיך געמוזט בע־נוגענען מיט דער האפנונג צו קענען אייגהאלטען דעם באדען, וואס זי האט שוין פערנומען — דענסטמאל אז די מינאריטעטען האבען איינגעזעהן, דאס זיי האבען קיין שאנס ניט צו ווערען מאיארי־טעטען, זיינען זיי געווען געגויטיגט צו בעטען זיך ביי די, וועמען זיי האבען ניט געקענט איבער׳שמד׳ן, מען זאל ערלויבען צו הא־בען חלוקי דעות. אויף דעם פעלד פון מלחמה כמעט אליין, הייסט עס, האט מען ארויסגעשטעלט דעם יחיד׳ס רעכט אנטקעגען דער געזעלשאפט פון א בריימען, פרינציפיעלען שטאנדפונקט; נור דא האט מען אפען בעקעמפפט דער געזעלשאפטס פאדערונג אויסצו־איבען איהר אויטאריטעט אויף די וואס האלטען אנדערע מיי־נונגען. די גרויסע שרייבער, וועמען די וועלט האט צו פערדאנ־קען דאס ביסעל רעליגיעזע פרייהייט וואס זי האט, האבען דאס הויפט־געוויכט געלעגט אויף די געוויסענס־פרייהייט אלס א רעכט וואס מען קען ניט אבשטרייטען, און האבען לחלוטין אבגעלייקענט אז א מענש דארף וועמען עס איז אבגעבען דין וחשבון פאר זיין רעליגיעזען גלויבען. דאך איז עס אזוי נאטירליך פאר מענשען ניט צו זיין טאלעראנט בנוגע עפעס, וואס איז זייווירקליך צום האר־צען, אז קיין רעליגיעזע פרייהייט איז נאך אלעם אויף דער פראק־טיקע אין ערגעץ ניטא, א חוץ וואו די רעליגיעזע אינדיפערענץ, וועלכע וויל ניט געשטערט ווערען אין איהר רוה פון טעאלאגישע מחליקות, האט צוגעלעגט איהר געוויכט אויפ׳ן וואגשאל. כמעט אלע רעליגיעזע מענשען, אפילו אין די טאלעראנטסטע לענדער, זיינען מודה דעם חוב פון טאלעראנץ איבערלאזענדיג בשתיקה עפעס אן „אבער". איין מענש וועט פערליידען אבטריניגקייט בנוגע די סיגים פון דער קירכע, א ב ע ר ניט ח"ו וועגען די עקרים; אנאנדערער קען אלעמען פערטראגען, אבער ניט דעם וואס גלויבט אין פאפסט, אדער דעם אוניטאריאנער; נאך איינער איז טאלעראנט צו יעדערן וואס גלויבט אין תורה מן השמים;

אנדערע ציהען אוים זייער גוט הארץ נאָך אביסעל ווייטער, אָ ב ע ר בעשטעהען אויף דעם גלויבען אין א גאָט און עולם הבא. וואו דער געפיהל פון דער מאַיאָריטעט איז נאָך שטארק און ערנסט, דאָרט געפינט מען, אז זי האָט ווינציג־וואָס נאָכגעלאָזען פון איהר פאָדערונג, אז אלע זאָלען איהר פאָלגען.

אין ענגלאנד, צוליב די בעזונדערע אומשטענדען אין איהר פאָליטישער געשיכטע, איז דער יאָך פון געזעץ לייכטער איידער אין די מעהרסטע אייראָפּעאישע לענדער, הגם דער יאָך פון דער עפענטליכער מיינונג איז נאָך אפשר שווערער. מען קוקט דאָ מיט זעהר א קרומען אויג אויף דאָס דירעקטע אריינמישען זיך פון דער געזעצגעבענדער אדער עקזעקוטיווער מאכט אין פּריוואטע האנד־לונגען; אָבער ניט אזוי צוליב דער גערעכטער אכטונג פאר דעם יחיד'ס אונאבהענגיגקייט, ווי צוליב דעם וואָס מען איז נאָך אלין געוועהנט צו קוקען אויף דער רעגירונג אלס א פערטרעטעריו פון אינטערעסען, וואָס געהען להיפך צו דעם עולם'ס אינטערעסען. די מאַיאָריטעט האָט זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו פיהלען, אז די רעגירונגס מאכט איז איהר מאכט און אז די רעגירונגס מיינונגען זיינען איהרע מיינונגען. ווען דער עולם וועט אמאָל אָנהויבען אזוי צו פיהלען, וועט די אינדיווידועלע פרייהייט זיין אין סכנה אָנגע־גריפען צו ווערען פון דער רעגירונג, פּונקט אזוי ווי זי איז שוין אָנגעגריפען געווארען פון דער עפענטליכער מיינונג. דערווייל־אָבער קען מען נאָך א היבש ביסעל היים בלוט ארויסרופען אנט־קעגען יעדען פערזוך פון געזעץ צו קאָנטראָלירען די איינצעלנע אין אזעלכע זאכען, אין וועלכע זיי האָבען לעת עתה זיך נאָך ניט צוגעוועהנט צו ווערען קאָנטראָלירט פון איהם; און עס מאכט גאָר ניט אוים צי די זאך וואָס ער וויל קאָנטראָלירען שטעהט אין דעם גערעכטען רשות פון געזעץ, צי ניט: וואָרים אָט דער, בכלל זעהר געזונטער געפיהל, ווערט אפשר אקוראט אזויפיעל מאָל פאלש אָנגעווענדט, ווי ריכטיג. עס איז אין דער ווירקליכקייט ני־טאָ קיין אָנגענומענער פּרינציפּ, לויט וועלכען מען זאָל געוועהנליך מעסטען, ווען עס איז רעכט די רעגירונג זאָל זיך אריינמישען,

און ווען ניט. מענשען בעשליסען פשוט לויט זייער געשמאק נאָך. איינינע מענשען, ווען זיי זעהען עפּעס א גוטע זאַך, וואס מען דארף טון, אָדער פערקעהרט עפּעס א שלעכטע זאַך, וואָס מען דארף פעררייכטען, וואָלטען זיי גלייך אונטערגעשטופּט די רעגירונג זי זאָל זיך נעהמען פאר דעם עסק; אנדערע ווידער וואָלטען בדאי פערליטען מי יודע וויפיעל געזעלשאפטליכע צרות, אבי נור ניט געבען דער רעגירונג א פּתח אריינצומישען זיך אין א נייער אָב־טיילונג פון געזעלשאפטליכען לעבען. און מענשען שטעלען זיך אויף איין זייט אדער דער אנדער זייט אין וואָסער עס איז בע זונדערן פאל, לויט אָט דער אלגעמיינער ריכטונג פון זייערע גע־פיהלען: אדער לויט דעם ערך וויפיעל אינטערעס זיי פיהלען אין דער זאַך, וואס מען שלאָגט פאָר די רעגירונג זאָל טון, אָדער לויט דער מיינונג וואָס זיי האָבען צי די רעגירונג וועט עס טון אזוי ווי זיי ווילען, צי ניט; אָבער זעהר זעלטען צוליב א געוויסע מיינונג, ביי וועלכער זיי האלטען זיך תמיד פעסט, מכח די זאכען וואָס פּאַ־סען זיך געטון צו ווערען פון דער רעגירונג. און מיר שיינט, אז דער־פאר וייל עס פעהלט אָט אזא רעגעל אדער פּרינציפּ, איז היינטיגען טאָג איין צד אזוי אָפּט אומגערעכט ווי דער אנדערער. דאָס אריינמישען זיך פון דער רעגירונג ווערט כמעט אזוי אָפּט ניט ריכטיג פערלאנגט ווי ניט ריכטיג פערדאמט.

דער צוועק פון דעם בוך איז צו דערקלערען א זעהר איינפאַ־כען פּרינציפּ, לויט וועלכען מען קען לחלוטין בעשטימען ווי די געזעלשאפט זאָל בעהאנדלען דעם יחיד אין פּרט פון צוואנג און קאָנטראָל, סיי מיט די מיטלען פון פיזישער מאכט אין דער פאָרמע פון געזעצליכער בעשטראפונג, אָדער דורך דעם מאראלען צוואנג פון דער עפענטליכער מיינונג. דער דאָזיגער פּרינציפּ איז, אז דער איינציגער צוועק צוליב וועלכען די מענשהייט, אלס כלל אָדער אלס יחיד, איז בערעכטיגט צו שטערען די פרייהייט פון טהאט פון וועלכען עס איז מענשען, איז — ז ע ל ב ס ט ־ ב ע ש י צ ו נ ג. אז דער איינציגער צוועק צוליב וועלכען מען מעג בענוצען געוואלט אויף א מיטגליד פון א ציוויליזירטער געמיינדע, אנטקעגען זיין

ווילען, איז כדי ניט צו דערלאָזען קיין היזק פאר אנדערע. זיין אייגענע טובה, סיי א פיזישע, סיי א מאָראלע, איז ניט גענוג קיין בערעכטיגונג. מען האָט קיין רעכט ניט איהם צו צווינגען עפּעס צו טון, אָדער עפּעס אנאנדער זאך אָבהאלטען זיך פון צו טון, צוליב דעם טעם וואס אזוי וועט פאר איהם זיין בעסער, וואס עס וועט איהם מאכען גליקליכער, אדער ווייל אנדערע מיינען, אז דער שכל און יושר זאָגט ער זאָל אזוי האנדלען. זיי זיינען גוטע טעמים אויף מוסר׳ן איהם, טענה׳ן מיט איהם, איינרעדען אדער בעטען איהם מיט גוטען, אָבער ניט אויף צווינגען איהם, אָדער גאר בעשטראָפען איהם אויב ער טוט אנדערש. כדי דאָס צו קענען בערעכטיגען, מוז זיין א קלאָרער חשבון, אז די האנדלונג פון וועלכער מען וויל איהם אָבהאלטען, וועט זיין שעדליך פאר אנאנדערן. דער איינציגער טייל פון וועמעס עס איז אויפפיהרונגען, פאר וועלכען די געזעלשאפט מעג זיך מיט איהם רעכענען, איז נור אזעלכער וואס איז נוגע אנדערע מענשען. אין דעם טייל וואס איז נישט מעהר ווי איהם אליין נוגע, איז זיין אונאבהענגיגקייט, על פי גערעכטיגקייט, אן אבסאָלוטע. איבער זיך אליין, איבער זיין אייגענעם גוף און אייגענער נשמה, איז דער יחיד אליין בעל־הבית.

עס איז אפשר גאר ניט נויטיג צו בעמערקען, אז אָט די לעהרע מיינט מען אָנצו־ווענדען נור אויף מענשען אין דעם רייפען צושטאנד פון אלע זייערע גייסטיגע אייגענשאפטען. מיר רעדען דאָ ניט פון קינדער, אָדער פון יונגע לייט איידער מען האלט זיי על פי דין פאר דערוואקסענע מענער אָדער פרויען. אזעלכע וואָס געפינען זיך נאָך אין דעם צושטאנד, וואס פאָדערט אנדערע זאָלען אויף זיי אכטונג געבען, מוזען בעשיצט ווערען פון זייערע אייגענע מעשים, אזוי גוט ווי פון א זייטיגען שאָדען. צוליב דעמזעלביגען טעם מוזען מיר ארויסלאָזען פון חשבון די הינטערשטעליגע פעלקער, וועלכע מאכען נאָך דורך, אזוי צו זאָגען, זייערע קינדער־יאָהרען. די אָנפאנגס־שוועריגקייטען וואס ליעגען אויפ׳ן וועג פון א נאטירליכען פראָגרעס זיינען אזוי גרויס, אז נור זעלטען־ווען קען מען איבערקלייבען די מיטלען בייצוקומען זיי; און דעריבער

איז א הערשער, וועלכער איז דורכגענומען מיט׳ן גייסט פון פארט־שריט, בערעכטיגט צו בענוצען יעדען פאסיגען מיטעל צו גרייכען א ציעל, וואס מען וואָלט אפשר אנדערש־ווי ניט געקענט גרייכען. דעספּאָטיזם איז א געזעצליכע פאָרמע פון רעגירונג ווען מען האנדעלט מיט בארבארען, בתנאי אבער ווען דער צוועק איז ז י י ע ר ענטוויקלונג, און די מיטלען זיינען בערעכטיגט, ווייל זיי פיהרען ווירקליך צום געווינשטען ציעל. פרייהייט אלס א פרינציפ קען ניט אָנגעווענדט ווערען אויף קיין צושטאנד, איידער די מענש־הייט איז געווארען בכח זיך צו בעסערן דורך גלייכע און פרייע דיסקוסיאָנען.*) ביז יענער צייט האָבען זיי קיין אנדער וועג ניט, א חוץ געטריי צו פאָלגען אן א ק ב א ר**) אדער א קארל דעם גרויסען, אויב זיי האָבען דעם מזל צו קריגען אזא הערשער. אָבער אזוי שנעל ווי די מענשען האָבען געגרייכט די מדרגה, ווען מען קען

---

*) דער פערפאַסער שטעלט אפילו אַוועק אַ זעהר וויכטיגען תנאי, ווען מען מעג בעהאַנדלען באַרבאַרען דעספּאָטיש; ער בעוואָרינט זיך אָבער ניט אַנטקעגען די וויכטיגערע פראַגע: ווער בעט די דעספּאָטען געהן ענטוויקלען אַ באַרבאַריש פאָלק? אויב די באַרבאַרען טשעפּען קיינעם ניט, ווער האט דאס רעכט צו נעהמען זיך ציוויליזירען זיי איבער געוואָלט? וועלכער מענש קען דאס אויף זיך זאָגען, אַז ער שטעהט צו זיי אין דער שייכות פון אַ פאָטער צו יונגע קינדער, ווע־מען ער איז מחויב צו ערציהען און דאַרף זיך ביי זיי ניט אָנפרעגען ווי און וואָס, ווייל זיי קענען זיך נאָך ניט בענוצען מיט דער ברכה פון פרייהייט? און ווער זאָגט עס, אז באַרבאַרען מאַכען ניט קיין נו־צען פון פרייע און גלייכע דיסקוסיאָנען? האָבען ניט קאַרל דעם גרוי־סען׳ס באַרבאַרען געהאַט פרייע און גלייכע פאָלקס־אסיפות, איידער ער האָט זיי מזכה געווען מיט זיין ציוויליזאַציע? —

דער איבערזעצער.

**) אקבאר — דער בעריהמטער קיסר פון די מאָנגאָלען אין הינ־דוסטאן, געקעניגט פון 1556 ביז 1605.

דער איבערזעצער.

זיי מדריך זיין פאר זייער איינענער טובה דורך איבערצייגונג אָדער איבעררעדונג (און אזא מדרגה האָבען שוין לאנג געגרייכט אלע פעל־קער וועגען וועלכע מיר האָבען דאָ צו טון), דאמאָלסט איז צוואנג, סיי אין א דירעקטער פאָרמע, סיי אין דער פאָרמע פון שטראָף און א פסק געבען פאר ניט פאָלגען, שוין ניט מעהר פאסיג אלס א מיטעל פון זייער טובה וועגען, און עס איז נור בערעכטיגט צוליב די זי־כערהייט פון אנדערע מענשען.

עס איז רעכט צו בעמערקען, אז איך לאָז דאָ דורך יעדען נוץ, וואס מען וואָלט געקענט ציהען פאר מיין ארגומענט פון דער אי־דעע פון א ב ס ט ר א ק ט ע ר ע כ ט, אלס א זאך וואָס הענגט ניט אב פון דער פראגע פון ניצליכקייט. די נוצבארקייט (אוטי־ליטעט) בעטראכט איך פאר דער העכסטער אינסטאנציע, וועלכע בעשליסט אלע עטהישע פראגען: עס מוז אָבער זיין נוצבארקייט אין דעם ברייטסטען זין, בעגרינדעט אויף די דויערהאפטע אינ־טערעסען פון א מענשען אלס א פראָגרעסיווען וועזען. די דאָזיגע דויערהאפטע אינטערעסען, טענה איך, בערעכטיגען צו שטעלען דעם יחיד׳ס פרייע טהעטיגקייט אונטער אן אויסערליכען קאָנטראָל נור בנוגע אזעלכע מעשים זיינע, וועלכע גרייפען אָן די אינטערעסען פון אנדערע מענשען. טוט איינער עפעס וואס איז שעדליך פאר אנדערע, איז יעמאָלט קלאָר פון אויבען אויף, אז מען מעג איהם בעשטראָפען על פי געזעץ, אָדער דורך אלגעמיינע פעראכטונג, אויב עס איז ניט גאר זיכער אָנצו־ווענדען געזעצליכע שטראָף. עס זיי־נען אויך פאראן פיעל טהאטען, וואָס מען מעג מיט רעכט איינעם צווינגען צו טון, פון אנדערע מענשענס טובה וועגען: דהיינו געהן עדות זאָגען אין געריכט; ביישטייערן זיין גלייכען חלק פאר דער געמיינשאפטליכער בעשיצונג, אָדער פאר יעדער אנדער כלל־אר־בייט וואָס איז נויטיג פאר די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט, פון וועלכער ער קריגט פראָטעקציע; אויך טון געוויסע זאכען לטובה פון איינצעלנע מענשען, ווי ראטעווען א מענשענ׳ס לעבען, אָדער איינשטעלען זיך פאר א שוצלאָזען בעת אימיצער געהט איהם שלעכטס טון, — אלץ זאכען, וואס וויבאלד עס איז קלאָר אז א

מענש איז עס מחויב צו טון, מעג די געזעלשאפט, על פּי גערעכ־טיגקייט, איהם האלטען פעראנטוואָרטליך, ווען ער טוט דאָס ניט. א מענש קען גורם זיין דעם אנדערן א רעה ניט נור מיט וואָס ער טוט, נור אויך מיט וואס ער טוט ניט, און אין איין פאל ווי אין דעם אנדערן מעג מען מיט רעכט איהם האלטען פעראנטוואָרט־ליך פאר דעם היזק. אמת, מען דארף א סך מעהר פאָרזיכטיג זיין מיט דעם געברויך פון צוואנג אנטקעגען עולות פון ניט־טון, ווי אנטקעגען עולות פון טון. צווינגען איינעם אָבצוגעבען דין וחשבון פאר טון אן עולה איז דער רעגעל; צווינגען איהם אָבצוגעבען דין וחשבון פאר ניט פערמיידען א שאָדען, איז אין פערגלייך מיט יע־נע, די אויסנאהמע. דאָך זיינען פאראן פיעל פעלע, וואס זיינען גענוג קלאָר און גענוג געפעהרליך, אז אפילו די אויסנאהמע איז אויך בערעכטיגט. אין אלע זאכען וואס זיינען נוגע דעם יחיד׳ס אויסערליכע שייכות, איז ער על פּי דין פעראנטווארטליך צו די, וועמעס אינטערעסען ער גרייפט אָן, אָדער וואו נויטיג — צו דער געזעלשאפט אלס זייער בעשיצערין. אָפט זיינען פאראן גוטע טעמים פאר וואס מען זאָל זיך מיט איהם ניט רעכענען פאר אזוינע מעשים; די טעמים מוזען אָבער אויסוואקסען פון די ספּעציעלע אויסערעכענונגען פון דעם בעזונדערן פאל: ענטוועדער ווייל עס איז אזא מין פאל וואו א מענש וועט בכלל האנדלען ריכטיגער, ווען מען לאָזט איהם טון ווי ער פערשטעהט, איידער ווען ער ווערט קאָנטראָלירט פון דער געזעלשאפט אויף די אופנים ווי זי קען קאָנ־טראָלירען; אָדער ווייל דאָס נעהמען־זיך קאָנטראָלירען איהם וועט ברייגגען אנדערע צרות, גרעסערע איידער די, וועלכע דאָס וואָלט פערמיידען. ווען אָט אזעלכע טעמים דערלאָזען ניט דורכזעצען די פאָדערונג פון פעראנטווארטליכקייט, דארף דעם מענשענ׳ס איי־גענער געוויסען אוועקזעצען זיך אויפ׳ן לעדיגען ריכטערשטול און בעשיצען יענע מענשענס אינטערעסען, וועלכע האָבען ניט קיין אויסערליכע בעשיצונג; און ער דארף זיין וואָס שטרענגער צו זיך אליין, טאקי דערפאר ווייל עס לאָזט זיך ניט מאכען איהם אין דעם פאל פעראנטווארטליך פאר׳ן משפט פון זיינע מיט־מענשען.

עס איז אָבער פאראן א קרייז פון טהעטיגקייט, וואו די געזעלשאפט (קוקענדיג אויף איהר ווי אויף א בריה בפני עצמה) האָט העכסטענס נישט מעהר ווי אן אינדיריקטען אינטערעס; דאָס איז דער קרייז, וואס נעהמט ארום יענעם גאנצען טייל פון א מענשענ׳ס לעבען און פיהרונג, וועלכע גרייפט אָן נור איהם אליין, און אויב עס גרייפט אָן אנדערע אויך, איז עס נור מיט זייער פרייען, גורטען ווילען און ניט ארייגגענארטער צושטימונג. ווען איך זאָג עס איז נוגע איהם אליין, מיין איך וואס איז דירעקט און לכתחילה איהם אליין נוגע: ווארים ניט־דירעקט קען אלץ וואס גרייפט איהם אָן, אָנגרייפען אנדערע אויך; און שפעטער וועלען מיר טאקי בעטראכטען די איינוועגדונג, וואס מען קען מאכען אויף אָט דעם כמך. אָט דאָס, הייסט עס, איז דער ריכטיגער קרייז פון מענשליכער פרייהייט. עס נעהמט ארום ערסטענס דעם אינערליכען רייך פון בעוואוסטזיין: שטעלענדיג די פאָדערונג פון געוויסענס־פרייהייט אין ברייטסטען זין, די פרייהייט פון געדאנק און געפיהל, די אבסאָלוטע פרייהייט פון מיינונג און געזינונג מכח אלע מעגליכע ענינים, פראקטישע אדער טעאָרעטישע, וויסענשאפטליכע, מאָראלע אָדער טעאָלאָגישע. עס קען זיך אויסווייזען, אז רעדע און פרעסע־פרייהייט געהערען גאָר צו אנאנדער פרינציפ, ווארים דאס האָט דאָך צו טון מיט דעם טייל פון א מענשענ׳ס פיהרונג, וואס איז נוגע אנדערע; אבער אזוי ווי עס איז כמעט אזוי וויכטיג ווי די פרייהייט פון דיינקען גופא, און שטיצט זיך גרעסטענטיילס אויף דיזעלביגע טעמים, קען מען פראקטיש דעריבער זיי ניט אָבטיילען. צווייטענס, פאָדערט דער פרינציפ די פרייהייט פון געשמאקען און בעשעפטיגונגען; די פרייהייט אויסצוארבייטען דעם פלאן פון אונזער לעבען ווי עס פאסט צו אונזער כאראקטער; די פרייהייט צו טון וואס אונז געפעלט אויף אונזערע אייגענע אחריות, ניט געשטערט צו ווערען פון אונזערע מיט־מענשען, כל זמן דאס וואס מיר טוען שאדט זיי ניט, הגם זיי מעגען זיך דיינקען אז אונזער פיהרונג איז נאריש, פערדאָרבען אָדער פאלש. דרייטענס, פון די פרייהייט פון יעדען איינצעלנעם איז געדרונגען די

פרייהייט, אונטער די אייגענע גרעניצען, פון פעראייניגונג צווי־שען איינצעלנע; די פרייהייט צו פערבינדען זיך פאר יעדען צוועק, וואס שליסט ניט איין קיין שאדען פאר אנדערע: עס פערשטעהט זיך, אז די מענשען וואס געהען אריין אין דער פעראייניגונג זיינען אלע דערוואקסענע און ניט געצוואונגענע אדער פערנארט אין דעם.

קיין געזעלשאפט, עס מאכט ניט אויס וועלכע פארמע פון רע־גירונג זי האט, איז ניט פריי, אויב אט די פרייהייטען ווערען ביי איהר ניט געשעצט; און קיינע איז ניט אין גאנצען פריי, אין וועל־כער זיי זיינען ניט אבסאלוט און אונבעדינגט. די איינציגע פריי־הייט, וואס פערדיענט דעם נאמען, איז די פרייהייט צו זוכען אונ־זער אייגענע טובה אויף אונזער אייגענעם וועג, כל זמן מיר פער־נעהמען זיך ניט צו בערויבען אנדערע פון זייער פרייהייט און שטערען זיי ניט צו קריגען זי. יעדערער איז דער ריכטיגער אפּע־קון אויף זיין אייגענעם געזונד — סיי אויפ'ן געזונד פון גוף, סיי פון שכל און פון דער נשמה. די מענשען געווינען מעהר, ווען זיי לאזען איינעם מיט דעם אנדערן לעבען ווי זיי אליין מיינען אז ס'איז גוט פאר זיי, איידער ווען מען צווינגט יעדען איינעם צו לעבען ווי די איבעריגע מיינען אז ס'איז גוט.

הגם אט די לעהרע איז כלל ניט קיין נייע, און ביי אייניגע מענשען קען עס גאר האבען א פנים פון א טרואיזם (אן אויסגע־דראשענער אמת), פון דעסטוועגען איז ניטא נאך איינע צו איהר, וואס געהט אזוי להיפך צו דער אלגעמיינער טענדענץ פון היינטיגע מיינונגען און האנדלונגען. די געזעלשאפט האט פונקט אזויפיעל כחות אוועקגעלעגט אויף דער ארבייט (לויט איהרע בעגריפען) צו נויטען מענשען אנצונעהמען איהר מאסשטאב פון גוטס אין פער־זענליכע זאכען ווי אין געזעלשאפטליכע ענינים. די אמאליגע קהלות האבען געדיינקט, און די אלטע פילאזאפען האבען צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, אז זיי האבען א רעכט צו רעגולירען יעדען טייל פון פריוואט לעבען על פי דעת הקהל, אויס דעם גרונד וואס דער שטאאט איז שטארק פעראינטערעסירט אין דער גאנצער קערפּער־ליכער און גייסטיגער דיסציפּלין פון יעדען איינעם פון זיינע ביר־

גער: א פאָרמע פון דיינקען וואָס האָט זיך געקענט ערלויבען אין קליינע רעפובליקען, וועלכע זיינען געוועזן ארומגערינגעלט פון מעכ־טיגע פיינד, אין שטענדיגער געפאהר חרוב צו ווערען פון אן אי־בערפאל פון דרויסען אָדער פון אן אויפרוהר פון אינעווייניג, און פאר וועלכע אָבלאָזען די לייצעס אפילו פאר א קורצע ווײלע איז געוועזן אזא גרויסע סכנה, אז זיי האָבען ניט געקענט דערפאָדערן צו ווארטען אויף די געזונטע און דויערהאפטע פאָלגען וואָס פריי־הייט וואָלט געבראכט. אין דער היינטיגער וועלט, צוליב דעם וואָס די פּאָליטישע קהלות זיינען א סך גרעסערע ווי די אמאָליגע, און מעהר ווי אלץ ווייל די גייסטליכע אויטאָריטעט איז אָבגעטיילט פון דער וועלטליכער, (וואָס האָט מיטגעבראכט אז די דברים שבין אדם למקום זאָלען ווערען אויפגעפאסט פון אנדערע אויפזעהער ווי די דברים שבין אדם לחבירו) קריכט שוין דאָס געזעץ אזויפיעל ניט אריין אין די פּרטים פון פּריוואט לעבען; אָבער די מאשי־נעריע פון מ אָ ר א ל ע ר אונטערדריקונג איז אָנגעשטעלט געוואָ־רען א סך שטרענגער כנגד די וואָס געהען אראָב פון וועג אין פּער־זענליכע זאכען, איידער אפילו אנטקעגען עבירות פון א געזעל־שאפטליכען כאראקטער. ווארים די רעליגיאָן, דער שטארקסטער פון די עלעמענטען, וואָס האָבען א חלק אין דער אויסבילדונג פון די מאָראלע געפיהלען, איז כמעט אלעמאָל רעגירט געווארען, ענט־וועדער פון די אמביציעס פון א היערארכיע (א ממשלת כהנים), וועלכע האָט געזוכט צו קאָנטראָלירען יעדע אָבטיילונג פון מענש־ליכען לעבען, אָדער פון דעם גייסט פון פּוריטאניזם (וואָס היט אָב דעם אות אנשטאט דעם זין פון דער תורה). און אייניגע פון די מאָדערנע רעפאָרמאטאָרס, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אלס די שטארקסטע געגנער פון די פארצייטיגע רעליגיאָנען, האָבען זיך ארויסגעזאָגט פאר דאָס רעכט פון גייסטליכער הערשאפט ניט א האָר ווייניגער איידער די קירכען אָדער די סעקטען: בעזונדערס אָגיוסט קאָנט, וועמעס געזעלשאפטליכער סיסטעם, ווי מיר געפי־נען עס אין זיין „סיסטעם פון פּאזיטיווער פּאָליטיק", זוכט איינצו־פיהרען (הגם מעהר דורך דעם איינפלוס פון מאָראל איידער דורכ'ן

געזעץ) אזא מין געזעלשאפטליכע דעספּאָטיע איבער'ן יחיד, וועלכע שטייגט אריבער אלץ וואס איז ווען עס איז גערדאכט געווארען אין דעם פּאָליטישען אידעאל פון דעם שטרענגסטען דיסציפּלינאריסט צווישען די אלטע פילאָזאָפען.

א חוץ די זאָנדערבארע מיינונגען פון איינצעלנע דיינקער, פערגרעסערט זיך אין דער וועלט בכלל די נייגונג אָנצוציהען צו־פיעל די לייצעס פון דער געזעלשאפטליכער מאכט איבער דעם יחיד, הן דורך די קראפט פון דער עפענטליכער מיינונג, הן אפילו דורך די מאכט פון געזעץ. און אזוי ווי די טענדענץ פון אלע ענדערונ־גען וואָס קומען פּאָר אין דער וועלט, איז שטארקער צו מאכען די געזעלשאפט און אָבצושוואכען דעם יחיד'ס מאכט, איז אָט דער אָנגריף ניט קיין צרה וואס האָט די טבע צו פערשווינדען פון זיך אליין, נור עס איז אדרבא א צרה, וואס ווערט אלץ מעהר געפעהר־ליך. די טבע פון מענשען, סיי אלס הערשער, סיי אלס פּשוט'ע מיט־בירגער, אָנצוהענגען זייערע פערזענליכע מיינונגען און נייגונגען אלס כללים פון אויפפיהרונג אויף אנדערע, ווערט אזוי ענערגיש געשטיצט אי פון אייניגע בעסטע ,אי פון אייניגע ערגסטע מאָטיווען, וואס ליעגען אין דער מענשליכער נאטור, אז דאָס איינ־ציגע וואָס האלט זייער ווילען צוריק, איז נור וואָס זיי האָבען ניט בכח אלץ אויסצופיהרען. און אזוי ווי זייער מאכט ווערט ניט קלענער, נור גרעסער, איז סיידען מיר ווילען קענען אויפבויען א פעסטונג פון מאָראלער איבערצייגונג אנטקעגען דער דאָזיגער צרה, מוזען מיר, ביי היינטיגע אומשטענדען פון דער וועלט, דערווארטען צו זעהען ווי זי וואקסט פונאנדער אלץ מעהר און מעהר.

---

עס וועט זיין בעקוועמער פאר'ן ויכוח, אנשטאָט צו נעהמען זיך גלייך פאר דער אלגעמיינער פראגע, צו האלטען זיך תחלת ביי איין צווייג איהרען: ביי דעם, וואו דער פרינציפּ, וואָס איז דאָ אוועקגעשטעלט געווארען, איז לכל הפחות טיילווייז, אויב ניט אין גאנצען, שוין אָנגענומען פון די היינטיגע מיינונגען. דער איין צווייג איז די פ ר י י ה י י ט פ ו ן ג ע ד א נ ק, פון וועלכען

מען קען ניט אָבטיילען איהר קרובה — די פרייהייט פון רעדען און שרייבען. הגם די דאָזיגע פרייהייטען זיינען אויף א היבש בי־סעל שוין געוואָרען א טייל פון דער פּאָליטישער מאָראל פון אלע לענדער, וועלכע האלטען פון רעליגיעזער טאָלעראנץ און פון פרייע אינסטיטוציעס, זיינען אָבער די יסודות, סיי די פילאָזאָפישע, סיי די פּראקטישע, אויף וועלכע די פרייהייטען זיינען געבויט, אין אל־געמיין נאָך ניט גענוג בעקאנט און ניט גענוג פערשטאנען — ניט גענוג לפי ערך וואס מען וואָלט געמעגט דערוואַרטען פון א סך אפילו פון די גדולים און פיהרער פון דער עפענטליכער מיינונג. ווען מען זאָל יענע יסודות ריכטיג פערשטעהן, קען מען זיי אָנ־ווענדען אויף א סך א ברייטערן קרייז, איידער אויף איין אָבטיי־לונג פון דעם ענין, און ווען מען זאָל גרינדליך בעטראכטען אָט דעם טייל פון דער פראגע, וועט ער קענען דיענען פאר דער בעס־טער איינלייטונג צו די איבעריגע טיילען. יענע לעזער פאר וועל־מען עס וועט גאָר קיין נייס ניט זיין וואָס איך האָב דאָ בדעה צו זאָגען, וועלען, האָף איך, מיר ענטשולדיגען, ווען איך נעהם זיך אונטער נאָך אמאָל צו דיסקוטירען אן ענין, וועלכער איז פאר די לעצטע דריי הונדערט יאָהר שוין אזוי אָפט דיסקוטירט געוואָרען.

# צווייטער קאפיטעל

## די פרייהייט פון געדאַנק און דיסקוסיאָן.

לאָמיר האָפען, אז די צייט איז שוין פאראיבער, ווען עס איז נאָך נויטיג געווען צו ערקלערען, אז פרעסע־פרייהייט דארף מען האָבען פאר איינס פון די מיטלען ווי צו בעשיצען זיך אנטקעגען א פערדאָרבענע און טיראנישע רעגירונג. מיר מעגען אויך אננעהמען, אז איצטער איז שוין מעהר ניט נויטיג אנצוגעבען ארגומענטען, פאר וואס געזעצגעבער און עקזעקוטיווע בעאמטע, וועמעם אינטערעסען עס שטימען ניט מיט דעם פאָלקס אינטרעסען, זאָלען ניט קענען פאָרשרייבען דעם פאָלק, וועלכע מיינונג עס זאָל האלטען און וועלכע לעהרען און ארגומענטען זאָלען איהם ערלויבט זיין צו הערען. אויסער דעם, איז אָט די זייט פון דער פראגע שוין אזוי אָפט און אזוי שטארק בעפעסטיגט געווארען פון פריהערדיגע שרייבער, אז עס איז גאנץ איבעריג זיך אָבצושטעלען דאָ וועגען דעם ספעציעל. הגם דער ענגלישער פרעס־געזעץ איז נאָך היינטיגען טאָג אזוי געמיין און שקלאפיש, ווי אין די צייטען פון די טודאָרען, פון דעסטוועגען איז ניטאָ שטארק וואס מורא צו האָבען, אז מען וועט איהם בענוצען צו פערווערען פאָליטישע דיסקוסיאָנען, א חוץ אפשר אמאָל אויף א ווייל, אין א צייט פון א פאניקע, ווען די מורא פאר אן אויפשטאנד צומישט די מוחות פון די מיניסטאָרען און ריכטער.*)

---

*) אָקאָרסט ווי די ווערטער זיינען געשריבען געוואָרען, האָבען זיך געמאַכט, ווי אויף להכעיס, די פרעסע־פערפאָלגונגען פון 1858. דאָך האָט דער דאָזיגער אונאיבערלעגטער אַקט געגען די פרייהייט (מילל 88)

רעדענדיג בכלל, איז ניטאָ פיעל וואס מורא צו האָבען, אז אין קאָנסטיטוציאָנעלע לענדער וועט די רעגירונג, סיי זי איז אין גאנצען פעראנטווארטליך צום פאָלק, סיי ניט, זיך אָפּט פערמעסטען צו קאָנטראָלירען דעם אויסדרוק פון מיינונגען, א חוץ ווען די רעגירונג שטעלט בעת מעשה מיט זיך פאָר די אלגעמיינע אונטאָלעראנץ פון פובליקום גופא. לאָמיר דעריבער אָננעהמען דוקא דעם פאל, וואו די רעגירונג געהט האנד אין האנד מיט'ן פאָלק און דיינקט גאָר ניט צו געברויכען איהר מאכט, סיידען ווען זי מיינט, אז זי האָט דאָס פאָלק אויף איהר זייט. איך לייקען אָבער אב, אז דאָס פאָלק גופא, צי אליין, צי דורך דער רעגירונג, האָט א רעכט צו

---

פון עפענטליכער דיסקוסיאָן מיר ניט געגעבען קיין אורזאַכע צו ענדערן אפילו איין וואָרט פון טעקסט. עס האָט אויך ניט שוואַכער געמאכט מיין איבערציינונג, אַז מיט דער אויסנאַהמע פון מינוטען פון אַ פלוצליכען שרעק, וועט די צייט פון רדיפות פאַר פאָליטישע דיסקוסיאָנען דאָ אין לאַנד שוין מעהר זיך ניט אומקעהרען. ווארים ערסטענס, האָבען די רדיפות ניט לאַנג אָנגעהאַלטען; און צווייטענס, זיינען זיי, ריכטיג געזאָגט, ווירקליך ניט געוועזען אמת'ע פאָליטישע פערפאָלגונגען. די בעשולדיגונג איז ניט בעשטאַנען אין דעם חטא פון קריטיזירען אינסטיטוציעס, אָדער פאר קריטיזירען די מעשים אדער די פערזענליכקייטען פון די הערשער, זאָנדערן פאר פערשפּרייטען וואס די רעגירונג האָט אָנגערופען אן אונמאָראַלע לעהרע, נעמליך — די געזעצליכקייט פון הרג'נען טיראַנען.

אויב די אַרגומענטען פון דעם קאַפּיטעל האָבען וועלכען עס איז ווערטה, דאן איז קלאָר, אַז עס מוז זיין פאָלקאָמענע פרייהייט צו דיסקוטירען און האַלטען אירגענד וועלכע מיינונג, ווי אונמאָראַליש אַנדערע מעגען זי ניט בעטראַכטען. עס וואָלט דאַרום ניט זיין אַם פּלאַץ און ניט שייך צום פונקט צו פערהאַנדלען דאָ, אויב די לעהרע פון טיראַנען־מאָרד געהערט אויך אין דער קאטעגאָריע פון מיינונגס־פרייהייט. איך וויל דאָ זיך בענוגענען זאָגענדיג, אַז אָט דער ענין איז פון אייביג אָן געוועזען אן אָפענע פראַגע פון מאָראַל; און אויך, אַז די

געברויכען אזא צוואנג! די מאכט גופא איז ניט רעכטמעסיג. די בעסטע רעגירונג האָט ניט מעהר רעכט אויף דעם, ווי די ערגסטע. עס איז פּונקט אזוי שעדליך, אָדער ריכטיגער געזאָגט, עס איז נאָך מעהר שעדליך, ווען די רעגירונג געברויכט די דאָזיגע מאכט **מ י ט** דער צושטימונג פון דער עפענטליכער מיינונג, איידער ווען זי גע־ברויכט עס **ג ע ג ע ן** דעם ווילען פון דער עפענטליכער מיינונג. ווען די גאנצע מענשהייט אויסער איינעם וואָלט געהאלטען איין מיינונג, און אָט דער איינער וואָלט געהאלטען אנאנדער מיינונג, וואָלט די מענשהייט ניט געהאט מעהר רעכט צו פערמאכען דעם איינעם דאָס מויל, ווי דער איינער, ווען ער וואָלט געהאט די מאכט, וואָלט געהאט דאס רעכט צו פערמאכען דאס מויל דער גאנצער מענשהייט. ווען א מיינונג וואָלט פאר קיינעם קיין בע־טרעף ניט געהאט, א חוץ פאר דעם, וואס האלט זי; ווען די אונ־טערדריקונג פון א מיינונג וואָלט נור געווען א פערזענליכער שאָדען פאר דעם, וואָס וויל זי ארויסגעבען, דאמאָלסט וואָלט עס נאָך

---

טהאָט פון אַ פּריוואַט־מענשען, וואָס טוט אַ פערברעכער, וועלכען דאָס געזעץ קען ניט גרייכען צו בעשטראפען אָדער צו קאָנטראָלירען איהם, ווייל ער האָט זיך געשטעלט העכער פאר'ן געזעץ, — אַז אַזאַ טהאַט איז תמיד פעררעכענט געוואָרען ביי גאַנצע פעלקער און ביי די בעסטע און קליגסטע מענשען ניט פאַר אַ פערברעכען, זאָנדערן פאר אַ טהאַט פון דער העכסטער טוגענד. און יעדענפאַלס, צי רעכט, צי אונ־רעכט, אַזאַ טהאַט טראָגט ניט דעם כאַראַקטער פון מאָרד, נור פון ביר־גער־קריעג. אין דעם זין האַלט איך, אז די אויפרייצונג צו אַזאַ טהאַט, אין אַ ספּעציעלען פאַל, קען זיין אַן אַקט וואָס מעג בע־שטראָפט ווערען; אָבער נור דאַן, ווען די אויפרייצונג האָט אָפען ארויסגערופען די טהאַט, און מען קען אויפווייזען לכל הפחות אַ וואהרשיינליכע פערבינדונג צווישען זיי. אפילו דאמאָלסט איז אויך ניט אַ פרעמדע רעגירונג, נור די אייגענע, וועלכע איז אַטאַקירט גע־וואָרען, די וואָס מעג געזעצליך בעשטראָפען, פון שטאַנדפּונקט פון זעלבסטפערטיידיגונג, אָנגריפונגען אויף איהר עקזיסטענץ.

געוועז א שטיקעל חלוק, צי פון דעם שאַדען ליידען נור עטליכע מענשען צי א גרויסע מאסע ליידט פון דעם. די עולה אַבער פון אונטערדריקען א מיינונג איז אנדערש, ווי די עולה פון אנאנדער אונטערדריקונג דערפאר, ווייל מען בע'גזל'טע דערמיט די גאנצע מענשליכע ראסע, די קומענדיגע דורות אזוי גוט, ווי דעם איצטיגען דור, די געגנער פון דער מיינונג נאָך מעהר, ווי די, וואָס האלטען פון איהר. ווארים אויב די מיינונג איז א ריכטיגע, נעהמט מען ביי אלעמען אוועק די געלעגענהייט אויסצובייטען א פאלשקייט אויף א ווארהייט; און אויב די מיינונג איז א פאלשע, פערלירען אלע עפּעס, וואָס איז כמעט אזוי וויכטיג; נעמליך, דעם קלערערען בעגריף און דעם לעבעדיגערען איינדרוק, וואס א ווארהייט מאכט, ווען זי איז געצוואונגען צו בעקעמפּפען א פאלשקייט.

עס איז נויטיג צו בעטראכטען אָט די צוויי פונקטען בעזונ־דער, אזוי ווי יעדער פונקט האָט זיך זיינע ארגומענטען פאר זיך. ערסטענס, מיר קענען קיינמאָל ניט זיין זיכער, אז די מיינונג, וועל־כע מיר זוכען צו אונטערדריקען, איז ווירקליך א פאלשע מיינונג; און צווייטענס, אויב אפילו מיר וואָלטען יאָ געווען זיכער אין דעם, וואָלט עס אלץ איינס געווען אן עולה.

כסדר אזוי: ערסטענס, איז מעגליך, אז די מיינונג, וועלכע מען וויל אונטערדריקען מיט געוואלט, איז א ריכטיגע מיינונג. עס פערשטעהט זיך, די, וועלכע ווילען זי אונטערדריקען, לייקענען אָב איהר ריכטיגקייט; זיי קענען אָבער א טעות האָבען, ווארים זיי זיינען דאָך ניט א ו נ פ ע ה ל ב א ר.*) זיי האָבען קיין רעכט ניט צו בעשליסען די פראגע פאר דער גאנצער מענשהייט און ניט געבען קיינעם די מעגליכקייט אליין צו אורטיילען וועגען דעם. ווען זיי דערלאָזען ניט, אז א געוויסע מיינונג זאָל אויסגעהערט ווערען,

---

*) אונפעהלבאַר מיינט — אַ מענש, וואָס קען אַבזאָלוט קיין מאָל קיין פעהלער ניט מאַכען; ווי צ. ב. ש. די קאַטאָליקען גלויבען, אז דער פּאַפּסט פון רוים איז אונפעהלבאַר.

(דער איבערזעצער).

ווייל *זיי* זיינען זיכער, אז די מיינונג איז א פאלשע, הייסט דאָס, אז זיי האלטען *זייער* מיינונג פאר אן *אבזאָלוט* זיכערע. ווען מען וויל דערשטיקען אויף אירגענד וועלכען אופן די דיסקוסיאָן פון א געוויסער פראגע, מיינט עס, אז מען האלט זיך אליין פאר אונפעהלבאר; און אזוי ווי קיין אונפעהלבארע מענשען זיינען ניטאָ, איז זייער גאנצער שטאנדפונקט א פאלשער. עס איז אפילו אן איינפאכער ארגומענט, עס איז אָבער גאָר קיין חסרון ניט, וואָס ער איז אזוי איינפאך...

צום שלים־מזל האָט דער גלייכער שכל ניט געפיהרט די מענשען צו לעגען אזויפיעל געוויכט אויף דעם פאקט, וואָס זיי זיינען פעהלבאר אין זייערע פראקטישע מיינונגען, וויפיעל געוויכט זיי לעגען שטענדיג אויף דעם אין טעאָריע. ווארים ווי גוט יעדער איינער וויים, אז ער איז פעהלבאר, פון דעסטוועגען דיינקט כמעט קיינער ניט, אז מען דארף זיך היטען פאר דער דאָזיגער שוואבקייט, אָדער אז מען דארף צולאָזען דעם געדאנק, אז א מיינונג, וואס מען האלט פון איהר גאר שטאָל און אייזען, קען פונקט זיין אזא טעות, וועלכען מען איז מודה אין טעאָריע, אז מען קען אלע מאָל מאכען. זעלבסטהערשער, אָדער אנדערע וואס זיינען צוגעוועהנט מען זאל זיי אין אלץ נאָכגעבען, פיהלען געוועהנליך אָט אזא פאָלשטענדיגען צוטרויען צו זייערע אייגענע מיינונגען כמעט אין יעדער זאך. גליקליכערע מענשען, וועלכע האָבען די געלעגענהייט צו הערען, ווי מען קריעגט אויף זייערע מיינונגען און ווי מען שעמט זיך ניט זיי צו זאָגען, אז זיי זיינען אומגערעכט, — זיי פיהלען נור יעמאָלט אזא פאָלשטענדיגען צוטרויען צו זייערע מיינונגען, ווען אלע מענשען פון זייער קרייז, אָדער יענע מענשען, וועמען זיי זיינען געוועהנט צו רעספּעקטירען, האלטען מיט זיי. ווארים, וואָס וועניגער צוטרויען א מענש האָט צו א מיינונג, וועלכע ער האלט גאנץ אליין, אלץ מעהר פערלאָזט ער זיך אויף דער אונפעהלבארקייט פון דער „וועלט" בכלל. און ווער איז די „וועלט" פאר איהם? דאָס איז געוועהנליך דער קליינער טייל, מיט וועלכען ער קומט אין בעריהרונג: זיין פארטיי, זיין סעקטע, זיין קלייזעל, אָדער זיין

קלאס אין דער געזעלשאפט. דער, וועמענס השגה איז שוין א בי־סעל ברייטער, און ער פערשטעהט אונטער דעם זיין לאנד, אָדער דעם גאנצען מענשליכען דור, דעם קען מען שוין באלד בעטראכ־טען פאר א ליבעראל און א גרויסען קאָפּ אין פערגלייך מיט די איבעריגע. זיין גלויבען אין די אויטאָריטעט פון כלל ווערט ביי אזעלכען ניט געמינדערט אויף א האָר, אפילו ווען ער זעהט, אז אנדערע דורות און אנדערע לענדער, אנדערע קירכען און סעקטען, פארטייען און קלאסען, האָבען אמאָל געדיינקט און דיינקען נאָך איצטער אויך פונקט קאפויער. ער ווארפט ארויף די פעראנטווארט־ליכקייט אויף זיין „וועלט" און טראכט זיך: זאָל זי זיך פערענט־פערן פאר די מיינונגען פון די אנדערע וועלטען; און עס ארט איהם ניט, וואס זיין שייכות צו איינער און ניט צו אנאנדער וועלט איז אין גאנצען ניט מעהר ווי א צופאל; און זעהט ניט, אז די־זעלבע סבות וועלכע האָבען איהם געמאַכט פאר אן אנגליקאנער אין לאָנדאָן, וואָלטען איהם געמאכט פאר א בודהיסט אדער קאָנ־פוציאנער אין פעקין. דאָך איז דער פאקט אזוי קלאָר אויפ'ן קוק, וואָס קיין ארגומענט וואָלט איהם ניט קענען מאכען קלערער, אז גאנצע דורות זיינען ניט וועניגער פעהלבאר, ווי איינצעלנע מענ־שען; והא ראיה, יעדער דור האָט געהאלטען הייליג געוויסע מיי־נונגען, וועלכע דער נעכסטער דור האָט געהאלטען ניט נור פאר פאלש, נור פשוט פאר אונזיניג; און מען קען זיכער זיין, אז די קומענדיגע דורות וועלען פערווארפען א סך היינטיגע מיינונגען, אזוי גוט ווי מיר האָבען פערוואָרפען א סך מיינונגען, וואס די אמאָליגע דורות האָבען געהאלטען.

איך שטעל זיך פאָר, אז מען וועט מיר מסתמא ענטפערן אויף דעם אן ערך אזוי: עס איז גאָר ניט געזאָגט, אז מען מוז זיך האל־טען פאר אונפעהלבאר, ווען מען פערבאָט די פראפאגאנדא פון פאלשע אידעען. מען דארף ניט זיין מעהר אונפעהלבאר פאר דעם, ווי פאר אנדערע זאכען, וואס די קהל'שע בעלי־בתים טוען אויף זייער אחריות און לויט ווי זייער שכל טראָגט זיי אויס. א מענשען איז געגעבען געווארען שכל, כדי ער זאָל איהם געברויכען. צי דען

ווייל מען קען אמאָל א טעות האָבען, דאַרף מען שוין גאָר קיינמאָל ניט פערלאָזען זיך אויפ'ן אייגענעם פערשטאנד? פערבאָטען דאס, וואס מען דיינקט אז עס איז שעדליך, הייסט נאָך ניט אז מען מיינט, אז מען קען קיינמאָל קיין טעות ניט האָבען; דאָס הייסט נור, אז מען איז יוצא דעם חוב, וואס עס ליעגט אויף אלעמען, הגם זיי זיינען פעהלבאר, צו טון וואס די איבערצייגונג פון זייער געוויסען הייסט זיי. אויב מיר וואָלטען קיינמאָל ניט געהאנדעלט לויט אונזערע מיינונגען נאָך, מחמת זיי קענען זיין פאלשע, וואָלטען אלע אונזערע אינטערעסען געבליבען ניט בעזאָרגטע און אלע אונזערע חובות ניט ערפילטע. א טענה, וועלכע מען וואָלט אויף אזא אופן געקענט בענוצען אנטקעגען אלע פיהרונגען בכלל, קען ניט זיין קיין גוטע טענה אנטקעגען קיין זאך ניט בפרט. עס ליעגט א חוב אויף רעגירונגען, ווי אויף איינצעלנע מענשען, צו שאפען זיך די ריכטיגסטע מיינונגען וואס זיי קענען, צו זיין פאָרזיכטיג איידער זיי נעהמען אָן א מיינונג, און קיינמאָל ניט אָנהענגען זייער מיינונג אויף אנדערע מענשען, סיידען זיי זיינען גאנץ זיכער ביי זיך, אז זיי האָבען רעכט. איינמאָל אָבער זיינען זיי ביי זיך זיכער (אזוי קענען טענה'ן די דאָזיגע דיינקער), יעמאָלט איז עס ניט די מורא פון א בעל יושר, נור דער פחד פון א טרוס, אויב זיי האלטען זיך אָב אויסצופיהרען זייערע מיינונגען מכח אל הפועל. עס איז פשוט פייגהייט צו לאָזען פערשפרייטען ווייט און ברייט געדאנקען, וועלכע זיי האלטען בתמימות פאר א סכנה פאר די מענשען אויף דער וועלט אָדער יענער וועלט, נור מחמת דעם טעם, וואס אנדערע מענשען אין אנדערע וועניגער אויפגעקלערטע צייטען האָבען אמאָל רודף געווען געוויסע אידעען, וועלכע איצטער האלט מען דוקא פאר ריכטיגע. לאָמיר זעהן אויפפאסען, קענען זיי טענה'ן, אזעלכע פעהלערן נאָך אמאָל ניט צו מאכען; אָבער רעגירונגען און נאַציאָנען האָבען געמאכט פעהלערן אין אנדערע זאכען אויך, און פון דעסטוועגען לייקענט מען זיי ניט אָב דאס רעכט צו געברויכען זייער אויטאָריטעט בנוגע יענע זאכען אויף ווייטער. רעגירונגען האָבען אָפטמאָל ארויפגעלעגט שלעכטע שטייערן, האָבען אָפט גע־

פיהרט אונגערעכטע מלחמות, טאָרען מיר דעריבער גאָר קיין שטייער ניט ארויפלעגען, גאָר קיין מלחמות ניט פיהרען, בשום אופן בעולם ניט? מענשען, און אויך רעגירונגען, זיינען מחויב צו טון דאָס בעסטע, וואס זיי האָבען ביכולת. לחלוטין זיכער קען מען טאקי וועגען קיין זאך ניט זיין, אָבער דאָך פאר די געוועהנליכע צוועקען פון לעבען איז גענוג ו ו י פ י ע ל מ ע ן ק ע ן ז י י ן ז י כ ע ר. מיר מעגען, און מוזען, האלטען אונזערע מיינונגען פאר ריכטיגע בנוגע צו אונזער אויפפיהרונג, און עס הייסט ניט, אז מיר האלטען פון זיך מעהרער, ווען מיר פערוועהרען שלעכטע מענשען צו פערדארבען די געזעלשאפט און פראָפּאגאנדירען אידעען, וועלכע מיר בעטראכטען פאר פאלש און שעדליך.

איך ענטפער דארויף, אז דאָס מיינט טאקי האלטען פון זיך זעהר פיעל מעהר. עס איז א גרויסער חלוק צווישען זיך משער זיין, אז א געוויסע מיינונג איז ריכטיג (ווייל האָבענדיג אלע געלעגענהייטען אויפצוטרעטען גענען איהר, האָט דאך קיינער ניט געקענט זי בעקעמפפען), און צווישען האלטען א מיינונג פאר ריכטיג, כדי קיינעם ניט צו לאָזען זאָגען א וואָרט גענען איהר. דער איינציגער תנאי, ווען מיר קענען האָבען א רעכט צו האלטען פון א מיינונג און אויספיהרען זי אין פראקטיקע, איז צו געבען איהרע געגנער די פאָלשטענדיגע פרייהייט צו בעווייזען, אז זי איז ניט ריכטיג, און צו פערלייקענען זי. אויף קיין אנדער אופן קען א מענש מיט מענשליכע השגות ניט זיין פערנינפטיג זיכער, אז ער איז גערעכט.

ווען מיר קוקען זיך צו און בעטראכטען ענטוועדער די געשיכטע פון געדאנקען, אָדער די געוועהנליכע אויפפיהרונגען פון מענשליכען לעבען, וואס פאר אן אורזאכע קענען מיר אָנגעבען, פאר וואס אי דאָס ערסטע, אי דאָס אנדערע זיינען ניט ערגער, ווי זיי זיינען? די סבה איז אודאי ניט די מיטגעבאָרענע קראפט פון מענשליכען פערשטאנד: והא ראיה, נעהמט א ענין, וואס איז נור עפּעס ניט גלאטליך, וועט איהר געפינען 99 אנטקעגען איינעם, וואס האָבען לחלוטין קיין אייגענע מיינונג ניט וועגען דעם,

און דעם איינעמ'ס מיינונג איז אויך נור פערהעלטניסמעסיג וויכ־טיג; ווארים עס איז ידוע, אז דאָס רוב פון די גרעסטע מענשען פון יעדען געוועזענעם דור האָבען געהאלטען מיינונגען, וואס מען ווייס איצטער, אז זיי זיינען געוועזען פאלש, און האָבען געטון אָדער מסכים געוועזען אויף פיעלע זאכען, וואס איצטער וועט דאָס קיינער ניט טון. היינט אויב אזוי, ווארום זיינען בכלל פאראן ביי דער מענשהייט אזוי פיעל מעהר קלוגע מיינונגען און פערנינפטיגע אויפפיהרונגען? אויב עס זיינען ווירקליך פאראן אזויפיעל מעהר קלוגע ווי נארישע מיינונגען — און מסתמא זיינען זיי דאָ, א'ניט וואָלט די מענשהייט אייביג געוועזען אין זעהר א טרויעריגע לאגע, — מוז מען אָננעהמען, אז דאָס קומט צוליב איין געוויסע מעלה פון מענשליכען שכל, א מעלה וועלכע איז דער מקור פון יעדען מענשליכען ווערטה, סיי מאָראליש, סיי שכל'דיג: **די מעלה, וואָס א מענש קען פערריכטען א טעות.** און פערריכטען א טעות קען א מענש — נור **דורך ויכוחים און דורך ערפאהרונג.** ניט דורך ערפאהרונג אליין: מען מוז האָבען ויכוחים צו בעווייזען, ווי מען דארף די ערפאהרונג פערשטעהן. פאלשע מיינונגען און אונגערעכטע האנדלונגען גיבען זיך אונטער ביסלעכוויים צו פאקטען און ארגומענטען; אָבער כדי די פאקטען און ארגומענטען זאָלען קענען ווירקען אויפ'ן פער־שטאנד, מוז מען זיי ברייגנען צו איהם. גאנץ ווייניג פאקטען רעדען פאר זיך אליין; מען מוז זיי ערקלערען און ארויסברייגנען זייער בעדייטונג. היינט אזוי ווי דער גאנצער ווערטה און די שטארקייט פון א מענשענ'ס אורטייל העננט אָב פון אָט דער איין מעלה, וואס ער לאָזט זיך פערריכטען, ווען ער איז אונגערעכט, איז דעריבער קען מען זיך אויף איהם נור דעמאָלט פערלאָזען, ווען די מיטלען צו פערריכטען דעם טעות זיינען אלע מאָל גרייט צום האנד. באפט אָן א מענשען, וואָס פערדיענט באמת מען זאָל זיך פערלאָזען אויף זיין מיינונג, — ווי אזוי איז ער געקומען דערצו? ער איז דערצו געקומען, ווייל זיין פערשטאנד איז אימער געוועזען אָפען פאר קריטיק; ווייל ער האָט אימער געהאט די געוועהנהייט צוצוהערען זיך צו

אַלעס, וואָס האָט געקענט געזאָגט ווערען אנטקעגען איהם: פּראָפּיטירען פונ׳ם גערעכטען טייל פון דער קריטיק און בעווייזען וואָס איז פאַלש אין א פאַלשער קריטיק. ער איז געקומען דערצו, ווייל ער האָט געפיהלט, אז דער איינציגער וועג, ווי א מענש קען אָנהויבען צו פערשטעהן א ענין גרינדליך, איז אויסהערענדיג, וואָס מענשען פון אַלערליי שאַטירונגען האָבען צו זאָגען וועגען דעם, און שטודירענדיג די זאַך פון אַלע זייטען, פון וועלכע מענשען מיט פערשיעדענע קעפּ קוקען אויף דעם. קיין מענש איז ניט קלוג געוואָרען אויף קיין אנדער אופן, און עס ליעגט גאר ניט אין דער טבע פון מענשליכען שכל צו קענען קלוג ווערען אויף אנאנדער אופן. די שטענדיגע געוועגהייט צו פערגלייכען איין מיינונג מיט אנאנדערער און אזוי רק אויסבעסערן און פאָלקאָמאָנער מאכען די אייגענע מיינונג — אנשטאט וואס זי זאָל פערפיהרען אין ספקות און זיין א סתירה אין פּראקטישען לעבען, איז זי אדרבא גאר דער איינציגער פעסטער גרונד, אויף וועלכען א מענש קען זיך פערלאָזען. ווארים, ווען א מענש ווייס אַלץ, וואס מען קען זאָגען געגען איהם, און פון דעסטוועגען האלט ער זיך ביי דאָס זייניגע — ווייסענדיג אז ער האָט געזוכט אויסצוהערען אַלע קשיות און האָט ניט אויסגעשלאָסען קיין שטראהל פון ליכט, וואָס וואָלט געקענט פאַלען אויף דעם ענין פון אירגענד וועלכען ווינקעל, — דאמאָלסט האָט ער א רעכט צו דיינקען, אז זיין אורטייל איז א בעסערער פאר אנאנדער מענשענ׳ס אורטייל, אָדער פאר דעם אורטייל פון א גאנצען המון, וועלכער האט ניט דורכגעמאכט אזא פּראָצעס פון קריטיק.

היינט מה־דאָך די קליגסטע פון דער מענשהייט, וועלכע זיינען אודאי בערעכטיגט צו געטרויען זייער אייגענער מיינונג, געפינען פאר נויטיג דורכצומאכען אזעלכע פּראָבעס, א פשיטא שוין דער געמישטער המון פון עטליכע קלוגע און א סך נארישע מענשען — דאָס פּובליקום! אפילו די אונטאָלעראנטסטע פון אַלע קירכען, די רוימיש־קאטאָלישע קירכע, בעת זי וויל מאכען איינעם פון איהרע פרומאקעס פאר א הייליגען, פעררופט זי צו דער צע־

רעמאָניע דעם „טייפעל׳ס אדוואָקאט“ און הערט איהם אוים גאנץ געדולדיג. דער שכל פון דעם איז, אז מען קען ניט אנערקענען אפילו דעם הייליגסטען מענשען, ביז וואנען מען הערט ניט אוים און מען וועגט ניט איבער אלץ, וואס דער שטן מקטרג קען זאָגען אנטקעגען איהם. אפילו אין דער ניוטאָנישער פילאָזאָפיע וואָלט די מענשהייט ניט געגלויבט מיט אזא זיכערקייט, אויב מען וואָלט ניט געטאָרט צווייפלען אין איהר. די מיינונגען אין וועלכע מיר זיינען שוין גאָר זיכער, האָבען אויך ניט קיין אנדער יסוד, א חוץ די שטענדיגע איינלאדונג צו דער גאנצער וועלט צו קומען און איבערצייגען, אז זיי זיינען ניט ריכטיג. אויב די וועלט ענטפערט ניט אויף אונזער אויפרוף, אָדער זי נעהמט זיך אונטער צו איבערצייגען און פאלט דורך, הייסט דאָס טאקי נאָך אלץ ניט, אז מיר זיינען זיכער גערעכט, אָבער לכל הפחות האָבען מיר געטאָן אלץ, וואס דער מענשליכער שכל איז בכח צו טון; מיר האָבען ניט אויסגעלאָזען קיין זאך, וואס וואָלט געקענט געבען דער וואָרהייט א מעגליכקייט אונז צו גרייכען. ווען מיר האלטען אָפען די ביכער, קענען מיר האָפען, אז אויב עס איז פאראן א בעסערע וואָרהייט, וועט זי זיך מסתמא געפינען, ווען דער מענשליכער שכל וועט זיין מסוגל זי אָנצונעהמען; און דערוויייל וועלען מיר זיך פערלאָזען אויף דאָס, וואָס מיר האָבען, ווי אויף דעם נעהענטסטען צוטריט צו דער וואָרהייט, וואס איז מעגליך היינטיגען טאָג. אָט דאָס איז די גאנצע זיכערהייט, וואס א פעהלבארער מענש קען דערגרייכען, און דאס איז דער איינציגער וועג, ווי עס צו דערגרייכען.

משונה׳דיג קומט עס פאָר, וואס מענשען זיינען מודה די גערעכטיגקייט פון די ארגומענטען פאר פרייע דיסקוסיאָנען, נור זיי ווילען ניט „אויסטרינקען דעם בעכער ביז׳ן דעק“. זיי בעגרייפען ניט, אז אויב די ארגומענטען גילטען ניט פאר דעם ווייטסטען פאל, גילטען זיי ניט פאר קיין פאל ניט. עס איז משונה׳דיג, אז מענשען זאָלען מיינען, אז זיי האלטען זיך ניט פאר אונפעהלבאר, בעת זיי זאָגען אייך, אז פרייע דיסקוסיאָנען זיינען גוט וועגען

ענינים, בנוגע צו וועלכע עס קען זיין דער קלענסטער ספק; אָבער אז א געוויסען פּרינציפּ, אָדער א געוויסע לעהרע, זאָל מען ניט טאָרען דיסקוטירען, ווייל אָט דער פּרינציפּ, אָדער אָט די לעהרע איז זיכער אמת, ד. ה. ווייל ז י י זיינען זיכער, אז עס איז זיכער אמת! זאָגען, אז א געוויסע מיינונג איז ריכטיג, בעת עס איז דאָ א מענש, וואָס אויב מען וואָלט איהם לאָזען, וואָלט ער זי אָבגעלייקענט, נור מען לאָזט איהם ניט, הייסט פּשוט אָננעהמען, אז מיר אליין, און די, וועלכע שטימען מיט אונז, זיינען די ריכטער, וואָס פּסק'נען דעם אמת, — ריכטער, וועלכע הערען אפילו ניט אוים די אנדערע זייט.

אין היינטיגען דור, וועלכען מען האָט בעשריבען ווי א דור, וואָס האָט ניט קיין אמונה, נור ער האָט שטארק מורא פאר'ן סקעפּטיציזם; ווען מענשען פיהלען זיך ניט זיכער אין דער ריכטיגקייט פון זייערע מיינונגען, נור זיי פיהלען, אז אָהן זיי וואָלט געוועזען נאָך ערגער, — היינטיגע צייטען גיט מען אָן דעם גרונד, פאר וואָס מען דארף ניט לאָזען אָפען אטאקירען א געוויסע מיינונג, ווייל זי איז וויכטיג פאר דער געזעלשאפט, ניט ווייל זי איז אן אמת. עס זיינען פאראן, זאָגט מען אונז, געוויסע מיינונגען, וועלכע זיינען אזוי ניצליך, אויב ניט גאָר לחלוטין נויטיג, אז עס ליעגט פּונקט אזא חוב אויף די רעגירונגען זיי צו בעשיצען, ווי עס ליעגט אויף זיי א חוב צו בעשיצען אנדערע כלל־אינטערעסען. וואו די נויט איז אזוי גרויס און דער חוב אזוי קלאָר, טענה'ט מען מיט אונז, איז פאראן גענוג גרונד צו געבען די רעגירונגען דאָס רעכט, אדער בעסער ארויפצולעגען אויף זיי א חוב, אויסצופיהרען זייער מיינונג, וועלכע שטיצט זיך אויף דער אלגעמיינער מיינונג פון דער מענשהייט אויב אפילו זיי זיינען ניט אזוי אונפעהלבאר. אָפט טענה'ט מען אויך, און נאָך אָפטער טראכט מען זיך, אז נור שלעכטע מענשען קענען האָבען א חשק אָבצושוואכען די ווירקונג פון אזעלכע וועהלע מיינונגען.; און וויבאלד אזוי, קען עס דאָך ניט זיין קיין עולה איינצוהאלטען שלעכטע מענשען און פערווערען, וואָס נור אזוינע שלעכטע מענשען וואָלטען חשק האָבען

צו טון. לויט אט דעם סאָרט דיינקען נאָך קומט אויס, אז דאָס רעכט צו בעשריינקען דיסקוסיאָנען הענגט ניט אָב פון דער פראגע צי די לעהרען וואָס מען וויל דיסקוטירען זיינען אמת; די פראגע איז נור צי זיי זיינען ניצליך; און מען מיינט, אז אויף דעם אופן ווערט מען פטור פון דער בעשולדיגונג פון האלטען זיך פאר אונפעהלבאַרע ריכטער פון מיינונגען. אָבער די וואס בענוגענען זיך מיט דעם אויסרייד בעמערקען ניט, אז דערמיט האָבען זיי נור אָבגעשטופט זייער פּאָזיציע פון אונפעהלבארקייט אויף א טריט ווייטער. וואַרים די פראגע פון ניצליכקייט איז דאָך גופא א מיינונגס־פראגע, וועלכע מען קען פונקט אזוי גוט דיספוטירען, פונקט אזוי קריטיקירען, און מוז אזוי גוט דיסקוטירט ווערען, ווי די פראגע, צי די מיינונג איז אַן אמת. מען מוז פונקט אזויפיעל זיין אַן אונפעהלבארער ריכטער צו פסק'נען, אז א געוויסע מיינונג איז שעדליך, ווי אָבצופסק'נען, אז א געוויסע מיינונג איז פאלש — סיידען די פאר'משפט'ע מיינונג האָט די בעסטע געלעגענהייטען צו פערענטפערן זיך. און עס האָט דאָך קיין זין ניט צו זאָגען, אז מען מעג דעם אפיקורס ערלויבען צו בעווייזען די ניצליכקייט אָדער אונשעדליכקייט פון זיין מיינונג, הגם ער טאָר ניט בעווייזען, אז זיין מיינונג איז אמת.

די אמת'קייט פון א מיינונג איז א טייל פון איהר ניצליכקייט. אויב מיר ווילען וויסען, צי עס איז כדאי, צי ניט, אז א געוויסער געדאנק זאָל אָנגענומען ווערען, איז דען מעגליך אויסצושליסען די פראגע, צי דער דאָזיגער געדאנק איז א מ ת אָדער ניט? עס איז די מיינונג ניט פון שלעכטע מענשען, נור דוקא פון די בעסטע מענשען, אז א געדאנק, וואָס געהט להיפך צום אמת, קען ניט זיין קיין ווירקליך ניצליכער געדאנק: קענט איהר שטערען אזעלכע מענשען צו געברויכען אט דעם ארגומענט, ווען מען בעשולדיגט זיי אין דעם חטא פון לייקענען א לעהרע, וואָס מען זאָגט זיי, אז זי איז ניצליך, אויב זיי דיינקען, אז זי איז פאלש? די קאָנסערוואטיווע פערפעהלען דוקא ניט צו שלאָגען דעם גרעסטען קאפיטאל פון אָט דעם ארגומענט; זיי וועט איהר ניט

כאפּען בעהאנדלענדיג די פראגע פון ניצליכקייט (אוטיליטעט), ווי זי וואָלט געווען גאנץ אָבגעזונדערט פון דער פראגע פון דער אמת׳־קייט פון דער זאך: אדרבא, זיי שרייען תמיד, אז דערפאר, וואָס זייער לעהרע איז די „ריינע וואָרהייט“, דעריבער איז זי אזא נויטיגע לעהרע. עס קען אויף דעם אופן ניט זיין קיין עהר־ליכער ויכוח וועגען די פראגע פון ניצליכקייט, אויב איין צד מעג זיך יאָ בענוצען מיט אזא וויכטיגען ארגומענט, און דער אנדער צד ניט. דער פאקט איז, אז ווען דאָס געזעץ, אָדער די עפענט־ליכע מיינונג לאָזט ניט אָבלייקענען די אמת׳קייט פון א געוויסער לעהרע, לאָזט זי טאקע ניט אָבלייקענען איהר ניצליכקייט אויך ניט. אלץ וואָס זיי זיינען מודה איז, אז זי איז אפשר ניט לחלוטין נויטיג, אָדער אז דער חטא פון אָבלייקענען איז ניט קיין פּאַ־זיטיווער חטא.

כדי נאָך קלערער צו בעווייזען דעם שאדען וואָס קומט ארויס פון פערווערען דעם אויסדרוק פון געוויסע מיינונגען, וויל מיר, לויט אונזער שכל, האָבען זיי פערדאמט, איז כדאי צו נעהמען א בעשטימטען פאל, און פיהרען דעם ויכוח ארום דעם. און איך נעהם בכיון אזוינע פעלע, וועלכע זיינען פאר מיר אם ווענינגסטען גינסטיג — וואו מען מיינט, אז דער ארגומענט דאגעגען מיינונגס־פרייהייט איז, אי על פי טענה פון אמת׳קייט, אי על פי טענה פון ניצליכקייט, דער שטארקסטער. לאָמיר נעהמען למשל די קריטיק אנטקעגען דעם גלויבען אין גאָט און עולם הבא, אָדער אנטקעגען אנאנדער אלגעמיין־אָנגענומענע לעהרע פון מאָראל. מלחמה האל־טען אויף אָט אזא פעלד גיט דעם אונעהרליכען געגנער א שטאר־קען פאָרצוג, וואָרים ער וועט אודאי זאָגען, (און די, וועלכע ווילען ניט אָפען זיין אונעהרליך, וועלען זיך טראכטען): האלט איהר אָט די לעהרען אויך ניט פאר גענוג זיכער, אז דאָס געזעץ זאָל זיך מעגען אָננעהמען פאר זיי? איז דער גלויבען אין גאָט אויך איינע פון די מיינונגען, וואָס אויב מען פיהלט זיך זיכער וועגען דעם, הייסט דאָס ביי אייך, זיך האלטען פאר אונפעהלבאר? — איך מוז זיך אָבער ערלויבען צו בעמערקען, אז עס איז ניט

דאָס פיהלען זיך זיכער (זאָל זיין וועגען וועלכע לעהרע עס וויל זיך), וואָס איך רוף אָן, זיך האלטען פאר אונפעהלבאר. עס איז דאָס אונטערנעהמען זיך צו בעשליסען די פראגע פ א ר א נ ד ע ר ע, ניט געבענדיג זיי קיין מעגליכקייט צו הערען וואָס מען קען זאָגען וועגען דעם פון דעם אנדער צד. און איך פערדאם און שטוים אָב אָט די פרעטענזיע מיט פעראכטונג, אפילו ווען איהר ברייגנט עס פאָר צו בעשיצען מיינע היילינסטע איבערצייגונגען. ווי זיכער איבערצייגט א מענש זאָל ניט זיין, אז א געוויסע מיינונג איז ניט נור פאלש, נור אויך פערדערבליך, און ניט נור פערדערב־ליך, נור אויך אונמאָראליש און אויסגעלאסען (דאָס זיינען אלץ אויסדריקען, וועלכע איך וואָלט גאָר אין גאנצען ניט וועלען גע־ברויכען), — דאָך, אויב צוליב די דאָזיגע איבערצייגונג זיינע, אפילו אויב די עפענטליכע מיינונג און זיינע צייט־גענאָסען האל־טען מיט איהם, דערלאָזט ער ניט יענע געוויסע מיינונג די געלע־גענהייט זיך צו פערטיידיגען, הייסט דאָס, אז ער האלט זיך פאר אונפעהלבאר. און האלטען זיך פאר אונפעהלבאר בנוגע צו אזעל־כע מיינונגען, וואָס מען רופט אונמאָראליש אָדער אויסגעלאסען, איז גאָר ניט ווייניגער מיאוס און געפעהרליך, נור אדרבא, פון אלע פעלע איז דאָס דער געפעהרליכסטער פאל. ווארים פונקט אין אזוינע פעלע בעגעהען מענשען פון איין דור יענע שרעקליכע טעות׳ן, וועלכע רופען ארויס דאָס ערשטוינען און שוידערן פון א שפעטיגערען דור. מיר געפינען צווישען אָט אזוינע פעלע יענע בעקאנטע ביישפיעלע אין דער געשיכטע, ווען די אייזערנע האנד פון געזעץ איז בענוצט געוואָרען עוקר מן השורש צו זיין די בעסטע מענשען און די עדעלסטע לעהרען: ברייגנענדיג א טרויעריגען סוף אויף די מענשען, הגם אייניגע פון די לעהרען האָבען איבער־געלעבט די רדיפות, און (ווי צום שפאָט) זיינען זיי גופא שפע־טער בענוצט געוואָרען רודף צו זיין מענשען, וועלכע האָבען ניט געגלויבט אין זיי אָדער אין די פירושים, וואָס זיי האָבען געקראָגען.

עס קען קיינמאָל ניט זיין צופיעל, ווי אָפט מען זאָל ניט דערמאָנען דער מענשהייט, אז עס איז אמאָל געווען, א מאן מיט׳ן

נאָמען ס אָ ק ר א ט ע ס, וועלכער האָט געהאט א מערקווירדיגען סכסוך מיט די געזעצליכע אויטאָריטעטען און דער עפענטליכער מיינונג פון זיין צייט. געלעבט האָט ער אין א צייט און אין א לאנד, וועלכע איז זעהר רייך געווען אין גרויסע מענשען; מיר האָבען אָבער בקבלה פון די, וואָס האָבען איהם און זיין צייט גע־קענט אם בעסטען, אז ער איז געווען דער גרעסטער בעל־מדות פון אלעמען. מיר האלטען איהם איצט פאר דעם קאָפּ און מוס־טערבילד פון אלע שפּעטיגערע לעהרער פון מדות, פאר דעם מקור פון פּלאטאָ'ס הויכער בעגייסטערונג און אריסטאָטעל'ס איבער־לעגטער נוצען־פילאָזאָפיע (אוטיליטאריאניזם), — די צווויי הויפּט קוועלען פון דער עטהישער און פון אלע אנדערע פילאָזאָפיען. אָט דער אנערקענטער רבי פון אלע גרויסע דיינקער, וואָס האָבען געלעבט זייט דאמאלסט, — וועמעס נאָמען, שוין מעהר ווי צוויי טויזענד יאָהר, אז עס וואקסט אלץ גרעסער און שטייגט באלד אריבער אלע איבעריגע נעמען, וועלכע האָבען בעריהמט געמאכט זיין געבורטסשטאָדט, — אָט דעם מאן האָבען זיינע לאנדס־לייט גע'משפּט און פערורטיילט צום טויט, פאר ניט־פרומקייט און אונזיטליכקייט! פאר ניט־פרומקייט, ווייל ער האָט געלייקענט אין די געטער, וועלכע דער שטאאט האָט אנערקענט; זיין אנקלע־גער האָט בעסער געזאָגט, אז ער האָט גאָר אין קיין גאָט ניט גע־גלויבט (זעה די „אפּאָלאָגיען"). פאר אונזיטליכקייט — ווייל דורך זיינע לעהרען און אונטעררײכטען איז ער געווען א „פערדאר־בער פון דער יוגענד"! אין אָט אזעלכע חטאים האָט איהם דאָס געריכט, בתמימות, ווי מיר האָבען גענוג אורזאכען צו גלויבען, גע־פונען שולדיג און האָט פער'משפּט צום טויט דעם מאן, וועלכער האָט מעהר פאר אלע זיינע צייט־גענאָסען פערדיענט די בעסטע בע־האנדלונג פון דער מענשהייט, ווי מען פער'משפּט א פערברעכער.

אריבערגעהענדיג פון דעם פאל צו דעם איינציגען אנדערן פאל פון געריכטליכער אונגערעכטיגקייט, וועלכען מען מעג דערמאָנען נאָך סאָקראטעס'ן, ניט מאכענדיג דערביי קיין צו־ניעדעריגען שפּרונג, קומען מיר צו דער געשיכטע, וואָס האָט פּאסירט אויפ'ן

בארג קאלווריע, מעהר ווי 18 הונדערט יאָהר צוריק. א מאן, וועלכער האָט געלאָזען אין דעם זכרון פון מענשען, וואָס האָבען בייגעוועהנט זיין לעבען און זיינע געשפּרעכען, אזא איינדרוק פון זיין מאָראלער גרויסקייט, אז 18 שפּעטיגערע יאהרהונדערטען האָבען אָבגעגעבען כבוד צו איהם ווי צו גאָט אליין, איז שענדליך פערמשפּט און געטויטעט געווארען, פאר וואס? אלס א גאָטלעסטערער! מענשען האָבען ניט סתם פערזעהן זייער בעגליקער; זיי האָבען געזעהן אין איהם אקוראט דעם היפך, וואָס ער איז ווירקליך געוועזן, און האָבען איהם בעהאנדעלט אלס אזא מין שרעקליכען בעל עבירה, ווי מען האלט זיי אליין איצטער, פאר וואָס זיי האָבען איהם אזוי בעהאנדעלט. די געפיהלען, וועלכע דערוועקען זיך איצטער ביי דער מענשהייט, בעטראכטענדיג אָט די טרויעריגע פעלע, איבערהויפּט דעם צווייטען פאל, זיינען די סבה פון דעם אונגערעכטען פסק, וואָס זיי גיבען ארויס אויף יענע אונגליקליכע הענקער. ווי עס זעהט אויס, זיינען יענע גאָר ניט געוועזן קיין שלעכטע מענשען — ניט ערגער ווי מענשען זיינען געוועהנליך, נור גיכער פערקעהרט: זיי זיינען געוועזן מענשען, וועלכע האָבען פערמאָגט א פולע, אָדער גאָר אן איבערפולע מאָס פון די רעליגיעזע, מאָראלע און פּאטריאָטישע געפיהלען, וועלכע האָבען זיך יעמאָלט איינגעפונען ביים פאָלק אין זייער לאנד; דער ריכטיגער סאָרט מענשען, וועלכע לעבען אויס זייערע יאָהרען, אין אלע צייטען און אויך אין אונזער צייט, אין כבוד און אין גדולה. דער כהן גדול, וועלכער האָט געריסען קריעה, בעת ער האָט געהערט די ווערטער, וועלכע, לויט די געדאנקען פון זיין צייט, האָבען זיך גערעכענט פאר דעם ערגסטען חטא, איז זעהר וואהרשיינליך געוועזן אזוי אויפריכטיג אין זיין צאָרן, ווי דאָס רוב פון די רעספּעקטאבלע און פרומע לייט זיינען היינטיגע צייטען בנוגע צו די רעליגיעזע און מאָראלע מיינונגען, אין וועלכע זיי גלויבען. און די מעהרסטע פון די, וועלכע טרייסלען זיך אָב מיט אזא שרעק פון יענעם פּריסטער'ס האנדלונג, ווען זיי וואָלטען געבאָרען געווארען אידען און געלעבט אין זיין צייט, וואָלטען אויך אזוי געהאנדעלט

ווי ער. אָרטאָדאָקסישע קריסטען, וועלכע זיינען נוטה צו דיינקען, אז יענע, וואָס האָבען פערשטיינערט אויף טויט די ערסטע מארטירער, זיינען געווען ערגערע מענשען, ווי זיי אליין זיינען, דארפען ניט פערגעסען, אז איינער פון די, וואָס האָבען געוואָרפען שטיינער, איז געווען דער הייליגער פּאָול אליין.

לאָמיר ברייננגען נאָך איין ביישפּיעל, דער מערקווירדיגסטער פון אלע, אויב מען זאָל מעסטען די וויכטיגקייט פון טעות, נאָכ׳ן ערך פון דער חכמה און גוטע מדות פון דעם, וואָס איז אריינגעפאלען אין דעם טעות. אויב איינער פון די גרויסע מלכים האָט ווען עס איז געמעגט דיינקען פון זיך, ווי פון דעם בעסטען און אויפגעקלערטסטען מענשען פון זיין צייט, איז דאָס געווען דער קיסר מארקוס אורעליוס אנטאָנינוס. הגם ער איז געווען דער אבסאָלוטער מאָנארך פון דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט (אין 2טען יאהרהונדערט פון קריסטליכער רעכענונג), האָט ער אין זיין גאנצען לעבען ניט נור קיינמאָל ניט בעפלעקט די גערעכטיגקייט, נור ער האָט תמיד געהאט, וואָס מען וואָלט קוים געקענט דערווארטען פון זיין סטאָאישער (שטרענגע, אסקעטישע) ערציהונג, א זעהר ווייך הארץ. די ווענינע פעהלערן, וואָס מען שרייבט איהם צו, זיינען דוקא געווען אין פרט פון צופיעל נאָכגיביגקייט און איינזעהענים מיט מענשען: היינט זיינע שריפטען — די העכסטע עטהישע פּראָדוקטען פון געדאנק אין אלטערטהום — אונטערשיידען זיך קוים, אויב עס איז איבערהויפּט דאָ א חילוק צווישען זיי, פון די בעסטע לעהרען פון קריסטוס׳ן. אָט דער מאן, א בעסערער קריסט אין יעדען פרט, חוץ אין דאָגמא, כמעט פאר אלע קריסטליכע קסרים, וואָס האָבען געקיניגט נאָך איהם, האָט רודף געווען דעם קריסטענטום! אליין איז ער געשטאנען אויפ׳ן העכסטען שפּיץ פון מענשליכער גרויסקייט; אליין געווען א מענש מיט א קלאָרען, אונבעשרענקטען קאָפּ און מיט א כאראקטער, וועלכער האָט איהם, אין זיינע מאָראלע לעהרען, געפיהרט אָנצונעהמען דעם קריסטליכען אידעאל, — האָט ער דאָך פערפעהלט צו זעהן, אז דער קריסטענטום האָט געקענט ברייננען גוטעס אנשטאט

שלעכטעס אויף דער וועלט, צו וועלכער ער האָט געפיהלט א טיע־פען חוב. ער האָט געוואוסט, אז די דאמאלסטדיגע געזעלשאפט איז געווען אין א טרויעריגען צושטאנד; אָבער ער האָט גערע־כענט, אז ווי שלעכט זי איז, האלט זי זיך דאָך צוזאמען און ווערט ניט ערגער, דורך דעם גלויבען און אכטונג צו די אָנגענומענע געטער. ווי א געוועלטיגער איבער דער מענשהייט, האָט ער גע־האלטען פאר זיין חוב ניט צו דערלאָזען, אז די געזעלשאפט זאָל צופאלען ווערען אין שטיקער; און ער האָט ניט געזעהן פון וואָ־נען עס וועלען זיך נעהמען אנדערע בענדער, וואָס זאָלען זי צוזאַ־מענקניפּען פון דאָס ניי, אויב מען וועט לאָזען צורייסען די בענ־דער, וועלכע האלטען זי לעת עתה צוזאמען. די נייע (די קריסט־ליכע) רעליגיאָן האָט אָפען געשטרעבט לויז צו רייסען די דאָזיגע בענדער, — איז ביי איהם אויסגעקומען, אז אויב עס איז ניט זיין חוב אליין אָנצונעהמען די נייע רעליגיאָן, איז זיין חוב צו זעהן צו אונטערדריקען זי. און אזוי ווי די קריסטליכע תורה (די טהעאָ־לאָגיע) האָט איהם ניט געשיינט צו זיין ריכטיג, אָדער געגעבען פון גאָט; אזוי ווי די משונה'דיגע מעשיות פון א געקרייציגטען גאָט זיינען איהם פאָרגעקומען אונגלויבליך, און ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דער סיסטעם, וואָס איז אויפגעבויט גע־וואָרען אויף אזא אונמעגליכען פונדאמענט, זאָל קענען בעזיצען אזא בענייאונגס־קראפט, ווי עס האָט זיך, אויף להכעיס אלע שטערונגען, שפּעטער ארויסגעוויזען, — דעריבער האָט אָט דער עדעלסטער און ליעבליכסטער פון אלע פילאָזאָפען און הערשער גע־געבען די פאָלמאכט, מיט א הייליגען געפיהל פון זיין חוב, רודף צו זיין דעם קריסטענטום. לויט מיין השגה נאָך, איז אָט דער פאל איינער פון די העכסט טראגישע פאקטען פון דער גאנצער וועלט־געשיכטע. עס איז א ביטערער געדאנק, ווען מען זאָל א טראכט טון, וואָס פאר אנאנדער פנים דער קריסטענטום פון דער גאנ־צער וועלט וואָלט געקענט האָבען, אויב די רוימישע אימפּעריע וואָלט אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען אונטער דעם שוץ פון מארקוס אורעליוס, איידער אונטער דעם שוץ פון'ם קיסר קאָנ־

סטאנטין. איך שיהיה — עס וואָלט אָבער געווען ניט אמת און ניט גערעכט צו מארקוס אורעליוס אָבצולייקענען, אז ער, אויף זיין צד, רודפ'נדיג דעם קריסטענטום, האָט געהאט יעדען איינציגען ארגומענט, וועלכען מען געברויכט איצטער צו פערענטפערן אלער־ליי רדיפות אויף יעדער לעהרע, וואָס געהט להיפך צום קריסטענטום. קיין קריסט גלויבט ניט שטארקער, אז דער אטעאיזם איז פאלש און ווירקט חרוב צו מאכען די געזעלשאפט, ווי מארקוס אורעליוס האָט דאָסזעלביגע געגלויבט אויפ'ן קריסטענטום — ער, אויף וועמען מען האָט געמעגט גלויבען, אז ער קען שע־צען די קריסטליכע לעהרע מעהר ווי אלע מענשען פון זיין צייט. סיידען דער, וואָס איז מסכים צו בעשטראפען די פערשפרייטער פון נייע אידעען, האלט זיך פאר א קליגערען און בעסערען מענ־שען ווי מארקוס אורעליוס איז געווען — פאר א מענשען, וועל־כער איז טיעפער בע'הבענט אין די וויסענשאפטען פון זיין צייט, מעהר ערהאבען אין זיין אינטעלעקט, מעהר ערנסט אין זיין שטרעבען נאָך ווארהייט, אָדער מעהר געטריי און איבערגעבען צו דער ווארהייט, ווען ער געפינט זי — סיידען ער האָט פון זיך אזא הויכע מיינונג, זאָל ער זיך בעסער אבהאלטען פון אָנצונעה־מען בשותפות מיט דער מאסע די פּאָזיציע פון אונפעהלבארקייט, וועלכע האָט געפיהרט דעם גרויסען אנטאָנינוס צו אזא טרויערי־גען סוף.

איינזעהענדיג די אונמעגליכקייט צו בערעכטיגען רדיפות אויף די פערשפרייטער פון אונרעליגיעזע מיינונגען מיט קיין איינ־ציגען ארגומענט, וועלכער וואָלט אויך ניט געגאָלטען צו פער־טיידיגען מארקוס אנטאָנינוס'ן, נעהמען אמאָל די פיינד פון רע־ליגיעזער פרייהייט און זיינען אייך מודה, ווען איהר דריקט זיי שטארק צו צום וואנד, אז יענע, וועלכע האָבען גע'רודפ'ט דעם קריסטענטום, האָבען טאקי אויך רעכט געהאט. זיי האלטען מיט דר. דזשאהנסאָן, אז רדיפות איז א נויטיגע פּראָבע, דורך וועלכע די ווארהייט מוז דורכגעהן, און זיי מיינען, אז דער אמת האלט תמיד אוים די פייער־פּראָבע, ווארים די שטראף פון געזעץ האָט

סוף כל סוף קיין מאכט ניט אנטקעגען אמת, בעת אפטמאָל ווירקט עס גאנץ גוט אנטקעגען א שעדליכען שקר. דאָס איז א מין אר־גומענט פאר רעליגיעזע אונטאָלעראנץ, וועלכער איז אזוי מערק־ווירדיג, אז מען קען איהם ניט פארבייגעהן אָהן א בעמערקונג.

מען קען ניט זאָגען, אז א טעאָריע, וועלכע האלט, אז מען מעג רודף זיין די ווארהייט, ווייל רדיפות קענען איהר קיינמאָל ניט שאדען, איז בכיון א שונא פון אלע נייע ווארהייטען; לויבען אָבער איהר „גנאָדיגקייט" צו די ווארהייטס־טרעגער, וועמען די מענשהייט איז שולדיג א חוב, קען מען אויך ניט. ענטדעקען פאר דער וועלט עפּעס, וואָס איז איהר שטארק נוגע און וואָס זי האָט ביז אהער ניט געוואוסט; בעווייזען איהר, אז זי האָט גע־לעבט אין טעות מכח זעהר א וויכטיגען פונקט פון א וועלטליכער אָדער גייסטיגער פראגע, איז אזא גרויסע טובה פאר די מענשען, ווי עס קען נור געבען; און אין געוויסע פעלע, ווי צ. ב. ש. אין דעם פאל פון די ערסטע קריסטען און רעפארמאטארס, דיינקען די, וועלכע האלטען מיט דר. דזשאהנסאן, אז עס איז גאר געווען די טייערסטע מתנה, וואָס מען האָט דער מענשהייט געקענט ברייינגען. אז די ברייינגער פון אזעלכע גרויסארטיגע מתנות זאָל מען בעלוינען מיט מארטירערייַ; אז זייער שכר זאָל זיין די ערגסטע בעהאנדלונג, וואָס מען טיילט אויס די העסליכסטע פער־ברעכער, איז, לויט אָט דער טעאָריע נאָך, גאָר ניט קיין אומגליק־ליכער טעות, פאר וועלכען די מענשהייט דארף טרויערען אין א זאק מיט אש אויפ'ן קאָפּ, נור עס איז גאר אדרבא א גאנץ גליי־כע און ריכטיגע זאך. לויט דער לעהרע נאָך קומט אויס, אז דער, וואָס שלאָגט פאָר א נייע ווארהייט, דארף שטעהן ווי עס פלעגט שטעהן דער וואָס האָט פאָרגעשלאָגען א נייעם געזעץ אין קהל־שטיבעל פון די לאָקריאנער*), — מיט א פארטיגער פּעטליע ארום האלז, בכדי מען זאָל איהם קענען גלייך אויפ'ן שטעל דער־שטיקען, אויב די קהל'ס־לייט נעהמען באלד דאָרט אויפ'ן אָרט

*) א פּראָווינץ פון גריכענלאַנד. — מ.

ניט אָן זיין פאַרשלאַג. מענשען, וועלכע האלטען פון אזא פאָרמע פון בעלוינונג פאר די, וואָס טוען זיי טובות, מוזען מסתמא ניט פיעל האלטען פון דער טובה; און איך גלויב, אז אזוי קענען קור־קען אויף דעם נור אזעלכע מענשען, וועלכע מיינען, אז נייע וואר־הייטען זיינען אפשר גוט געווען א מאָל, אָבער איצטער דארפען מיר זיי שוין ניט מעהר.

אין דער ווירקליכקייט, איז דער כלל גופא, אז דער אמת איז גובר אלערליי רדיפות, איינער פון די אנגענעהמע ליגענס, וועלכע מענשען זאָגען נאָך, איינער נאָך דעם אנדערן, ביז אלע נעהמען עס אן פאר א געוועהנליכען פאקט, הגם יעדע ערפאהרונג לייקענט עס אָב. די געשיכטע איז פול מיט ביישפיעלען, וואו רדיפות האָ־בען גובר געווען די װארהייט. אויב זי איז ניט אויף אייביג אונ־טערדריקט געוואָרען, איז זי צוריק געשליידערט געוואָרען אויף הונדערטע יאָהרען. רעדענדיג נור פון רעליגיעזע מיינונגען, קע־נען מיר דערמאָנען, אז די רעפאָרמאציע האָט אויסגעבראָכען ווע־ניגסטענס א מאָל צוואנציג פאר לוטהער׳ן און איז יעדעס מאָל אונטערדריקט געוואָרען. ארנאָלד פון ברעסציע איז אונטער־דריקט געווארען; פרא דאָלצינאָ איז אונטערדריקט געווארען; סאַ־וואנאראָלא איז אונטערדריקט געוואָרען. די אלביגענזער, די וואל־דענזער, די לאָלארדען, די הוסיטען, זיינען אלע אונטערדריקט גע־וואָרען. אפילו נאָך לוטהער׳ס צייט איז אויך, וואו די רדיפות האָבען לאנג אָנגעהאלטען, האָבען זיי גובר געווען. אין שפאניען, איטאליען, פלאנדערן און אין דער עסטרייכישער אימפעריע האָבען זיי דעם פראָטעסטאנטיזם עוקר מן השורש געווען; און עס איז זעהר מעגליך צו גלויבען, אז דאָסזעלבע וואָלט פאסירט אין ענג־לאנד, אויב די קעניגין מאריא וואָלט געלעבט לענגער, אָדער די קעניגין עליזאבעטא וואָלט געשטאָרבען פריהער. רדיפות האָבען אימער געהאט אן ערפאָלג, א חוץ דאָרט, וואו די „אפיקורסים" זיינען געוואָרען א צו־שטארקע פארטיי און די רדיפות האָבען אויף זיי קיין ממשות ניט געקענט האָבען. עס איז קיין ספק ניט ביי קיין פערשטענדיגען מענשען, אז דער קריסטענטום האָט געקענט

אויסגעראָט ווערען אין דער רוימישער אימפעריע. ער האָט זיך פערשפרייט און איז געוואָרען מעכטיג, ווייל די רדיפות זיינען פאָרגעקומען נור צייטענוויים, און האָבען יעדעס מאָל געדויערט נור א קורצע ווייל, בעת זיין פראפאגאנדא איז אין צווישענצייט אָנגעגאנגען אונגעשטערט. עס איז א פוסטע שטיק איינרעדעניש, וואָס מען זאָגט, אז דער אמת, דעריבער ווייל ער איז דער אמת, בעזיצט א מיטגעבאָרענע קראפט, וועלכע דער שקר האָט ניט, צו קענען אריבערלעבען אלע תפיסות און אלע תליות. מענשען נעהמען זיך ניט אָן מיט מעהר התלהבות פאר'ן אמת, ווי פאר'ן שקר; און ווען דאָס געזעץ, אָדער אפילו נור די עפענטליכע מיינונג, גיט זיך א נעהם צו זיי, קענען זיי מאכען א תל פון זייער ביידענ'ס פראפאגאנדא. דער ווירקליכער יתרון, וואָס דער אמת בעזיצט, בעשטעהט דעריין, וואָס אויב א מיינונג איז אמת, מעג זי אונטערדריקט ווערען איין מאָל, צוויי מאָל, אָדער עטליכע מאָל, וועלען זיך מיט דער צייט געפינען נייע מענשען, וועלכע וועלען זי ענטדעקען פון דאָס ניי; ביז עס טרעפט א מאָל, אז זי שטעהט אויף תחית המתים אין א בעסערער צייט, ווען זי האָט ניט אויסצושטעהן קיין גרויסע נגישות און, יעמאָלט פערשטארקט זי זיך אויף אזויפיעל, אז זי האָט שוין נאכהער קיין מורא ניט פאר קיינע אונטערדריקונגען.

מען וועט אונז זאָגען, אז היינטיגע צייטען טויטען מיר שוין ניט מעהר די איינפיהרער פון נייע מיינונגען: מיר זיינען ניט ווי אונזערע עלטערן, וועלכע האָבען געקוילעט זייערע נביאים; מיר בויען אפילו קברים־שטיבלעך פאר זיי... עס איז אמת, אז מיר הרג'נען ניט מעהר קיין אפיקורסים; די מאָס פון שטראָף, וואָס אונזערע היינטיגע געפיהלען וואָלטען אונז ערלויבט אנצו־ווענדען אפילו געגען די שעדליכסטע פון זיי, איז אויך ניט גענוג זיי אויסצוראָטען. אָבער לאָמיר זיך ניט בעריהמען, אז מיר זיינען היינטיגען טאָג פריי אפילו פון דעם פלעק פון געזעצליכע רדיפות. שטראָף פאר מיינונגען, אָדער וועניגסטענס פאר אויסדריקען מיינונגען, האָט דאָס געזעץ היינט אויך, און די ביישפיעלען פון פאק־

טען, וואָס מען האָט אפילו היינטיגע צייטען געברויכט די שטראָף,
זיינען גאָר ניט אזוי זעלטען עס זאָל זיין אזוי שווער צו גלויבען,
אז זיי קענען נאָך ווען עס איז אויפלעבען אין זייער גאנצער
קראפט. אין דעם יאָהר 1857, אין אן ענגלישען שטעדטיל, האָט
מען פער'משפט א מענשען, זעהר א וואוילען אין אלע בעציהונ־
גען, 1) אויף איין און צוואנציג מאָנאט געפענגנים פאר זאָגען און
אויפשרייבען אויף א טויער עטליכע בעליידיגונגס־ווערטער וועגען
קריסטענטום! א מאָנאט שפעטער האָט מען אויסגעבראקירט צוויי
מענשען, 2) אין צוויי בעזונדערע פעלע, אלס געשוואָרענע (איי־
נעם פון זיי האָט אי דער ריכטער, אי אן אדוואָקאט, נאָך גראָב
בעליידיגט דערצו), ווייל זיי האָבען בתמימות ערקלערט, אז זיי
גלויבען ניט אין קיין טהעאָלאָגישע אמונה. א דריטען, 3) אן
אויסלענדער, האָט מען פאר דיזעלבע אורזאכע ענטזאגט אין גע־
רעכטיגקייט, און ניט אָנגענומען זיין קלאגע אנטקעגען א גנב. דער
אָבזאָג איז בעגרינדעט געווארען אויפ'ן סמך פון א געוויסען דין,
אז קיין פערזאָן קען ניט צוגעלאָזען ווערען אין געריכט צו זאָגען
עדות, וועלכער גלויבט ניט אין א גאָט (אבי א גאָט איז גענוג)
און אין א יענער וועלט. דאָס איז, אייגענטליך, גלייך ווי מען
וואָלט ערקלערען, אז אזעלכע מענשען שטעהען אויסערהאלב דעם
געזעץ און זיינען אויסגעשלאָסען פון דער פראָטעקציע פון'ם גע־
ריכט; און אז ניט נור מעג מען זיי בערויבען און שלאָגען גאנץ
פריי, נור מען מעג שלאָגען און בערויבען וועמען עס איז, אָהן

---

1) טהאָמאס פולעי, 31טען יולי, 1857. אין דעצעמבער האָט
איהם די רעגיערונג מוחל געוועזן זיין חטא און איהם אין גאנצען
בעפרייט.

2) געאָרג דזשייקאָב האליאָק און עדוואַרד טרולאָוו, (ביידע בע־
ריהמט געוואָרענע פריידיינקער, וועלכע האָבען געלעבט ביז מיט א פּאָר
יאָהר צוריק, געאַכט און געשעצט איבעראַל, וואו מען האט זיי געקענט.)
דער איבערזעצער.

3) באַראָן דע־גלייכען, אויגוסט דעם 4טען, 1857.

מורא בעשטראפט צו ווערען, אויב זיי, די אונגלויבער, זיינען די איינציגע עדות, וועלכע קענען דערצעהלען וועגען דעם פאקט. די השערה, אויף וועלכער דער דין בעגרינדעט זיך, איז, אז די שבועה פון א מענשען, וועלכער גלויבט ניט אין שכר ועונש אויף יענער וועלט, קען ניט האָבען קיין ווערטה, — א השערה, וועלכע צייגט ארוים א גרויסע עם־הארצות אין היסטאָריע (ווארים עס איז היסטאָריש זיכער, אז א גרויסער טייל פון אלע אפיקורסים אין אלע דורות זיינען געווען בעריהמטע צדיקים און עהרען־מענער), און פון וועלכער קיינער ווערט ניט האלטען, אויב ער האָט נור דעם קלענסטען בעגריף, וויפיעל מענשען, וואָס האָבען געהאט א גרויסע רעפּוטאציע אין דער וועלט, אי פאר זייערע גוטע מדות, אי פאר זייערע גרויסע קענטניסע, זיינען בעוואוסט געווען, צו זייערע גוטע בעקאנטע צום ווענינסטען, אלס אונגלויבער. א חוץ דעם, הרג'ט אזא געזעץ זיך אליין אוועק און גראָבט אליין אונטער זיין אייגענעם פונדאמענט. צוליב דער פּרעטענזיע, אז אטהעאיסטען זיינען ליגנער, לאָזט דאָס געזעץ צו די עדות פון אלע אטהעאיסטען, וועלכע זיינען מרוצה צו לייגען, און שטופּט אוועק נור די, וועלכע ווילען ליבערסט ריזיקירען מבויש צו ווערען פאר'ן עולם, איידער צו זאָגען א ליגען, אז זיי גלויבען. א געזעץ, וועלכער ווייזט זיך ארוים אזוי לעכערליך אין פּרט פון גרייכען זיין צוועק, קען זיך האלטען אין קראפט נור ווי א צייכען פון שנאה און אן אָנדיינקען פון רדיפות, און דערצו נאָך פון אזא סאָרט רדיפות, וועלכער טשעפּעט זיך דוקא צו אזעלכע, וואָס בעווייזען קלאָר, אז זיי פערדיענען עס ניט. אזא געזעץ און די טעאָריע, אויף וועלכער ער איז געבויט, איז כמעט ניט וועניגער א בעליידיגונג פאר די גלויביגע ווי פאר די אונגלויביגע. ווארים אויב דער, וואָס גלויבט ניט אין א יענער וועלט, מוז ניט אנדערש זיין א ליגנער, קומט דאָך דערפון אויס, אז די, וועלכע גלויבען יאָ, האלטען זיך אָב פון צו זאָגען ליגענס (אויב זיי האלטען זיך טאקי אָב) נור דערי־בער, ווייל זיי האָבען מורא פאר'ן גיהנום. מיר ווילען ניט פוגע זיין די מאכער און אויפהאלטער פון דעם דאָזיגען געזעץ, דער־

מאָנענדיג זיי, אז כל הפּוסל במומו פּוסל, ד. ה. אז דעם בעגריף, וואָס זיי האָבען זיך געמאכט פון די קריסטליכע מדות, האָבען זיי הפנים געשעפּט פון זייער אייגענעם געוויסען....

אמת, די אויבענדערמאָנטע פעלע זיינען נור פּיצלעך טראנ־טעם און רעסטלעך פון רדיפות, און מען קען עס האלטען, ניט אזוי פאר א בעוויז, אז עס איז דאָ א פערלאנג רודף צו זיין, ווי פאר א ביישפּיעל פון דעם ענגלענדער'ס זעהר אָפטער שוואכקייט צו האלטען זיך פעסט מיט אזא אונזיניגען פערגניגען אָן א שלעכ־טען פּרינציפּ, בעת ער אליין איז שוין ניט מעהר אזוי שלעכט צו וועלען באמת דאָס דורכפיהרען אין פּראקטיקע. אָבער צום אומגליק קענען מיר אין אָט דעם כאראקטער פון פּובליקום ניט זעהן קיין גאראנטיע, אז די ערגערע פאָרמען פון געזעצליכע רדיפות, וועלכע זיינען שטיל געוועז אָן ערך פון 25 יאָהר, וועלען זיך ניט ווידער צוריקקעהרען. די אויבערפלעכע פון אלטעגליכען לעבען ווערט היינטיגע צייטען אויפגערודערט פּונקט אזוי אָפט פון פלענער מחיה מתים צו זיין אמאָליגע פּורעניות'ן, ווי פון פלע־נער איינצופיהרען נייע טובות. די איצטיגע נייע אויפלעבונג פון רעליגיאָן, מיט וועלכער די פרומאקעס בעריהמען זיך, איז פאר די ענגע מוחות פון די אונוויסענדע א נייע אויפלעבונג פון לכל הפחות דיזעלבע מאָס פאנאטיזם און צבוע'צטווע; און וואו עס איז פאראן אזא בעשטענדיגער שטארקער גיפט פון אונטאָלעראנץ אין דעם פאָלק'ס געפיהלען, ווי ביי דעם מיטעלקלאס דאָ אין לאנד, איז גענוג א וועלכע עס איז קליינינקייט אויפצורייצען זיי רודף צו זיין יענע מענשען, וועמען זיי האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו בעטראכטען פאר די ריכטיגע פערזאָנען וואָס פערדיענען גע־רודפ'ט צו ווערען *). ווארים אָט דאָס איז עס — די מיינונגען,

*) פאר א שטארקע ווארנונג קען אונז דיענען די חיבש ביסעל ליידענשאפט פון א פּראָקוראר, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסען אויפ'ן אלגעמיינעם בילד, וואָס שטעלט פאָר די ערגסטע שטריכען פון אונזער נאַציאָנאַל־כאראקטער, בעת עס זיינען פאָרגעקומען די אויפשטאַנדען

וואָס מענשען האלטען, און די געפיהלען, וואָס זיי האָבען בנוגע צו
יענע, וועלכע לייקענען אין דעם גלויבען, וואָס זיי האלטען פאר
וויכטיג — אָט דאָס איז די סבה, פארוואָס אָט דאָס לאנד איז ניט
קיין פּלאַץ פאר גייסטיגער פרייהייט. פון לאנג אָן איז די הויפּט
צרה פון געזעצליכער שטראָף בעשטאנען אין דעם, וואָס זי פער־
שטארקט דעם געזעלשאפטליכען שאנד־פלעק. אָט דער שאנד־
פלעק איז עס, וואָס ווירקט אזוי שטארק; און די ווירקונג איז
אזוי גרויס, אז דאָ אין ענגלאנד האָבען א סך װעניגער מענשען
דעם מוט צו האלטען בפרהסיא אזעלכע מיינונגען, וואָס זיינען
פערבאָטען פון דער געזעלשאפט, איידער אין פיעלע אנדערע לענ־
דער, וואו מענשען ווערען בעשטראפט פאר זייערע מיינונגען פון
געריכט. בנוגע צו אלע מענשען, אחוץ צו די, וואָס זיינען מאטע־
ריעל אונאבהענגיג, ווירקט די עפענטליכע מיינונג אזוי גוט ווי
א געזעץ: אוועקנעהמען פון א מענשען די מעגליכקייט צו פער־

---

אין סעפּאָי (אינדיען). די משוגע'נע קולות פון די פאנאַטיקער אָדער
שאַרלאַטאַנעס, דרשנ'דיג פון בימה, איז אפשר ניטאָ וואָס צו הערען;
אָבער אפילו די פּני פון דער עוואַנגעלישער פארטיי האָבען ערקלערט זיי־
ער פּרינציפּ בנוגע צו דער רעגירונג פון די הינדוסען און מאחמעדאַנער,
אז מען זאָל קיין שולע ניט שטיצען מיט קהל'שען געלד, וואו מען
לערנט ניט די ביבעל, און במילא פערשטעהט זיך שוין אויך, אז מען
טאָר ניט געבען קיין קהל'שע שטעלע קיינעם ניט, אויסער אמת'ע אָדער
„געמאַכטע" קריסטען. א וויצע־מיניסטער פון אויסערווערטיגע אנ־
געלעגענהייטען האָט זיך אויסגעשפּראָכען אין א רעדע, וואָס ער האָט
געהאַלטען פאר די בירגער פון זיין בעצירק דעם 12טען נאָוועמבער
1857, אזוי צו זאָגען: „די טאָלעראנץ, וואָס די בריטישע רעגירונג
האָט געברויכט פאר זייער גלויבען (ער מיינט דאָס דעם גלויבען פון א
הונדערט מיליאָן מענשען אין אינדיען, וועלכע זיינען ענגלישע אונ־
טערטאַנען), פאר דעם אבערגלויבען, וואָס זיי רופען רעליגיאָן, האָט
געווירקט ווי א טאָרמאז, וועלכער האָט ניט דערלאָזען דאָס ענגלישע
רענאָמע צו שטייגען אלץ העכער, און האָט געשטערט דאָס היילזאמע

דיענען אויפ'ן לעבען איז פונקט אזוי שלעכט, ווי ארייגזעצען איהם אין געפענגניס. יענע אָבער, וועלכע זיינען זיכער מיט זייער ברויט, וועלכע זוכען ניט קיין טובות פון די רייכע און מעכטיגע און דארפען ניט אָנקומען צו א פארטיי אָדער צום עולם, האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען פאר האלטען בפרהסיא אלערליי מיינונגען; אלץ וואָס קען זיין, איז נישט מעהר וואָס מען וועט דיינקען אָדער רעדען שלעכטס וועגען זיי, — און דאָס צו פערטראָגען דארף מען גאָר קיין גרויסע העלדישקייט ניט האָבען. פאר דער עגמת נפש, וואָס זיי וועלען דערפון האָבען, דארף מען קיין גרויסע רחמנות אויף זיי ניט לעגען.

אָבער הגם מיר טוען איצטער שוין ניט מעהר קיין גרויסע רעות צו די, וועלכע האָבען אנדערע מיינונגען ווי מיר, קען זיין, אז מיר טוען נאָך אלץ זיך אליין א גרויסע רעה מיט דעם אופן, ווי מיר בעהאנדלען זיי. סאָקראט'ען האָט מען געטויט, אָבער די סאָקראַ־

---

וואקסען פון דעם קריסטענטום... די טאָלעראנץ איז געווען דער ווינקעלשטיין פון די רעליגיאָנס־פרייהייטען פון אונזרע לאַנד, אָבער לאָזט זיי נור ניט מיסברויכען דאס טייער וואָרט טאָלעראנץ."

ווי ער האָט עס פערשטאַנען, האָט די טאָלעראנץ געמיינט: פרייהייט צו דיענען גאָט, פאָלקאָמענע פרייהייט פאר אלע קריסטען, וועלכע דיענען גאָט אויף דיזעלבע יסודות. ער האָט געמיינט, טאָלעראנץ פאר אלע קירכען און סעקטען — פון קריסטען, וועלכע גלויבען אין דיזעלבע עיקרים. איך וויל אויפמערקזאם מאַכען אויף דעם פאקט, אז א מאַן, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאר גענוג פעהיג צו פארנעהמען אזא הויכע שטעלע אין דער רעגירונג פון אָט דעם לאַנד אונטער א ליבעראלען מיניסטעריום, האלט פון א לעהרע, אז אלע, וועלכע גלויבען ניט אין די געטליכקייט פון קריסטוס, זיינען אויסגעשלאָסען פון דער ברכה פון טאָלעראַנץ! צוזעהענדיג אַזעלכע אידיאָטסקע שטיק, ווער קען זיך נאָך פערוויגען אין דעם זיסען חלום, אז די רעליגיעזע רדיפות פון אמאָל זיינען שוין אוועקגעגאַנגען, קיינמאָל זיך ניט אומצוקעהרען צוריק?

טישע פילאָזאָפיע איז אויפגעגאנגען, ווי די זון אין הימעל, און האָט פערשפרייט איהרע ליכטיגע שטראהלען איבער דער גאנצער גייסטיגער וועלט. די קריסטען האָט מען געוואָרפען אין די לייבען־גריבער, אָבער די קריסטליכע קירכע איז אויסגעוואקסען, ווי א שטאטנער בוים, וואָס שפרייט אוים זיינע צווייגען און דעקט אריבער די עלטערע, וועניגער קרעפטיגע פלאנצונגען און דערשטיקט זיי מיט זיין שאָטען. אונזער איינפאכע געזעלשאפטליכע אונטאָלעראנץ הרג'ט קיינעם ניט, איז ניט עוקר מן השורש קיין מיינונג, אָבער זי ברייננט מיט, אז מענשען זאָלען פערמאסקירען זייערע מיינונגען און זאָלען ניט מאכען קיין אָנשטרענגונג זיי צו פערשפרייטען. די פרייזיניגע מיינונגען, דאָ, ביי אונז, איז שוין פון צעהנדליגע יאָהרען און זייט גאנצע דורות אז ניט זיי געווינען א נייעם גרונד, ניט זיי פערלירען דעם אלטען; זיי צופלאַקערען זיך קיינמאָל ניט שטארק און ברייט, זיי האלטען רק אין איין שמילקען זיך אין די ענגע קלייזלעך פון די דיינקענדע און שטודירענדע מענשען, אין וועמענס קעפ זיי זיינען געבאָרען געוואָרען, און האָבען ניט בכח צו בעלייכטען די ענינים פון כלל, ענטוועדער מיט אן אמת'ן ליכט, אָדער אפילו מיט א פאלשען שיין, וואָס נארט נור אָב. אָט אויף דעם אופן האלט אָן דערזעלבער צושטאנד, מיט וועלכען געוויסע מענשען זיינען גאנץ צופריעדען, וייל גאָר אָהן דעם אונאנגענעהמען עסק פון בעשטראָפען און ארעטירען בלייבען זיך די הערשענדיגע מיינונגען לפנים אונגעשטערט, בעת יענע „אומגליקליכע", וועלכע ליידען פון דער „קראנקהייט פון דיינקען", פערבאָט מען ניט צו שארפען זייערע מוחות, וויפיעל זייער הארץ גלוסט. א בעקוועמער פלאן, בנאמנות, אויפצוהאלטען פרידען אין דער גייסטיגער וועלט און לאָזען דאָרטען אלצדינג געהן ווי עס געהט די גאנצע צייט. אָבער דער פרייז, וואָס מען צאָהלט פאר אזא מיין גייסטיגע איינשטילונג, איז די אויפאָפפערונג פון'ם גאנצען מאָראלען קוראזש פון מענשליכען געדאנק. א צושטאנד, וואו דער גרעסטער טייל פון די טעטיגסטע גייסטער און גריבלער געפינען פאר ראטזאם צו בע־

האלטען די אלגעמיינע פּרינציפּען און די גרינדע פון זייערע איבערצייגונגען ביי זיך אין הארצען; וואו זיי זוכען, ווען זיי רעדען צום פּובליקום, צוצופּאסען וויפיעל מעגליך זייערע אייגענע שליסען צו די אָנגענומענע תורות, וועלכע זיי לייקענען אָב ביי זיך אין געדאנק, — אזא צושטאנד קען ניט שאפען אזעלכע אָפענע, פּורכטלאָזע כאראקטערען, אזעלכע לאָגישע, קלאָרע קעפּ, ווי די, וועלכע זיינען געוועזן די צירונג פון דער אמאָליגער דיינקענדער וועלט. אונטער אזא צושטאנד קען מען נור געפינען א סאָרט מענשען, וועלכע זיינען ענטוועדער פּשוט'ע צו־באמקער צו די אלטעגליבע מיינונגען, אָדער א מין אונטערלעקער פון ווארהייט, וואָס גיבען דעם עולם תירוצים אויף אלע גרויסע פראגען, אין וועלכע זיי זיינען אליין ניט איבערצייגט. די, וועלכע ווילען אויסמיידען ביידע דרכים, פּועל'ן ביי זיך צו פערשמעלערען דעם קרייז פון זייערע געדאנקען, און אינטערעסירען זיך נור מיט אזעלכע זאכען, וועגען וועלכע מען קען רעדען און ניט אָנריהרען קיינע פּרינציפּען; דאָס הייסט, זיי אינטערעסירען זיך נור מיט קליינע, פּראקטישע פראגען, וואָס וואָלטען רעכט ווערען אָהן זיי אויך, אויב מען וואָלט דעם מענשליכען גייסט ברייטער און שטארקער ענטוויקעלט, און וועלכע ווילען טאקי ביז דאמאלסט ניט רעכט ווערען ווי געהעריג איז: בעת די וויכטיגע ארבייט, וואָס וואָלט ווירקליך געשטארקט און ענטוויקעלט דעם מענשליכען געדאנק, וואָס וואָלט געמאכט די מענשען פריי און דרייסט נאָכצודיינקען וועגען די העכסטע פראגען, דאָס ווערט אין גאנצען פערנאכלעסיגט.

די, וועלכע דיינקען, אז עס איז גאָר קיין חסרון ניט, וואָס אפּיקורסים האלטען דאָס מויל, מוזען איינזעהן ערסטענס, אז דער סוף פון דעם איז, וואָס עס זיינען קיינמאָל ניטאָ קיין עהרליכע און גרינדליכע ויכוחים וועגען אפּיקורסישע מיינונגען; און צווייטענס, אז אָט דער שווייגען, וועלכער לאָזט זיי ניט זיך פערשפּרייטען, לאָזט אויך ניט געוויסע אפּיקורסות, וואָס וואָלט ניט געקענט אויסהאלטען קיין קריטיק, פערשווינדען. פון דעם חרם אָבער, וואָס מען לעגט ארויף אויף אלע פאָרשונגען, וועלכע פּיה־

רען צו ניט־אָרטאָדאָקסישע רעזולטאטען, ליידען ניט די אפּיקורסים דעם גרעסטען שאדען. עס איז דער גרעסטער היזק פאר די ניט־אפּיקורסים, וואָרים צוליב דער מורא פאר אן אפּיקורסישען געדאנק ווערט ביי זיי דער שכל ווי מיט שטריק איינגעשנורעוועט און זייער גאנצע גייסטיגע ענטוויקלונג ווערט דורך דעם א צוקאַ־ליעטשעטע. ווער קען אויסרעכענען, וויפיעל די וועלט פערליערט אין דער מאסע גרויסע גייסטער, וואָס געהען לאיבוד, ווייל די נאטור האָט זיי געגעבען שוואכע כאראקטערען און זיי האָבען מורא צו טרייבען א ביסעל ווייטער א שארפען, קרעפטיגען, אייגענעם געדאנקען־גאנג, טאָמער וועט דאָס זיי פיהרען צו עפּעס, וואָס מען וועט קענען אויסטייטשען אלס ניט־פרום אָדער אונמאָראליש. צווישען זיי געפינט מען אמאָל איינעם, וואָס האָט א שארף־גע־בילדעטען פערשטאנד מיט א טיעף־עהרליכער נשמה, וועלכער פערברייינגט זיין לעבען אין פּוסטע פּלפּולים, ראנגלענדיג זיך מיט א מוח, וואָס קען ניט רוהען, און מאטערט אויס זיין גאנצען שארפ־זין, כדי צו פעראייניגען זיין געוויסען און זיין שכל מיט די אָרטאָדאָקסישע תורות, וועלכע ער קען אפּנים סוף כל סוף דאָך ניט פעראייניגען. קיינער קען ניט זיין קיין גרויסער דיינקער, וועל־כער זעהט ניט איין, אז דער ערסטער חוב זיינער אלס דיינקער איז צו פאָלגען זיין פערשטאנד און געהן וואוהין ער זאָל איהם ניט פיהרען. די ווארהייט געווינט מעהר אפילו דורך די טעות'ן פון א מענשען, וועלכער, צוגרייטענדיג זיך און שטודירענדיג, דיינקט פאר זיך, איידער דורך די ריכטיגע מיינונגען פון יענע, וועלכע האלטען זיי נור דעריבער, ווייל זיי פוילען זיך אליין צו דיינקען. צו שאפען גרויסע דיינקער איז אָבער ניט דער איינציגער אָדער הויפּט־צוועק, צו וואָס מען דארף האָבען פרייהייט פון דיינקען. פערקעהרט, עס איז פּונקט אזויפיעל און אפשר נאָך מעהר נויטיג צו האָבען פרייהייט, כדי די דורכשניטס מענשען זאָלען קענען דערגרייכען די העכסטע שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג, אויף וואָס זייערע פעהיגקייטען טראָגען אויס. עס זיינען געווען איינ־צעלנע גרויסע דיינקער, און זיי וועלען קענען ווייטער זיין, אפילו

אין אן אויר פון אלגעמיינער גייסטיגער שקלאפעריי. אין אזא אטמאָספערע איז אָבער קיין מאָל ניט געווען, און וועט קיין מאָל ניט זיין, א גייסטיג־לעבעדיג פאָלק. וואו עס האָט פּאסירט, אז א פאָלק איז גייסטיג געווארען טעטיג פאר א ווײַלע, איז עס געווען דער־ריבער, ווייל פאר יענער צייט איז אוועקגענומען געוואָרען די מורא פאר א נייעם געדאנק. וואו עס איז פאראן א שטילער אָבמאך, אז אויף אָנגענומענע פּרינציפּען טאָר מען קיין קשיות ניט פרע־גען; וואו די דעבאטען איבער די גרעסטע פראגען, וואָס קע־נען בעשעפטיגען די מענשהייט, זיינען געשלאָסען, דאָרטען קע־נען מיר ניט האָפען צו געפינען יענע אלגעמיין־הויכע שטופע פון גייסטיגער טעטיגקייט, מיט וועלכער געוויסע פעריאָדען פון דער געשיכטע האָבען זיך אמאָל אויסגעצייכענט. ווען מען האָט אויס־געמיטען צו פיהרען ויכוחים איבער וויכטיגע ענינים, וועלכע זיי־נען גענוג גרויס ארויסצורופען ענטוזיאזם, איז דעם פאָלק'ס גייסט קיינמאָל ניט אויפגערודערט געוואָרען פון גרונד־טיעפענים ארויס; איז ניט פאָרגעקומען קיינמאָל יענע שטארקע גערודונג, וועלכע איז בכח וויפיעל־ניט איז צו ערהויבען אפילו די גאנץ פראָסטע קעפּ צו דער ווירדיגער שטופע פון דענקענדע מענשען. מיר האָבען גע־האט א ביישפּיעל פון אזא פאָלקס־געהרונג אין איראָפּא אין דער צייט גלייך נאָך דער רעפאָרמאציע; נאָך איינעם, הגם נור צווי־שען די מעהר געבילדעטע קלאסען, און נור אויפ'ן איראָפּייאי־שען קאָנטינענט (ד. ה. אויסער ענגלאנד), האָבען מיר געהאט אין דער פילאָזאָפישער בעוועגונג פון דער לעצטער העלפט פון 18־טען יאהרהונדערט; און נאָך א דריטען, וועלכער האָט אָנגעהאלטען א קירצערע צייט, אין דער גייסטיגער געהרונג פון דייטשלאנד, אין געטהע'ס און פיכטע'ס צייטען. אין פרט פון די געדאנקען, וואָס זיי האָבען ענטוויקעלט, זיינען אט די פעריאָדען געווען גאנץ פערשיידען איינע פון די אנדערע; זיי זיינען אָבער אלע גלייך געווען דעריין, וואָס אין די אלע דריי צייטען איז געבראָכען גע־וואָרען דער יאָך פון אויטאָריטעט. אין יעדערער פון זיי איז אן אלטער גייסטיגער דעספּאָטיזם ארונטערגעוואָרפען געוואָרען, און

קיין נייער איז נאָך אויף זיין פּלאַץ ניט געווען. אָט דער שטוים, וואָס איז געגעבען געוואָרען אין יענע דריי פּעריאָדען, האָט גע־מאכט פון איראָפּא דאָס, וואָס זי איז. יעדע איינציגע פּערבע־סערונג, וואָס איז געוואָרען, סיי אין דעם מענשליכען גדאנק, סיי אין די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, האָבען מיר דירעקט צו פּערדאנקען איין פּעריאָדע אָדער אנאנדערער פון יענע דריי. פּאר א שטיק צייט זיינען דאָ סמנים וואָס בעווייזען, אז די דאָזיגע כחות האָבען זיך שוין כמעט אויסגענומען; און מיר קענען ניט דערוואַרטען צו מאכען א פרישען אָנהויב, ביז וואנען מיר וועלען זיך ווידער ניט איינשטעלען פּאר אונזער גייסטיגער פרייהייט.

---

לאָמיר איצטער איבערגעהן צום צווייטען טייל פונ'ם אר־גומענט און, אוועקוואַרפענדיג די סברא, אז די קאָנסערוואטי־ווע מיינונגען קענען זיין פאלשע, וועלען מיר אָננעהמען פּער־קעהרט, אז זיי זיינען דוקא ריכטיגע, און מיר וועלען אונטער־זוכען וואס פאר א ווערטה עס האָט צו האלטען פון זיי, אויב מען קען ניט פריי און אָפען דיסקוטירען דעם אמת, וואס שטעקט אין זיי. ווי ניט גערן א מענש איז מודה צו זיין, אז די מיינונ־גען, אין וועלכע ער איז איינגעגלויבט, קענען זיין פאלש, מוז איהם אָבער דאָך קענען ריהרען דער ארגומענט, אז ווי אמת זיי זאָלען ניט זיין, ווערט פון זיי ווערען א טויטע דאגמא, אויב מען וועט זיי ניט אָפט און גרינדליך דיסקוטירען אָהן שום מורא.

עס זיינען פאראן מענשען (צום גליק ניט אזוי צאָהלרייך ווי אמאָל), וועלכע דיינקען, אז עס איז גאנץ גענוג פון איינעם, אויב ער גלויבט נור אָהן שום ספיקות אין אלץ, וואס זיי האלטען פאר אמת, הגם ער האָט קיין בעגריף ניט פון די טעמים פון דער זאך און וואָלט ניט געקענט פערטיידיגען זיין גלויבען אנטקעגען אפילו די גאנץ אויבערפלעכליכע ארגומענטען פון א געגנער. אזעלכע מענשען דיינקען נאטירליך, אז ווייבאלד מען האָט אן אויטאָריטעט, וואָס לערנט די אמונה, איז עס גאר קיין

פעולה ניט, נור אפשר דוקא א שטיקעל חסרון צו לאָזען פרע־
גען קשיות אויף איהר. וואו אָט די מענשען האָבען אן איינ־
פלוס, דאָרט איז כמעט אונמעגליך אוועקצו־ווארפען א קאָנסער־
וואטיווע מיינונג מיט א שכל און מיט איבערלעגונג, הגם מען
קען זי גאנץ לייכט אוועקווארפען אָהן א שכל: ווארים אויסראָ־
טען דיסקוסיאָנען אין גאנצען איז זעלטען מעגליך; דעריבער ווען
מען כאפט זיך צו צו דיסקוטירען, טרעפט געוועהנליך, אז דער
שוואכסטער ארגומענט צורייבט אויף אש יעדע מיינונג, וועל־
כע איז ניט בעגרינדעט אויף אייגענער איבערציינונג. אָבער לאָ־
מיר שוין לאָזען אָט די מעגליכקייט אָן א זייט; לאָמיר אָננעה־
מען אפילו, אז אן אמת'ע מיינונג האלט זיך אין קאָפּ — ד. ה.
זי האלט זיך ווי א פּאָראורטייל, ווי א גלויבען, וואס דארף ניט
קיין ראיות און האָט פאר קשיות קיין מורא ניט, — ערסט יע־
מאָלט איז עס ניט דער ריכטיגער וועג, ווי א ווארהייט ד א ר ף
זיך האלטען אין קאָפּ פון א דיינקענדען מענשען. דאָס הייסט
ניט, ו ו י ס ע ן דעם אמת. אזוי האלטען א ווארהייט הייסט נור
האָבען מיט נאָך אן אבערגלויבען מעהר, וועלכער האלט זיך צופעליג
אָן די ווערטער, וואָס רעדען ארויס א ווארהייט.

אויב עס איז נויטיג אויסצובילדען דעם פערשטאנד און די
אורטיילסקראפט פון דער מענשהייט — א פונקט, וועלכען די
פּראָטעסטאנטען, צום ווייניגסטען, לייקענען ניט אָב, — איז ווי
אזוי קען מען אָט די פעהיגקייטען בעסער אויסבילדען, ווי צו
לערנען זיך דיינקען טאקי אויף די ענינים, וועלכע זיינען דעם
מענשען אזויפיעל נוגע, אז עס ווערט געהאלטען פאר נויטיג ער
זאָל האָבען געוויסע מיינונגען וועגען זיי? אויב די אויסבילדונג
פון פערשטאנד הענגט אָב פון איין זאך מעהר ווי פון אנאנדערער,
איז עס זיכער פון דער טבע נאָכצודיינקען וועגען די טעמים פון
די אייגענע מיינונגען.

וואס איינעמס גלויבען זאָל ניט זיין מכח זאכען, וועגען וואָס
עס איז וויכטיג ער זאָל האָבען א ריכטיגען גלויבען, מוז ער איהם
קענען פערטיידיגען לכל הפּחות אנטקעגען די געוועהנליכע קשיות,

וואָס מען קען שטעלען אויף איהם. ווען אָבער איינער קומען און זאָגען: „גוט, זאָל מען זיי אויסלערנען די טעמים פון זייערע מיינונגען! עס איז גאָרניט געדרונגען, אז דעריבער, וואָס מענשען הערען ניט קיין ארגומענטען אנטקעגען, מוזען זיי נאָכזאָגען זייערע מיינונגען ווי פּאַפּוגאַיען. אין געאָמעטריע, צ. ב. ש. לערנט מען אויף אויסווענינג ניט נור די טעאָרעמען (כללים), מען לערנט זיך אויס אויך די טעמים: וואָלט עס ניט געווען לעכערליך צו זאָגען, אז מענשען הויבען ניט אָן צו וויסען די גרינדע פון די געאָמעטרישע ווארהייטען, ווייל זיי הערען קיינמאָל ניט מען זאָל זיי צוקלאַפּען און אָבלייקענען?“ — גאַנץ געוויס: אָט אזוי איז גוט צו לערנען מאטעמאטיקע, וואו עס איז גאָר נישט ניטאָ צו זאָגען פערקעהרט. מאטעמאטישע ווארהייטען צייכענען זיך אויס דערמיט, וואס אלע ארגומענטען זיינען נור אויף איין זייט. עס זיינען ניטאָ קיין קשיות אויף זיי, און עס זיינען ניטאָ קיין תירוצים. דערפאר אָבער אין יעדען אנדער ענין, וואו חלוקי דעות קענען זיין, הענגט דער אמת תמיד אָב פון דעם גלייכגעוויכט, וואס מען קען געפינען צווישען צווייערליי שיטות פון דיינקען. אפילו אין דער נאטור־וויסענשאפט איז אויך אלע מאָל מעגליך, אז עס קען זיך געפינען אנאנדער ערקלערונג פאר דיזעלבע פאקטען. אנשטאָט צ. ב. ש. וואס מיר האלטען, אז די זון איז דער צענטער פון אונזער וועלט־סיסטעם, קען זיין א טעאָריע, אז די ערד איז גאָר דער צענטער; אנשטאָט זויער־שטאָף קען גאָר זיין א מין ברען־שטאָף; און מען מוז בעווייזען, פאר וואס די אנדערע טעאָריע קען ניט זיין די ריכטיגע. און כל זמן עס איז ניט בעוויזען געוואָרען, כל זמן מיר ווייסען ניט, ווי אזוי עס איז בעוויזען געוואָרען, פערשטעהען מיר טאקי ניט די יסודות פון אונזער מיינונג. און ווער רעדט שוין וועגען אזעלכע אָהן א סוף קאָמפּליצירטע ענינים, ווי מאָראַל, רעליגיאָן, פּאָליטיק, געזעלשאפטליכע פערהעלטניסע און אנדערע עסקים פון לעבען! דאָ זיינען פאראַן אזויפיעל חלוקי־דעות, אז כמעט דריי פערטיל פון אלע ארגומענטען וועגען א מיינונג וואס שטעהט אין דיספּוט,

בעשטעהען פון ראיות אָבצושלאָגען די כלומר'שטדינע ראיות פון אנאנדער מיינונג.

דער גרעסטער פארצייטיגער רעדנער (ציצעראָן), ניט רעכענענדיג איינעם נאָך א פריהערדיגען, האָט געלאָזען פון זיך א בעשרייבונג, אז ער פלעגט תמיד שטודירען זיין געגנער'ס טענות מיט דערזעלבער פלייסיגקייט, אויב ניט מעהר, ווי זיינע אייגענע טענות. וואָס ציצעראָן האָט געטון צוליב אן ערפאָלג אלס אדוואָקאט, דארף יעדער איינער נאָכטון, וועלכער שטודירט א פראגע כדי אויסצוגעפינען די ווארהייט. ווער עס ווייס ניט מעהר ווי זיין זייט פון א ויכוח, דער ווייס אפילו די אייגענע זייט אויך גאנץ ווייניג. זיינע גרינדע מעגען זיך זיין גאנץ גוטע, און עס קען זיין, אז קיינער האָט זיי ניט געקענט צושלאָגען; אויב אָבער ער קען אויך ניט צושלאָגען די בעווייז פון דעם געגנער'ס צד; אויב ער ווייס אפילו גאָר ניט וואס פאר א בעווייז זיי זיינען, — האָט ער קיין גרונד ניט צו האלטען איין מיינונג בעסער ווי די אנדערע. דאָס קליגסטע, וואָס ער וואָלט דארפען אין אזא פאל טון, איז אָבוואַרטען מיט זיין אורטייל און גאָר קיין מיינונג ניט ארויסזאָגען; טוט ער עס אָבער ניט, איז יעמאָלט איינס פון די ביידע: ענטוועדער ער לאָזט זיך בלינד פיהרען פון אן אויטאָריטעט, אָדער ער האלט א געוויסע מיינונג, ווי דער המון בכלל, פשוט ווייל זי געפעלט איהם בעסער, אָהן א פארוואָס. עס איז אויך ניט גענוג ער זאָל לערנען דעם געגנער'ס טעמים פון די מיילער פון זיינע אייגענע לעהרער, ווי זיי גיבען עס איהם איבער, בעגלייט מיט זייערע ארגומענטען אנטקעגען יענעמ'ס בעווייזען. אויף אזא אופן קען מען זיך ניט פערהאלטען עהרליך צו די ארגומענטען; מען קען זיי אפילו אין קאָפּ ניט אריינעהמען ריכטיג. ער מוז זיי הערען דירעקט פון די מענשען, וועלכע גלויבען אין זיי, וועלכע פערטיידיגען זיי ערנסט און גיבען זיך די גרעסטע מיה זיי צו בעווייזען. ער מוז זיי קענען לערנען אין דער פאסענדסטער פאָרמע און אין דעם בעסטען אופן, וואָס קען זיך לעגען אויפ'ן שכל; ער מוז פיהלען די גאנצע קראפט פון

דער שווערער ארבייט, וואָס דער, וועלכער וויל ריכטיג קלאָר מאַכען זיין שטאנדפּונקט, מוז אונטערנעהמען און בייקומען; אנדערס וועט ער קיינמאָל ניט בעזיצען אָט דעם חלק אמת, וואָס קען אונטערנעהמען די שווערע ארבייט און זי בייקומען. ניין און ניינציג מענשען פון א הונדערט, וועלכע רופען זיך געבילדעטע, זיינען אין אָט דער לאגע (פון ניט וויסען גרינדליך דעם געגנער'ס ארגומענטען — מ.); אפילו די, וועלכע קענען גאנץ געלויפיג ארגומענטירען פאר זייערע מיינונגען. זייער אויספיהר קען טאקי זיין א ריכטיגער, אָבער ער קען אויך זיין א פאלשער, אויף וויפיעל זיי וויסען: זיי זיינען קיינמאָל ניט אריינגעגאנגען אין דעם געגנער'ס גייסטיגע לאגע און האָבען קיינמאָל ניט איבערגעטראכט, וואס יענע מענשען האָבען צו זאגען; פאָלגליך ווייסען זיי אין ריכטיגען זין פון וואָרט „וויסען" אפילו זייער אייגענע לעהרע אויך ניט. יענער גאנצער טייל פון דער ווארהייט, וועלכער וועגט אריבער די אדער יענע זייט פון וואָגשאָל, וועלכער בעשליסט די מיינונג פון דעם, וואס ווייס די זאך אין גאנצען, בלייבט זיי לחלוטין פרעמד; ווארים קיינער איז ניט בעקאנט מיט דעם טייל א חוץ יענע מענשען, וועלכע גיבען זיך אָב אונפּארטייאיש צו שטודירען ביידע זייטען פון א פראגע גלייך און נעהמען זיך די מיה צו זעהן אין דעם שטארקסטען ליכט יעדערענס בעווייזע בעזונדער. אזוי וויכטיג איז אָט די דיסציפּלין, כדי ווירקליך צו פערשטעהן מאָראלע און מענשליכע ענינים, אז ווען עס זיינען ניטאָ קיין געגנער פון די אלע וויכטיגע ווארהייטען, איז עס לחלוטין נויטיג אויסצוטראכטען אזוינע געגנער און אריינלעגען זיי אין מויל די שטארקסטע ארגומענטען, וואס דער פעהיגסטער שטן מקטרג וואָלט געקענט אויסקלערען.

כדי אָבצושוואכען די קראפט פון אָט די געדאנקען קען מען זיך פאָרשטעלען, אז א פיינד פון פרייער דיסקוסיאָן וועט זאָגען: ניין, עס איז גאָר ניט נויטיג, אז אלע מענשען בכלל זאָלען וויסען און פערשטעהן אלץ, וואָס פילאָזאָפען און טעאָלאָגען קענען בעווייזען פאר אָדער געגען זייערע מיינונגען. עס איז ניט

נויטיג, אז פראָסטע מענשען זאָלען קענען אויפדעקען די שוואכ־קייטען און די פאַלשע בעהויפּטונגען פון א שארפען געגנער. עס איז גענוג, אויב עס איז אלעמאָל דאָ ווער עס איז, וואָס קען פערענטפערן אלע קשיות, כדי אז קיין ארגועמנט, וואָס קען פער־פיהרען די אונוויסענדע, זאָל ניט בלייבען אונפערענטפערט. איינ־מאָל האָט מען די איינפאכע קעפּ אויסגעלערנט די אויבענאויפי־גע בעווייזען פון די אַנגענומענע ווארהייטען, מעגען זיי שוין זיך פערלאָזען אין אלע איבעריגע פּונקטען אויף די גדולים; און ווי־סענדיג, אז אליין האָבען זיי ניט דעם טאלאנט און ניט די קענט־ניסע צו ענטפערן יעדע קלאָץ־קשיא, וואָס מען קען שטעלען, קע־נען זיי זיך רוהיג פערלאָזען, אז אָט די אלע קשיות זיינען שוין פערענטפערט געוואָרען, אָדער קענען פערענטפערט ווערען, פון די, וועלכע זיינען ספּעציעל געלערנט אויף דעם.

אפילו ווען מען זאָל מודה זיין אין די אלע טענות, וואָס אָט די מענשען, וועלכע זיינען ניט מקפּיד אויף דער סומע פון פער־שטאנד, וואָס מוז בעגלייטען דעם גלויבען, האָבען אריינגעלעגט אין דעם דאָזיגען בליק, בלייבט דאָך דער ארגומענט פ א ר פריי־ער דיסקוסיאָן בשום אופן ניט אָבגעשוואכט· ווארים אפילו אָט די לעהרע איז דאָך מודה, אז די מענשהייט מוז האָבען א קלאָרע פערזיכערונג, אז אלע קשיות זיינען ריכטיג פערענטפערט גע־וואָרען. און ווי אזוי קענען זיי פערענטפערט ווערען, אויב דאָס, וואָס פאָדערט אן ענטפער, ווערט גאָר פון מויל ניט ארויסגע־בראכט? אָדער ווי אזוי קען מען וויסען, אז דער תירוץ איז א ריכטיגער, אויב די געגנער האָבען קיין געלעגענהייט ניט צו בע־ווייזען, אז ער איז ניט קיין ריכטיגער? אויב ניט דער המון, מוזען דאָך לכל הפּחות די פילאָזאָפען און טעאָלאָגען, וועלכע דאר־פען וויסען וואָס צו ענטפערן, אליין גוט בעקאנט ווערען מיט די קשיות אויפ'ן טיעפסטען אופן; און דאָס איז אונמעגליך, סיי־דען מען קען שטעלען די קשיות גאנץ פריי און אין בעסטען ליכט, וואָס קען ארויסברייינגען די גאנצע שארפקייט, וואָס זיי האָ־בען. די קאטוילישע קירכע האָט איהר אייגענעם וועג ווי אויס־

צודרעהען זיך פון אַט דער פערלעגענהייט. זי מאַכט א בריי־טען אבטייל צווישען די, וועמען מען קען ערלויבען צו האלטען איהרע לעהרען מיט איבערצייגונג, און די אנדערע, וועלכע מו־זען איהר גלויבען אויפ׳ן וואָרט. דאָס הייסט, אננעהמען איה־רע לעהרען מוזען אלע; נור זי ערלויבט יענע גלחים, צו וועל־מען זי האָט א פולען צוטרויען, צו לעזען אפיקורסישע ביכער און ווערען בעקאנט מיט זייערע ארגומענטען, כדי צו וויסען וואָס צו ענטפערן אויף זיי; בעת דער עולם טאָר זיי קיינמאָל ניט לעזען, סיידען דורך א ספּעציעלע ערלויבנים, וועלכע איז זעהר שווער צו בעקומען. אָט די דיסציפּלין אנערקענט, הייסט עס, אז פער־שטעהן דעם פיינד׳ס פּאָזיציע איז א גאנץ ניצליכע זאך פאר די לעהרער; זי געפינט אָבער מיטלען, וועלכע זיינען פאר איהר ניט קיין סתירה דעם גאנצען איבעריגען עולם דאָס ניט צו ער־לויבען; אויף דעם אופן גיט זי די „אויסערוועהלטע" מעהר גייס־טיגע בילדונג, הגם ניט מעהר גייסטיגע פרייהייט, ווי זי גיט דעם גאנצען המון. דורך אָט דעם פּאָרטעל פּועלט זי צו קריגען א מין גייסטיגע העכערקייט, וועלכע זי דאַרף פאר איהרע צוועקען; וואָ־רים הגם בילדונג אָהן פרייהייט האָט קיינמאָל ניט געשאפען קיין גרויסע ליבעראַלע גייסטער, קען עס אָבער שאפען א געשיקטען אדוואָקאט צו פערטיידיגען איהר זאך. אין פּראָטעסטאנטישע לענ־דער אָבער איז דער מיטעל אויך ניטאָ; ווארים זיי האלטען דאָך, צום ווענינגסטען אין טעאָריע, אז יעדער מענש איז פעראנטוואָרט־ליך צו זיך אליין פאר דעם גלויבען, וואס ער קלייבט זיך אויס, און ער קען די שולד ניט אראָבוואַרפען פון זיך און ארויפוואַרפען זי אויף די לעהרער. אויסערדעם, איז היינטיגע צייטען פּראקטיש אונמעגליך אָבצוהאלטען די ניט־געלערנטע פון אריינצוקוקען אין די ביכער, וואָס די געלערנטע מעגען לעזען. אויב דעריבער, די לעהרער פון דער מענשהייט דארפען זיין בעקאנט מיט אלץ, וועגען וואָס זיי זיינען מחויב צו האָבען א ידיעה, מוז יעדע זאך זיין פריי צו ווערען געשריבען און געדרוקט אָהן א שום אָבהאלט.

אויב, על כל פנים, די צרה פון ניט־טאָרען דיסקוטירען אָנ־

געגומענע מײנונגען, װען זײ זײנען ריכטיגע, איז נור װאָס מענשען בלײבען אונװיסענד אין די גרינדע פון די דאָזיגע מײנונגען, װאָלט מען נאָך געקענט דײנקען, אז דאָס איז נור א האלבע צרה: װארים אויב עס איז א שאָדען פאר׳ן פערשטאנד, איז עס ניט קײן היזק פאר דער מאָראל, און עס פערקלענערט ניט דעם װערטה פון די אָנגענומענע מײנונגען אין פּרט פון זײער אײנפלוס אויפ׳ן מענשליכען כאראקטער. דער פאקט איז אָבער, אז ניט נור װערען די טעמים פערגעסען, װען עס איז ניטאָ קײן פרײע דיסקוסיאָן, נור צו־אָפט װערט דער זין גופא פון דער מײנונג אויך פערגעסען. די װערטער הערען אויף ארויסצורופען געדאנקען, אדער זײ רופען ארויס נור א קלײנעם טײל פון יענע געדאנקען, װעלכע די װערטער האָבען איבערגעגעבען אין אָנפאנג. אנשטאָט א לעבעדיגען בעגריף און א צאפּלעדיגען גלויבען בלײבען נור עטליכע פראזען, װאָס די געװאוינהײט האָט ארײנגעהאקט אין זכרון; אָדער אויב עס איז נאָך פערבליבען א ברעקעל בעגריף, איז דאָס נור די קאָרע און די מעקענע פון דער מײנונג, דער אײדעלער עסענץ איהרער איז פערלאָרען. דער גרויסער קאפּיטעל פון דער מענשליכער געשיכטע, װעלכער איז פערנומען און אויסגעפילט מיט אָט דעם פאקט, פערדינט מען זאָל איהם גוט שטודירען און מען זאָל זעהר ערנסט נאָכדײנקען איבער איהם.

מען קען געפינען בײשפּיעלען פון דעם דאָזיגען פאקט אין דער ערפאהרונג פון כמעט אלע עטהישע דאָקטרינען און רעליגיעזע גלויבענס. זײ זײנען אלע פול מיט לעבענסקראפט און האָבען א טיעפען זין פאר זײערע ערפינדער און פאר די ערפינדערס דירעקטע תלמידים. זײער זין האלט זיך מיט דערזעלבער קראפט און װערט נאָך אפשר קלערער אין בעװאוסטזײן, כל זמן די דאָקטרינע אָדער דער גלויבען קעמפּפט גובר צו זײן די אנדערע גלויבענס. דער סוף איז, אָדער זי געװינט דעם קאמפּף און װערט אָנגענומען, אָדער זי הערט אויף צו פּראָגרעסירען; דעם באָדען, װאָס זי האָט געװאונען, האלט זי, אבער אויסשפּרײטען זיך װײטער קען זי ניט. סײ װי סײ, די װיכוחים װערען אלץ שװא־

כער, ביז זיי שטארבען אָב בּיסלעכוויים גאָר אין גאנצען. **די** דאָקטרינע ווערט א תושב; אויב זי ווערט ניט די הויפּט תורה פון לאנד, קריגט זי איהר בירגער־רעכט ווי אן אנגענומענע סעק־טע אָדער א בעשטימטע שולע. די, וואס האלטען זי, האָבען זי געוועהנליך געקריגען בירושה, ניט אליין זיי אויסגעוועהלט; און אזוי ווי איבערגעהן פון איין גלויבען צו אנאנדערן קומט איצט נור זעל־טען פאָר, האָבען זייערע לעהרער ניט מעהר וועגען וואָס זיך ארומ־צורייסען. אנשטאט וואָס אין אָנפאנג זיינען זיי תמיד געשטאנען אויפ'ן וואך, אָדער צו פערטיידיגען זיך אנטקעגען די וועלט, אָדער איבערצורעדען די וועלט צו קומען צו זיי, האָבען זיי ביס־לעכוויים זיך בערוהיגט, און הערען זיך ניט צו, אויב עס לאָזט זיך, צו ארגומענטען **געגען** זייער גלויבען, ניט זיי רייסען זיך מיט די אָבטריניגע (אויב עס זיינען פאראן אזעלכע), **פאר** זייער גלויבען. פון דער צייט אָן קען מען געוועהנליך רעכענען, ווען די לעבענסקראפט פון זייער דאָקטרינע הויבט אָן פערוועלקט צו ווערען.

מיר הערען אָפט, ווי די לעהרער פון אלע גלויבענס בעדויערן די שווערקייט אויפצוהאלטען אין די הערצער פון די גלויביגע א לעבעדיגען בעגריף פון דער ווארהייט, וואָס זיי האלטען מיט'ן מויל, בכדי זי זאָל קענען דורכנעהמען זייערע געפיהלען און גע־ווינען א ווירקליכע מאכט איבער זייערע פיהרונגען. ווען דער גלויבען האלט נאָך אין קעמפּפען פאר זיין עקזיסטענץ, יעמאָלט קלאגט מען זיך ניט אויף אזעלכע שוועריגקייטען: יעמאָלט פיה־לען און וויסען אפילו די שוואכערע קעמפּפער, פאר וואס זיי קעמפּפען, און וואס דער חילוק איז צווישען זייערע און אנדערע דאָקטרינען. אין יענער לעבענס־פעריאָדע פון יעדער אמונה קען מען געפינען א היבש ביסעל מענשען, וועלכע האָבען דורכגע־מאכט די פונדאמענטאלע פּרינציפּען פון דער אמונה אין אלע פאָרמען פון געדאנק, האָבען זיי איבערגעוועגען און איבערגע־טראכט אין אלע זייערע וויכטיגע בעציהונגען, אוז האָרען געפיהלט די גאנצע ווירקונג אויפ'ן כאראקטער, וואָס דער גלויבען אין דער אמונד ־ארף מאכען אין א מענשען, וועלכער איז אין גאנצען דורכ־

געדרונגען פון איהם. אָבער ווען די אמונה איז געוואָרען א טראַדיציע, וואָס ווערט אָנגענומען בירושה, פּאַסיוו — ווען דער געדאַנק פיהלט זיך ניט לענגער געצוואונגען אין דערזעלבער מאָס ווי פריהער אָנצוגורטען זיך מיט לעבעדיגע קרעפטען און זוכען א תירוץ אויף אַלע פראַגען, וואָס דער גלויבען רופט ארויס, הויבט אָן צו וואַקסען אַלץ מעהר די טענדענץ, צו פערגעסען דעם עיקר און בלייבען ביי דעם תפל פון די טרוקענע פאָרמען. עס ווערט געבאָרען די טבע צו־צושטימען צום גלויבען טעמפּ און פויל; אַזוי ווי האַלטען א גלויבען אויף נאמנות וואָלט איינעם בעפרייט פון דער נויטיגקייט אריינצונעהמען איהם אין קאָפּ און פּרובירען זיין ווערטה אויף דער פּראַקטיקע; ביז וואַנען די אמונה פערלירט כמעט אין גאַנצען יעדע קרובה'שאַפט מיט דעם אינערליכען לעבען פון מענשען. יעמאָלט זעהט מען גלויביגע — היינטיגע צייטען זעהט מען זיי אַזוי אָפט, אַז זיי זיינען כמעט די מאַיאָריטעט, — ביי וועמען דער גלויבען איז געבליבען שטעהן, אַזוי צו זאָגען, פון דרויסען פון זייער פערשטאַנד ארומדרעקענדיק איהם מיט א האַרטער, פערשטיינערטער שאָל, וועלכע לאָזט צו איהם ניט צו קיין איינפלוס, וואָס קען ריידען צו די העכערע טייַלען פון זייער נאַטור. די פערשטיינערטע אמונה ווייזט ארויס איהר גאַנצען כח אין דעריין, וואָס זי דערלאָזט ניט קיין לעבעדיגע, פרישע איבערצייגונג צו גרייכען צום פערשטאַנד, און לאַ־די וואָס זי גיט אַליין גאַר נישט, ניט פאַר'ן קאָפּ ,ניט פאַר'ן האַרצען, שטעהט זי ווי א וועכטער איבער זיי, צו היטען זיי זאָלען תמיד בלייבען פּוסט.

ווי ווייט דאָקטרינען, וועלכע זיינען בעצם פעהיג צו מאַכען א טיעפען איינדרוק אויף דער נשמה, קענען פערבלייבען טויטע גלויבענס, וואָס ריהרען ניט אָן, ניט דעם פערשטאַנד, ניט די געפיהלען, ניט די פאָרשטעלונגס־קראַפט, קען דיענען פאַר א ביישפּיעל דער קריסטענטום, ווי דאָס רוב קריסטען האַלטען איהם. אונטער קריסטענטום מיין איך דאַסזעלבע, וואָס אַלע קירכען און סעקטען פערשטעהען אונטער דעם: די מצוות און די געבאָט,

וועלכע געפינען זיך אין דעם נייעם טעסטאמענט (ברית חדשה). אַט די געבאָט האלטען אלע קריסטליכע גלויביגע פאר הייליג, און זיי ווערען אָנגענומען ווי געזעץ. דאָך וועט עס ניט זיין איבערטריבען ווען מיר זאָגען, אז ניט איינער פון א טויזענד קריסטען רעגולירט זיין פערזענליכען לעבען און איז זיך נוהג לויט די געבאָט נאָך. דער מאסשטאב לויט וועלכען ער איז זיך יאָ נוהג, זיינען די זיטען פון זיין נאציאָן, פון זיין קלאס. אָדער פון זיין רעליגיעזער סעקטע. אט אזוי האָט ער אויף איין זייט א זאמלונג פון עטהישע כללים, וועלכע, ער גלויבט, זיינען איהם געגעבען געוואָרען מן השמים, כדי ער זאָל וויסען ווי זיך צו פיהרען; און פון דער אנדער זייט האָט ער א גאנצע קאָמפלעקציע פון אלטעגליכע מיינונגען און געוועהנהייטען, וואָס א טייל פון זיי שטימען נאָך איין וויפיעל עס איז מיט יענע געזעץ, אנאנדער טייל שוין גאָר ווייניג, נור שטעהען אדרבא אין א דירעקטען ווידערשפרוך מיט זיי, בעת אלע צוזאמע זיינען זיי ניט מעהר ווי א קאָמפּראָמיס צווישען דעם קריסטליכען גלויבען און די אינטערעסען און מיינונגען פון וועלטליכען לעבען. די כללים פון דעם ערסטען סאָרט גיט ער אָב כבוד, דעם אנדער סאָרט — פאָלגט ער טאקי. אלע קריסטען גלויבען, אז געבענשט זיינען די אָרימע, די שפל'ע און די, וואָס עס געהט זיי שלעכט אויף דער וועלט; זיי גלויבען, אז עס איז לייכטער פאר א קעמעל דורכצוגעהן דורך דאָס לעבעל פון א נאָדעל, איידער פאר א רייכען אריינצוקומען אין די קעניגרייך פון הימעל; זיי גלובען, אז מען טאָר קיינעם ניט משפּט'ן, כדי אליין ניט גע'משפּט צו ווערען; אז שווערען זיך זאָל מען גאָר ניט; אז דעם נאכבאר מוז מען ליעב האָבען ווי זיך אליין; אז אויב איינער נעהמט זייער מאנטעל, זאָלען זיי איהם דעם ראָק אויך אוועקגעבען; אז פאר מאָרגען זאָלען זיי גאר ניט זאָרגען; אז אויב זיי ווילען זיין פאָלקאָם, זאָלען זיי פערקויפען אלץ, וואָס זיי האָבען, און דאָס אוועקגעבען צו די ארימע. זיי זיינען אין הארצען ניט פאלש, ווען זיי זאָגען, אז זיי גלויבען אין די אלע זאכען. זיי גלויבען טאקי אין דעם — אָבער ווי?

אַט אזוי ווי מענשען גלויבען אין א סך זאכען, וועלכע זיי האָבען תמיד געהערט ווי מען לויבט, אָבער קיינמאָל ניט, ווי מען דיס־קוטירט זיי. אין דעם זין אָבער פון א לעבעדיגען גלויבען, וואָס זאָל רעגולירען זייער האנדלען און וואנדלען, גלויבען זיי אין דעם נור ב י ז צום פונקט, וואָס קען מאכען אויף זיי א ווירקונג, — ווייטער ניט. אָט די תורות קומען צוניץ אויף צו פערשטאָפּען שונאים די מיילער מיט זיי, און עס איז אן אָבגעמאכטע זאך, אז וואו מען קען נור, זאָל מען זיי אלע מאָל ארויסשטעלען פאר דער אור־זאכע פון יעדער גוטער טהאט, וואָס איינער טוט פאר דעם אנ־דערן. זאָל זיי אָבער ווער עס איז דערמאָנען, אז אָט די געבאָט פאָדערן טויזענדער זאכען, וואס עס פאלט זיי גאר קיינמאָל ניט איין צו טון, — איז אן עבירה די רייד: ער וועט נור אויספיהה־רען, וואס מען וועט איהם באלד ארייגרעכענען אין דעם קלאס פון ניט־פּאָפּולערע פערזאָנען, וועלכע גיבען זיך ארויס פאר פריי־מער ווי אלע זיינען. די תורות האָבען ניט קיין אָנהאלט ביי די געוועהנליכע גלויביגע, — זיי זיינען ניט קיין קראפט, וואָס ווירקט אויפ׳ן פערשטאנד. זיי זיינען צוגעוועהנט צו האָבען דרך ארץ פאר דעם קלאנג פון די ווערטער; עס פעהלט זיי אָבער דער גע־פיהל, וועלכער קומט ארויס פון די ווערטער און בעציהט זיך אויף די זאכען גופא, און צווינגט דעם שכל ד י ז א כ ע ן אריינצו־נעהמען אין קאָפּ און זעהען, אז זיי זאָלען שטימען מיט די ווער־טער פון דער תורה. ווען עס קומט א פראגע ווי זיך נוהג צו זיין, קוקט מען זיך ארום אויף רב דעם אָדער רב יענעם, ער זאָל זיי אָנווייזען, ווי ווייט מען קען געהן פאָלגען קריסטוס׳עס תורה...

מיר קענען אָבער גאנץ זיכער זיין, אז ניט אזוי, נור גאר אויף אנאנדער אופן, האָבען זיך געפיהרט די ערסטע קריסטען. וואָלטען זיי זיך דאמאָלסט געפיהרט ווי איצטער, וואָלט דער קריסטענטום בשום אופן ניט דערלעבט צו ווערען פון אן אונ־בעקאנטער קליינער סעקטע פערהאסטע אידען די אָפיציעלע רע־ליגיאָן פון דער רוימישער אימפעריע. אויב זייערע שונאים פלע־גען אויף זיי זאָגען: „זעהט ווי אָט די קריסטען האָבען ליעב איי־

נער דעם אנדערן !" (א בעמערקונג, וועלכע היינט וועט דאכט זיך קיינער ניט מאכען), האבען זיי אודאי געמוזט האבען א לע־בעדיגערען בעגריף פון זייער גלויבען, ווי זיי האבען עס זייט דאַ־מאלסט. און דאס איז בלי ספק די הויפט סבה, פאר וואס דער קריסטענטום איצטער מאכט אזוי וועניג פארטשריט אין פרט פון אויסשפרייטען זיין הערשאפט און האלט זיך נאך אלץ, נאך 18 הונדערט יאהר ארבייט, ניט מעהר ווי אין אייראפא און צווישען אייראפעער. אפילו די שטארק רעליגיעזע קריסטען, וועלכע נעהמען זייער תורה גאנץ ערנסט און לעגען אריין אין איהר א סך מעהר מיינונג ווי דאס רוב מענשען טוען, — אפילו ביי זיי אין קאפ איז געוועהנליך יענער טייל פון די געבאט מעהר לעבעדיג, אין פערגלייך מיט די אנדערע, וועלכער איז געמאכט געווארען פון א ק א ל ו י ן, א נ א ק ס, אדער אנאנדער מענ־שען, וועלכער שטעהט לויט זיין כאראקטער פיעל נעהענטער צו זיי אליין. קריסטוס'ס ווערטער ליעגען זיך גאנץ פאסיוו ביי זיי אין מוח צוזאמען מיט יענע און האבען אויף זיי קיין וויר־קונג ניט, א חוץ דעם איינדרוק פון צוהערען זיך צו ליעבליכע אבער פוסטע ווערטער. עס איז קיין ספק ניט, אז עס זיינען פאַ־ראן א סך סבות, פארוואס די תורות, מיט וועלכע איין סעקטע צייכנעט זיך אויס פון אנאנדערער, האלטען איין זייער לעבעדיג־קייט מעהר, איידער יענע תורות, וועלכע אלע סעקטעס האל־טען צוזאמען, און פאר וואס זייערע לעהרער נעהמען זיך מעהר מיה צו געבען זיי א לעבעדיגע בעדייטונג; איין סבה איז אבער זיכער די, וואס די בעזונדערע תורות דיסקוטירט מען מעה־רער, און מען מוז זיי אפטער פערטיידיגען אנטקעגען אפענע געגנער. ווען עס איז ניטא קיין שונא אויפ'ן שלאכטפעלד, ווערען אי די רביים, אי די תלמידים איינגעשלאפען אויף זייערע פלעצער.

רעדענדיג בכלל, איז דיזעלבע זאך ריכטיג וועגען אלע גע־ירשנ'טע דאקטרינען — די לעהרען פון חכמת החיים, פון מאַ־ראל, אדער פון רעליגיאן. אלע שפראכען און אלע ליטעראטורען זיינען פול מיט בעמערקונגען אויפ'ן לעבען, אי מכח ו ו א ס איז

לעבען, אי מכח די אויפפיהרונגען *אין* לעבען; בעמערקונגען, וועלכע יעדער איינער ווייס, וועלכע יעדער איינער זאָגט נאָך אָדער שאָקעלט אויף דעם צו מיט׳ן קאָפּ, וועלכע מען נעהמט אָן ווי וואָכעדיגע ווארהייטען, — און דאָך זייער ריכטיגע בעדייטונג פערשטעהען מענשען ערסט דעמאָלט, ווען די ערפאהרונג, די ביטערע ערפאהרונג, האָט זיי געגעבען צו פיהלען דעם טעם פון דעם אין דער ווירקליכקייט. ווי אָפט פאסירט עס, אז ליעגענדיג אין געהאקטע וואונדען פון עפּעס אן אונערוואַרטעטען אומגליק אָדער ענטטוישונג, דערמאָנט מען זיך אָן א בעקאַנטען שפּרוך אָדער קלוג־ווערטעל, וואָס מען האָט געהערט און נאָכגעזאָגט דעם גאנצען לעבען, אָבער אז מען וואָלט פריהער געפיהלט זיין בעדייטונג אזוי טיעף ווי איצטער, לאחר המעשה, וואָלט מען אפשר גאָר צו דעם אומגליק ניט געקומען. גאַנץ געווים זיינען דאָ ערקלערונגען פאר דעם, אנדערע ווי די ערקלערונג, וואָס עס פעהלען דיסקוסיאָנען: עס זיינען פאראַן א סך ווארהייטען, וואס זייער ריכטיגע בעדייטונג *קען מען ניט* בעגרייפען, ביז וואנען די אייגענע ערפאהרונג האקט עס ניט גוט אין קאָפּ אריין. אָבער אפילו פון אָט די ווארהייטען וואָלט מען אויך געקענט פערשטעהן די בעדייטונג פיעל מעהר, און וואָס מען וואָלט פערשטאנען וואָלט געמאכט א טיעפערען איינדרוק אויפ׳ן שכל, אויב מען וואָלט געוועהנט געוועזן צו הערען ויכוחים איבער דעם, פאר און געגען, פון מענשען, וועלכע האָבען עס יאָ פערשטאנען. די טבע פון די מענשען אויפצוהערען דיינקען וועגען א זאך, וואָס שטעהט ניט מעהר אין ספק, איז די סבה פון א העלפט פון זייערע טעות׳ן. א היינטיגער שרייבער האָט דאָס גוט אויסגעדריקט: „דער טיעפער שלאָף פון א בעשלאָסענער מיינונג“.

— וואס הייסט! (וועט מען דאָ קענען פרעגען) איז גאָר דאָס *ניט*־איינשטימען דער נויטיגסטער תנאי פון קריגען ריכטיגען וויסען? איז עס נויטיג, אז א טייל פון דער מענשהייט זאָל תמיד זיין אין טעות, כדי די איבעריגע זאָלען קענען בעגרייפען די ווארהייט? ווערט א גלויבען אוים לעבעדיג און ווירקליך, אזוי

באלד ווי אלע נעהמען איהם אן? און קען מען דען קיין מיי־נונג ניט פערשטעהן דורך און דורך, און זי ניט פיהלען ריכטיג, סיידען עס בלייבט נאך אלץ א שטיקעל ספק וועגען איהר? צי דען וויבאלד די מענשהייט האט אײנשטימיג אנגענומען א ווארהייט, מוז די ווארהייט גלייך אבשטארבען ביי זיי? ביז איצט האט מען געדיינקט, אז דער העכסטער ציעל און דער בעס־טער רעזולטאט פון דער ענטוויקלונג פון מענשליכען שכל איז וואס מעהר צו פעראייניגען די מענשהייט, כדי אלע מענשען זאָ־לען אנערקענען די וויכטיגע ווארהייטען, — האט אויף דעם אופן די פערנונפט א קיום נור כל זמן אט דער צוועק איז ניט גע־גרייכט? ווערען דען די פרוכט פון א זיעג אלץ זיכערער חרוב, וואס מעהר פאלשטענדיג עס איז דער נצחון?

אזעלכע בעהויפטונגען הויב איך גאר ניט אן צו מאכען. אדרבא, איך מיין, אז וואס מעהר די מענשהייט פערבעסערט זיך, אלץ גרעסער וועט ווערען די צאהל פון די לעהרען, וועגען וועל־כע מען וועט ניט האבען קיינע ויכוחים, און עס וועט ניט זיין קיינע ספקות. מען קען מעסטען די גליקזעליגקייט פון דער מענש־הייט כמעט נאך דער צאהל נאך פון די וויכטיגע ווארהייטען, וועלכע האבען געגרייכט דעם פונקט, ווען קיינער קריעגט אויף זיי ניט מעהר. ווען איין פראגע נאך דער אנדרער הערט מיט דער צייט אויף ארויסצורופען ערנסטע ויכוחים, איז דאס איינע פון די נויטיגע פאלגען פון א פעראייניגונג פון מיינונגען — אן אחדות וואס ווירקט אזוי צו גוטען בנוגע ריכטיגע מיינונגען, ווי זי איז געפעהרליך און פערדערבליך בנוגע פאלשע מיינונגען. אבער הגם דאס, וואס ביסלעכוויים ווערט דער שטח פון חלוקי דעות אלץ שמעלער, איז א נויטווענדיגקייט, אין דעם דאפעלטען זין פון ווארט, ד. ה. אי אז עס מוז אזוי פארקומען, אי אז מען קען אהן דעם ניט אויסקומען, — זיינען מיר פון דעסטוועגען ניט מחויב צו דרינגען פון דעם, אז דער פועל יוצא פון דער אחדות איז גוט אין אלע פרטים. דער שאדען פון פערלירען אזא וויכטיגען מיטעל, ווי אזוי קלאר און לעבעדיג צו בעגרייפען א ווארהייט,

וואָס די נויטיגקייט צו פיהרען ויכוחים גיט אונז, מעג טאקי ניט זיין אזוי גרויס, אז ער זאָל קענען אריבערוועגען די מעלות פון אלגעמיינע אחדות, פון דעסטוועגען איז עס דאָך ניט קיין קליי־נער חסרון פאר אָט דער אחדות גופא. וואו מען קען שוין מעהר די נוצען פון דיסקוסיאָן ניט האָבען, בין איך זיך מודה, אז איך וואָלט געוועזען א בעלן צו זעהן, דאָס די לעהרער פון דער מענשהייט זאָלען זיך נעהמען די מיהע צו געפינען עפּעס אנאנדער מיטעל אנשטאט איהר; עפּעס א פאָרטעל וואס זאָל אזוי נאטוראלע פארשטעלען פאר דעם לערנער די שווערקייטען פון דעם ענין, אקוראט ווי עס וואָלט געשטאנען פאר זיינע אויגען א בריה א געגנער, וועלכער איז גערן איהם אָבצו׳שמד׳ן אויף אנאנדער גלויבען.

אבער אנשטאט צו זוכען נייע פאָרטלען פאר אָט דעם צוועק, האָבען זיי פערלאָרען אפילו די אלטע, וואס זיי האָבען פריהער געהאט. אזא מין פאָרטעל זיינען אמאָל געוועזען די סאָקראטישע ויכוחים (דיאלעקטיקע), פון וועלכע מען קען געפינען גרויסאר־טיגע ביישפּיעלען אין פלאטאָן׳ס „געשפרעכען". די „ויכוחים" זיינען אין עצם געוועזען א נעגאטיווע דיסקוסיאָן (א טאָמער־פער־קעהרט סברא — מ.) וועגען די גרויסע פראגען פון פילאָזאָפיע און לעבען, אָנגעפיהרט מיט א זעלטענער פעהיגקייט צו איבער־צייגען די, וועלכע האלטען זיך גלאט אזוי פון די אָנגענומענע תורות, אז זיי פערשטעהען ניט דעם ענין און בעגריפען ניט די אינערליכע בעדייטונג פון די דאָקטרינען, אין וועלכע זיי גלוי־בען. דער שכל פון דעם איז, אז ווען א מענש וועט איינזעהן, אז ער איז אונוויסענד, וועט ער אפשר זוכען צו קריגען א פעסטע מיינונג, וועלכע זאָל זיין געבויט אויף א קלאָרען בעגריף אי פון דער בעדייטונג, אי פון די בעווייזען פון דער לעהרע, וועלכע ער האלט. כמעט דעם זעלבען צוועק האָבען געהאט די „סכאָלאסטי־שע" פלפּולים פון מיטעל־אלטער. די כונה איז געוועזען צו זיין זיכער, אז דער תלמיד פערשטעהט זיין אייגענע שטה און (ממילא שוין אויך) דעם געגנער׳ס שטה און קען מיט די ריכטיגע ראיות

בעווייזען זיין צד און צוקלאפּען דעם אנדערנ'ס. אמת, די דאָזיגע פּלפּולים האָבען געהאַט דעם געפעהרליכען חסרון, וואָס זייערע גרונדזעצע זיינען ניט גענומען געוואָרען פון שכל, נור פון אויטאָריטעט; ווי א מיטעל צו שאַרפען דעם מוח זיינען זיי דעריבער אין יעדער בעציהונג געווען וועניגער וויכטיג, איידער די מעכטיגע דיאלעקטיקע פון דער סאקראטישער מעטאָדע. אָבער, אלץ צוזאמען, זיינען מיר זיי ביידען שולדיג א גרויסען חוב פאַר די נוצען, וואָס זיי האָבען געבראַכט דער ענטוויקלונג פון מאָדערנעם געדאנק — מיר זיינען זיי באמת גרעסערע בעלי־חובות, ווי מיר ווילען עס מודה זיין, — בעת די היינטיגע מעטאָדען פון בילדונג האָבען גאָרנישט, וואָס זאָל אויף וועלכען עס איז אופן קענען פערנעהמען דעם פּלאַץ פון איין מיטעל אדער פון דעם אנדערן. דער מענש, וועלכער שעפּט זיין גאנצען וויסען פון ביכער אָדער פון לעהרער, אפילו אויב ער קען ביישטעהן דעם גרויסען נסיון פון בענוגענען זיך מיט „זופען", פיהלט זיך קיינמאָל ניט געצוואונגען אויסצוהערען ביידע זייטען: דעריבער איז עס א זעלטענהייט, אפילו צווישען דיינקער, צו בעגעגענען איינעם, וואָס וויים ביידע זייטען; און ווען עס מאַכט זיך אזעלכען צו ענטפערן א געגנער, גרייט ער אָן געוועהנליך דוקא דעם שוואַכסטען ארגומענט, וואָס ער קען געברויכען פאַר זיין צד. היינטיגע צייטען איז די מאָדע צו פעראכטען די נעגאַטיווע לאָגיקע, ד. ה. די קריטיק, וועלכע צייגט אָן שוואַכקייטען אין טעאָריע אָדער פעהלערן אין פּראַקטיקע און גיט ניט אנשטאַט דעם קיין אנדערע פּאזיטיווע וואַרהייטען. אזא נעגאַטיווע קריטיק וואָלט באמת טאַקי געווען א צו־ביליגע זאַך, אויב עס וואָלט דערביי געבליבען; אָבער ווי א מיטעל צו דערגרייכען פּאזיטיווע וויסענשאַפטען און איבערצייגונגען, וואָס זאָלען ווערטה זיין דעם נאָמען, קען מען אָט די מעטאָדע צו־הויך קיינמאָל ניט אָבשאַצען. ביז וואַנען מענשען וועלען ניט ווידער געבילדעט ווערען סיסטעמאַטיש אויף דעם אופן, וועלען מיר האָבען זעהר וועניג גרויסע דיינקער און א גאַנץ נידעריגען דורכשניט פון אינטעליגענץ אין אלע צווייגען

פון דענקען, א חוץ אין די מאַטעמאַטישע און פיזישע אָבטיילונגען. אין אַלע אַנדערע ענינים פערדיענט קיינעם'ס מיינונג ניט דעם נאָמען וויסענשאַפטליך, סיידען נור ווען ער איז געווען געצוואונגען דורך אַנדערע, אָדער ער האָט אַליין פון־זיך דורכגעמאַכט דעמזעלבען גייסטיגען פּראָצעס, וואָס ער וואָלט געמוזט דורכגעהן, אָנפיהרענדיג א שטאַרקען ויכוח מיט געגנער. היינט וויבאַלד ויכוחים זיינען אַזוי אונבעדינגט נויטיג, און עס איז אַזוי שווער זיי צו שאַפען ווען זיי פעהלען, איז ווי גרויס מוז שוין זיין דער אונזין צו פאַרווערען זיי, ווען זיי באָטען זיך אַליין אָן! אויב עס זיינען פאַראַן מענשען, וואָס קריעגען אויף אָן אָנגענומענע מיינונג, אָדער זיי וואָלטען געקריעגט אויף איהר, אויב דאָס געזעץ און די עפענטליכע מיינונג וואָלט זיי געלאָזען, דאַרפען מיר זיי דאַנקען דערפאַר; דאַרפען מיר אָנשטעלען מויל און אויערן צו האָרכען וואָס זיי זאָגען, און פרעהען זיך, אויב מיר האָבען נאָך א ברעקעל אַכטונג פאַר ריכטיגע אָדער לעבעדיגע איבערצייגונגען, וואָס עס געפינען זיך מענשען וועלכע טוען פאַר אונז דאָס, וואָס מיר וואָלטען מוזען מיט פיעל מעהר מיה טון אַליין.

* * *

עס בלייבט אונז איבער צו רעדען וועגען נאָך איינע פון די הויפּטאורזאַכען פאַר וואָס חלוקי דעות ברייינגען נוצען און וועלען נאָך ברייינגען נוצען, ביז וואַנען די מענשהייט וועט גרייכען אַזא הויכע מדרגה פון גייסטיגער ענטוויקלונג, וועלכע איז דערווייַלע נאָך זעהר, זעהר ווייט פון אונז. ביז אהער האָבען מיר בעטראַכט נור צוויי מעגליכקייטען: איין פאַל, וואו די אָנגענומענע מיינונג איז א פאַלשע און בכן קען זיין אַנאַנדער מיינונג די ריכטיגע; אָדער דעם אַנדער פאַל, וואו די אָנגענומענע מיינונג איז די ריכטיגע, און עס איז וויכטיג פאַר איהר צו פיהרען א קאַמפּף מיט די טעות'ן פון איהרע געגנער, כדי אַרויסצוברייינגען א קלאָרען בעגריף און א טיעפען געפיהל פון איהר אייגענער וואַרהייט. עס איז אָבער דאָ נאָך א דריטער פאַל, וואָס טרעפט אָפטער ווי

איינער פון יענע צוויי, און דאָס איז: ווען אנשטאט וואס איינע זאָל זיין כולו אמת און די אנדערע כולו שקר, איז דער אמת צוטיילט צווישען זיי ביידען, און מען מוז האָבען די געגנערישע מיינונג צו־צולעגען דעם טייל אמת, וואָס די אָנגענומענע מיינונג האָט ניט. פּאָפּולערע מיינונגען מכח זאכען, וואָס מען קען ניט אָנטאפּען מיט די חושים, זיינען אָפט אמת, אָבער זעלטען אָדער קיינמאָל ניט אין גאנצען אמת. זיי זיינען א טייל פון דעם אמת; אמאָל דער גרעסערער, אמאָל דער קלענערער טייל, אָבער תמיד איבערטריבען, פערדרעהט און אָבגעריסען פון די אנדערע וואר־הייטען, מיט וועלכע זיי דארפען געהן צוזאמען, כדי ניט ארויּ־בערצוטרעטען דעם גרענעץ. די אפּיקורסישע מיינונגען אויף דער אנדער זייט זיינען אָפט אָט די אונטערדריקטע און פערנאכלעּ־סיגטע וואהרהייטען, וואס האָבען צוריסען פון זיך די שטריק, מיט וועלכע מען האָט זיי געהאלטען געבונדען. און, אָדער זיי זוכען א פעראייניגונג מיט דער וואהרהייט, וואָס ליגט אין דער געוועהנ־ליכער מיינונג, אָדער זיי שטעלען זיך אוועק אנטקעגען איהר ווי שונאים און קומען ארויס מיט אזא שטאָלץ, גאָר ווי זיי וואָלטען אליין געווען די גאנצע וואהרהייט. ביז אהער איז דער אנדער „אָדער" אָפטער פאָרגעקומען, ווארים אין דער מענשליכער נאַ־טור איז אלע מאָל געווען איינזייטיגקייט דער רעגעל און פיעל־זייטיגקייט די אויסנאהמע. דעריבער איז אפילו אין צייטען פון רעוואָלוציעס אין מיינונגען אויף דער פאַל, אז איין טייל פון וואהרהייט פערגעהט, בעת אנאנדער טייל געהט אויף. אפילו דער פראגרעס, וועלכער דארף דאך מוסיף זיין, בייט אויך נור דאָס רוב אום איין צוטיילטע, ניט־פאָלקאָמענע וואהרהייט אויף אנאנ־דערע; עס האָט נור די מעלה, וואָס אין דעם נייעם ברעקעל וואר־הייט נויטיגט מען זיך מעהר, און זי פאסט זיך בעסער פאר די פאָדערונגען פון דער צייט, איידער יענע וואהרהייט, וועמעס פּלאַץ זי פערנעמט.

היינט וויבאלד די הערשענדע מיינונגען האָבען אָט אזא איינזייטיגען כאראקטער, אפילו ווען זייער פונדאמענט איז א

ריכטיגער, דארף דאָך יעדע נייע מיינונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א טייל פון דער ווארהייט, וואָס יענע לאָזען ארויס, זיין זעהר טייער ביי אונז, וויפיעל זי אליין זאָל ניט זיין געמישט מיט א גאנצער מאסע טעות׳ן און פערווירונגען. קיין בעזאָנענער קע־נער פון מענשליכען לעבען איז ניט מחויב צו ווערען אויפגע־רעגט, פאר וואס יענע, וועלכע קריכען אונז אין די אויגען מיט ווארהייטען, וואָס מיר וואָלטען אָהן זיי פערזעהן, פערזעהען אליין די טיילען ווארהייט, וואָס מיר זעהען יאָ. דער מענשען־קענער וועט זיך גיכער טראכטען: פערקעהרט, כל זמן די פּאָפּולערע ווארהייט איז איינזייטיג, איז שוין גלייכער אז די ניט־פּאָפּולערע ווארהייט זאָל אויך האָבען איינזייטיגע פאָרשטעהער; וואָרים די איינזייטיגע זיינען געוועהנליך די העכסט ענערגישע טוער, און זיי וועלען גיכער צוציהען אונזער ניט־ווילענדיגע אויפמערק־זאמקייט צו זייער ברעקעל חכמה, וועלכע זיי פויקען פאנאנדער, אקוראט ווי זי וואָלט געווען די חכמה אין גאנצען.

אין 18טען יאָהרהונדערט, ווען כמעט אלע געלערנטע, ווי אויך יענע ניט־געלערנטע, וועלכע האָבען זיך געלאָזט פיהרען פון זיי, זיינען זיך צוגאנגען לויבענדיג די ציוויליזאציע און די וואונדער פון דער מאָדערנער וויסענשאפט, ליטעראטור און פילאָזאָפיע, און איבערשעצענדיג דעם חלוק צווישען די היינטיגע און פארצייטיגע מענשען, האָבען זיי הנאה געהאט צו גלויבען ,אז זיי האָבען דעם גאנצען יתרון, — וואס פאר א טייערער קלאפּ עס זיינען דאן געווען רוסאָ׳ס פּאראדאָקסען, וועלכע האָבען עקספּלאָדירט ווי באָמבעס אין זייער מיטען און האָבען צוריסען די הארטע מאסע פון איינזייטיגע מיינונגען, און האָבען געצוואונגען די איינצעלנע שטיקער צוזאמענצובינדען זיך אין א בעסערע פאָרמע, און מיט צוגעלעגטע חלקים! ניט דעריבער איז דער קלאפּ געווען טייער, ווייל די הערשענדע מיינונגען זיינען בכלל געשטאנען ווייטער פון דער ווארהייט, איידער רוסאָ׳ס מיינונגען; ניין, פערקעהרט, זיי זיינען גאר געשטאנען נעהענטער; זיי האָבען געהאט אין זיך מעהר פּאזיטיווע ווארהייט און א סך ווייניגער טעות׳ן. דאָך אָבער

איז געלעגען אין רוסא'ס לעהרע, און עס איז מיטגעשוואומען אין שטראם פון מיינונגען וואס האט דאמאלסט פערפלייצט די געזעלשאפט, א היבשע סומע פונקט פון אט יענעם סארט וואר־הייטען, וועלכע די פאפולערע מיינונגען האבען ניט געהאט: ווען די פערפלייצונג האט אויפגעהערט, זיינען אט די ווארהייטען געבליבען ליעגען ווי אן אבזעצונג אויפ'ן ברעג. די אידעען ווע־גען דעם העכערען ווערטה פון אן איינפאכען לעבען און וועגען די שעדליכקייט פון די פלאנטערס און היפאקריטסטווע פון א געקינסטעלטער געזעלשאפט זיינען ניט ארוים פון די געדאנקען פון אלע געבילדעטע קעפ זייט רוסא'ס שרייבען; און זיי וועלען נאך מיט דער צייט ברייגגען זייער ריכטיגע ווירקונג, הגם מען דארף זיי היינט נאך אויך פרעדיגען, אבער מיט טהאטען, ניט מיט ווערטער, ווארים די רייד וועגען דעם האבען שוין כמעט פערלארען זייער קראפט.

אין דער פאליטיק ווידער איז עס כמעט אן אלגעמיין אנ־גענומענער כלל, אז אי א קאנסערוואטיווע פארטיי, וועלכע האלט פאר דער ארדנונג ווי זי איז, אי א פראגרעסיווע פארטיי, וועל־כע זוכט איינצופיהרען רעפארמען, זיינען ביידע נויטיגע עלע־מענטען פאר דעם געזונדען צושטאנד פון פאליטישען לעבען. זייער נויטיגקייט וועט נור יעמאלט אויפהערען, ווען איינע אדער די אנדערע וועט האבען אזויפיעל ברייטער געמאכט איהר גייס־טיגען שטאנדפונקט, אז זי וועט זיין צוגלייך א פארטיי, אי פון ארדנונג, אי פון פראגרעס, און וועט וויסען און קענען אונטער־שיידען די זאכען, וואס דארפען בלייבען, פון די זאכען, וואס דארפען אבגעשאפט ווערען. יעדע איינע פון די פארטייען מיט זייערע בעזונדערע בליקען ציהט איהר ניצליכקייט פון די חסרונות, וואס די אנדערע האט; אבער די הויפטזאך איז די אפאזיציע, די געגנערשאפט פון דער אנדערער, וואס עס האלט יעדע איינע אין א געזונטען צושטאנד און לאזט קיינע ניט ארויסגעהן פון די גרענעצען פון פערשטאנד. כל זמן מיינונגען, וועלכע האלטען פאר א דעמאקראטישע ווי פאר אן אריסטאקראטישע רעגירונג,

וועלכע האלטען פאר פריוואט־אייגענטום ווי פאר גלייכהייט, פאר קאָאפעראציע ווי פאר קאָנקורענץ, פאר לוקסוס ווי פאר שפּאָר־זאמקייט, פאר געזעלשאפטליכקייט ווי פאר אינדיווידואליטעט, פאר פרייהייט ווי פאר דיסציפּלין, ווי פאר אלע אנדערע שטענ־דיגע היפּכים פון פּראקטישען לעבען, — כל זמן מען וועט ניט טאָרען אויסדריקען די מיינונגען פאר איין זאך ווי פאר דער אנדערער מיט דערזעלבער פרייהייט און ניט קענען פערטיידיגען די ארגומענטען מיט דערזעלבער פעהיגקייט און ענערגיע, אזוי לאנג וועלען ביידערליי עלעמענטען ניט קריעגען זייערע רעכט ווי עס קומט זיי, נור זיי וועלען זיך ביידע וויגען ווי אויף א וואָגשאָל, איינע ארויף, די אנדערע ארונטער. וואו עס איז נוגע די גרויסע פּראקטישע שייכות פון לעבען, איז די ווארהייט נישט מעהר ווי א פראגע פון פעראייניגען און מאכען שלום צווישען היפּכים, און דאָס איז אזא איידעלע שטיקעל ארבייט, אז עס איז א זעלטענהייט צו געפינען גענוג ברייטע און אונפּארטייאישע קעפּ, וועלכע זאָלען עס קענען אָבטון מיט א סמן פון פּינקטליכ־קייט: דעריבער מוז די ארבייט געטאָן ווערען אויף א גראָבען אופן, דורך א קאמפּף פון שטרייטער, וועלכע פעכטען אונטער פיינדליכע פאָהנען. אויב מיר זאָלען קלערען, וועלכער פון די ביידע צדדים אין די אויבענדערמאָנטע גרויסע, אָפענע פראגען האָט א גערעכטערע טענה און מעג פערלאנגען מען זאָל, ניט נור זיין טאָלעראנט צו איהם, נור אפילו שטיצען און צוגעבען איהם מוט, דארף עס זיין דער צד, וועלכער איז בעת מעשה דער צד פון דער מינאָריטעט. זיין מיינונג איז די, וואס פערטרעט דא־מאָלסט די פערנאכלעסיגטע אינטערעסען; ער איז דער צד פון מענשליכען וואהלזיין, וועלכער שטעהט אין סכנה צו קריגען א קלענערען חלק וויפיעל איהם קומט. איך ווייס אפילו, אז ביי אונז אין לאנד איז פאר מיינונגס־פערשידענהייטען פון דעם סאָרט ניטאָ קיין אונטאָלעראנץ; איך האָב נור געוואָלט בעוויי־זען מיט עטליכע אָנגענומענע ביישפּיעלע, ווי אלגעמיין ריכטיג דער פאקט איז, אז ביי דעם היינטיגען צושטאנד פון מענשליכען

פערשטאנד האָט די ווארהייט קיין אנדער מעגליכקייט ניט ארויס־ צואווייזען זיך פון אלע זייטען, סיידען דורך א פרייען אויסדרוק פון אלערליי חלוקי דעות. ווען נור עס געפינען זיך מענשען, וועלכע האָבען עפּעס אויסצוזעצען אנטקעגען א זאך, בנוגע צו וועלכער עס דאכט זיך, אז די גאנצע וועלט שטימט איין, און זאָל אפילו זיין אז די וועלט איז גערעכט, איז עס אלעמאָל גאנץ וואהרשיינליך, אז די געגנער האָבען עפּעס צו זאָגען וואָס עס איז ווערטה צו הערען און אז דורך זייער שווייגען וועט די וואר־ הייט עפּעס פערלירען.

„דאָך אבער, קענען אנדערע טענה'ן, זיינען פאראנען געוויסע אָנגענומענע פּרינציפּען, ספּעציעל מכח די העכסטע און וויכטיגסטע ענינים, וועלכע זיינען זיכער מעהר ווי האלבע ווארהייטען. דהיינו למשל, די קריסטליכע מאָראל איז בנוגע דעם ענין פון מאָראל טאקי די גאנצע ווארהייט, און בכן איז יעדער איינער, וואס פּרעדיגט אנאנדער מאָראל, אין גאנצען אין טעות".

— אזוי ווי אָט דער פּונקט איז אין פּראקטיקע וויכטיגער פון אלע אנדערע, איז ער טאקי דער פּאסיגסטער צו פּרובירען מיט איהם דעם אלגעמיינעם כלל. נור איידער מיר וועלען ערקלערען, וואָס די קריסטליכע מאָראל איז און וואָס זי איז ניט, איז כדאי אפּרי־ הער צו בעשליסען וואָס פערשטעהט מען איבערהויפּט אונטער דעם נאמען ק ר י ס ט ל י כ ע מאָראל. אויב מען מיינט דערביי די מאָראל פון „נייעם טעסטאמענט", וואונדערט מיר, ווי אזוי א מענש, וואָס האָט געשעפּט זיינע ידיעות וועגען דעם פון דעם בוך גופא, קען מיינען, אז דאָס, וואָס דאָרט שטעהט, איז געגעבען געוואָרען, אָדער בעצוועקט געוואָרען פאר א פאָלשטענדיגע לעהרע פון מאָראל. דער ברית חדשה בעציהט זיך נאָכאנאנד אויף א פריהערדיגע מאָראל און ער בעשריינקט זיין אייגענע תורה אויף אין גאנצען עטליכע פּרטים, וואו די פרי־ הערדיגע דארף אויסגעבעסערט ווערען, אָדער זי דארף איבער־ געהן אין א ברייטערע און העכערע מאָראל. א חוץ דעם, זיינען די געדאנקען דארטען אויסגעדריקט אין אזעלכע אלגעמיינע ווער־

טער, אז עס איז אָפּטמאָל גאָר אונמעגליך זיי צו נעהמען ווי זיי
געהען; זיי מאַכען גיכער דעם איינדרוק פון פּאָעזיע אָדער מליצה,
איידער פון גענויער געזעצגעבונג. ארויסציהען פון אָט דעם בוך
א זאמלונג פון עטהישע לעהרען איז קיינמאָל ניט געווען מעג־
ליך, סיידען מען זאָל עס ארויסקוועטשען פון אלטען טעסטאַ־
מענט (תורת משה), — א סיסטעם, וואָס איז טאקע גענוג אויס־
געארבייט, וועלכער איז אָבער אין פיעלע פּרטים א בארבארישער
סיסטעם, געמאכט פאר א בארבארישען פאָלק. סאנקט פּאָול, וועל־
כער איז געווען אן אויסגעשפּראָכענער פיינד פון דער מעטאָדע
אויסצוטייטשען די לעהרע פון זיין רבי'ן לויט דעם זין פון דער
אידישער תורה, בעציהט זיך אויך אויף א פריהערדיגע מאָראל,
אויף די גריכישע און רוימישע; און זיינע „עצות צו קריסטען"
זיינען אין א היבשען ערך א צוגעפּאסטער סיסטעם צו יענע לעה־
רען, מיט וועלכע ער געהט אזוי ווייט צוזאמען, אז ער גיט אפילו
א געוויסע הסכמה אויף שקלאפעריי. דאָס, וואָס מען רופט אָן
קריסטליכע, אָבער וואס מען דארף ריכטיגער אָנרופען, ט ע אָ־
ל אָ ג י ש ע מאָראל, איז אייגענטליך גאָר ניט געווען די ארבייט
פון קריסטוס אָדער פון זיינע אפּאָסטאָלען, נור זי שטאמט פון א
צייט שפּעטער, ווען זי איז ביסלעכוויים אויפגעבויט געוואָרען
פון דער קאטאָלישער קירכע אין די ערסטע פינף יאהרהונדער־
טען; און הגם די מאָדערנע קריסטען און די פּראָטעסטאנטען האַ־
בען זי ניט אין גאנצען אָנגענומען, איז זי אָבער א סך וועניגער
געענדערט געווארען פון זיי, ווי מען וואָלט דאָס געמעגט דער־
ווארטען. מעהרסטענטיילס האָבען זיי זיך צופרידען געשטעלט,
ארויסווארפענדיג די הוספות, וואָס די גלחים פון מיטעלאלטער
האָבען צוגעגעבען צו דער תורה; אָבער אנשטאט יענע האָט יע־
דע סעקטע צוגעלעגט איהרע אייגענע, ווי עס האָט זיך בעסער
געפּאסט לויט איהר כאראקטער נאָך. אז די מענשהייט איז שול־
דיג א גרויסען חוב צו אָט דער מאָראל און צו איהרע ערסטע לעה־
רער, בין איך ניט דער מענש אָבצולייקענען; איך וועל זיך אָבער
ניט אָבהאלטען צו זאָגען, אז זי איז אין א סך וויכטיגע פּרטים

איינזייטיג און ניט־פּאָלקאָם, און אז, אויב אנדערע אידעען און געפיהלען, צו וועלכע זי האָט ניט מסכים געווען, וואָלטען ניט געהאָלפען בילדען דעם כאראקטער פון אייראָפּייאישען לעבען, וואָלטען די מענשליכע עסקים געווען אין אן ערגערער לאגע, ווי זיי זיינען איצטער.

די קריסטליכע לעהרע (ווי זי רופט זיך) האָט אין זיך אלע סמנים פון א רעאקציע; א גרויסער טייל פון איהר איז א פּראָטעסט אנטקעגען דעם הייךענטום. איהר אידעאל איז מעהר א נעגאטיווער, איידער א פּאָזיטיווער, מעהר פּאסיוו, איידער אקטיוו; עס איז מעהר אן אידעאל פון אונשולד, איידער פון נאָבעלקייט, מעהר א לעהרע אָבצוהאלטען זיך פון צו טון שלעכטס, איידער א לעהרע ענערגיש צו שטרעבען צו טון גוטס; אין איהרע געבאָט, (ווי עס איז ריכטיג בעמערקט געווארען) הערשט מעהר די לא תעשה, דער אָנזאָג „דו זאָלסט ניט!“, איידער די עשה, דער אָנזאָג „דו זאָלסט!“ זי ציטערט אזויפיעל פאר די תאוות, אז זי האָט געמאכט אן אָבגאָט פון אסקעטיציזם (די אידעע פון פּייניגען דעם גוף — מ.). ביסלעכווייס אָבער האָבען איהרע נאָכפאָלגער זיך איינגעלאָזט אויף א פשרה מיט דעם דאָזיגען אָבגאָט און ציטערן נור פאר'ן געזעץ... די קריסטליכע מאָראל שטעלט ארויס די האָפנונג אויף עולם הבא און די מורא פאר'ן גיהנום, ווי די בעשטימטע און פאסיגע מאָטיווען פאר פיהרען א זיטליכען לעבען: אין דעם פּרט שטעהט זי פיעל ניעדעריגער, איידער די בעסטע מאָראל פון אלטערטום, ווארים זי העלפט דערמיט אוועקצושטעלען דעם עצם פון דער מענשליכער מאָראל אויף אן אייגעננוציגען פוס, אָבבינדענדיג יעדען מענשען'ס פליכט־געפיהל, פון די אינטערעסען פון זיינע מיטמענשען, א חוץ נור אויף וויפיעל זיינע אייגענע אינטערעסען ברייגגען איהם מיט צו פיהלען א התחיבות צו אנדערע מענשען. די קריסטליכע מאָראל איז אין עצם א לעהרע פון פאסיווער געהאָרכזאמקייט; זי פּרעדיגט אונטערטעניגקייט צו אלע אויפגעשטעלטע אויטאָריטעטען, ווען, טאקי אמת, מען דארף ניט פאָלגען בידים, ווען זיי

הייסען טון וואָס די רעליגיאָן פערבאָט, אָבער מען טאָר זיי ניט זיין דערווידער, אָדער ח"ו גאָר שטעלען זיך אנטקעגען, ווען זיי טוען מי יודע וויפיעל אונרעכט געגען אונז אליין. און בעת אין דער מאָראל פון די בעסטע היידען־פעלקער פערנעהמט די התחיבות צו דער געזעלשאפט גאָר א צו־גרויסען פלאַץ, אָנגרייפענדיג אפילו די גערעכטע פרייהייט פון'ם איינצעלנעם, איז אין דער ריין־קריסטליכער זיטען־לעהרע אָט די גרויסע אבטיילונג פון התחיבות'ן קוים דערמאָנט אָדער אנערקענט געוואָרען. אין קאָראן, ניט אין ברית חדשה, געפינען מיר דעם גרויסען כלל, אז „אויב א הער־שער גיט איינעם אן אמט, ווען אין זיינע לענדער געפינט זיך אנאנדער מענש, וועלכער פאסט זיך בעסער פאר דער שטעלע, זינדיגט ער אנטקעגען גאָט און דער געזעלשאפט". דאָס ביסעל פון דער אידעע פון חובות צום פובליקום, וואָס עס געפינט זיך אין דער היינטיגער מאָראל, איז עס אויך גענומען געוואָרען פון גריכישע און רוימישע קוועלען, ניט פון קריסטליכע. דאָס גלייכען אויך בנוגע די מאָראל פון פריוואט לעבען: וויפיעל מיר האָבען פון די געפיהלען פון גרויסהארציגקייט, נאָבעלקייט, פערזענליכער ווירדע, אָדער אפילו פון דעם געפיהל פון עהרע, שטאַמען זיי אלע אָב פון דאָס ריין־מענשליכע, ניט פון דעם רעליגיעזען טייל פון אונזער ערציהונג; ווארים עס איז אונמעגליך, אז אָט די מדות זאָלען קענען ארויסוואקסען פון א זיטען־לעהרע, וועלכע אנערקענט אויסדריקליך נור איין מדה פאר א יוטע — די מדה פון פאָלגען און זיין געהאָרכזאם.

איך האָב אזוי וועניג בדעה ווי ווער עס איז צו מאכען די בעהויפטונג, אז אָט די פעהלערן ליגען אין עצם פון דער קריסט־ליכע עטהיקע, אויף וואָס פאר אן אופן מען זאָל זי ניט אויס־טייטשען; אָדער אז די פיעלע פונקטען פון א פאָלקאָממענער מאָ־ראלער לעהרע, וועלכע זי האָט ניט, קענען בשום אופן ניט פער־איינינגט ווערען מיט איהר. נאָך וועניגער וואָלט איך געבראכט אזא חשד אויף די תורות און פארשריפטען, וואָס קריסטוס אליין האָט געגעבען. איך גלויב, אז קריסטוס'עס שפרוכען זיינען, ווי

ווייט איך קען דערקענען, אלץ וואָס ער האָט געוואָלט זיי זאָלען זיין; אז מען קען זיי פערבינדען מיט אלע איבעריגע פונקטען, וואָס א פאָלקאָמענע מאָראל־לעהרע דארף אין זיך איינהאלטען; אז מען קען אריינלעגען אין זיינע ווערטער אלץ, וואָס איז דאָ גרויס־ארטיגעס אין עטהיקע, און ניט אנטון דערביי מעהר געוואלט צו דער מיינונג פון זיין שפּראך, ווי אנדערע, וועלכע האָבען אין זיי געפונען א פּראקטישען סיסטעם פאר מענשליכע האנדלונ־גען, האָבען עס געטון. מיט דעם אלעם אָבער איז גאנץ מעג־ליך צו גלויבען, אז זיינע ווערטער האלטען דאָך ניט מעהר איין ווי א ט י י ל פון ווארהייט, און ער האָט גאר קיינמאָל ניט גע־מיינט זיי זאָלען איינהאלטען מעהר; אויך, אז פיעלע גרונד־עלע־מענטען פון דער העכסטער מאָראל זיינען ניטאָ און עס איז גאר קיין כונה ניט געווען זיי זאָלען זיין אין די שריפטען, וועלכע זיינען אונז איבערגעגעבען געוואָרען פון דעם גרינדער פון קרים־טענטום, — וויכטיגע עלעמענטען, וועלכע די קריסטליכע קירכע האָט דוקא אין גאנצען אויסגעלאָזען פון דעם עטהישען סיסטעם, וואָס זי האָט אויפגעבויט. און אויב אזוי, דיינק איך, אז עס איז א גרויסער טעות צו מאטערן זיך נאָכאנאנד צו געפינען אין דער קריסטליכער לעהרע אזעלכע פאָלקאָמענע כללים ווי צו פיהרען זיך אין לעבען, וועלכע איהר פערפאסער האָט נור בכונה געהאט, אז זי זאָל גוטהייסען און בעשטעטיגען, אָבער גגעבען האָט ער נים. איך גלויב אויך, אז אָט די ענגע טעאָריע ווערט פּראקטיש א געפעהרליכע סתירה פאר דער ארבייט פון מאָראלער ערציהונג און בעלערנונג, מיט וועלכער א סך גוטע מענשען הויבען זיך אָן די לעצטע צייט אָבצוגעבען. איך האָב זעהר מורא, אז אוועקלע־גענדיג כחות צו בילדען דעם גייסט און די געפיהלען אויסשליסליך נאָך א רעליגיעזען מוסטער און אוועקווארפענדיג די „וועלט־ליכע" מוסטערן, וועלכע האָבען אין די פריהערדיגע צייטען מיט־געווירקט מיט דער קריסטליכער עטהיקע, נעהמענדיג עטוואָס פון איהר גייסט און געבענדיג איהר אביסעל פון זייערען, וועט דער־פון ארויסקומען — די רעזולטאטען ווייזען זיך שוין ארויס איצ־

טער — א נידעריגער, געמיינער, שקלאפישער טיפּ פון א כאראק־
טער, וועלכע ווארפט זיך אונטער צו דאָס, וואָס ער רופט אָן דער
„העכסטער ווילען", און איז אָבער ניט בכח צו בעגרייפען און
סימפּאטיזירען מיט דאָס „העכסט גוטע". איך גלויב, אז כדי צו
שאפען א מאָראלע אויפלעבונג ביי דער מענשהייט, וועלען מוזען
עקזיסטירען צוזאמען מיט דער קריסטליכער אויך אנדערע מאָ־
ראל־לעהרען, וועלכע מען קען ניט שעפּען פון נור־קריסטליכע
קוועלען; און איך בין זיכער, אז דער קריסטליכער סיסטעם איז
ניט קיין יוצא מן הכלל; אז כל זמן דער מענשליכער פערשטאנד
איז ניט פּאָלקאָם, פּאָדערט זיך, אין די אינטערעסען פון דער
ווארהייט, עס זאָלען עקזיסטירען חלוקי דעות אויך אין דעם פּרט.
עס איז גאָר ניט נויטיג, אז ווען מען הערט אויף צו איגנאָרירען
די מאָראלע ווארהייטען, וועלכע זיינען ניטאָ אין קריסטענטום,
זאָל מען איגנאָרירען דעריבער יענע ווארהייטען, וועלכע זיינען יא
דא ביי איהם. האָבען אזעלכע פּאָראורטיילע, אדער מאכען אזא
פערזעהן, איז ארום און ארום א שלעכטע זאך; דאָס איז אָבער
אזא צרה, פון וועלכער מיר קענען ניט האָפען אלע מאָל צו זיין
פריי, און מען מוז עס פּשוט בעטראכטען ווי א פּרייז, וואָס מען
בעצאָהלט פאר זעהר א וויכטיגער טובה. מען דארף און מען מוז
פּראָטעסטירען אנטקעגען א לעהרע, וועלכע איז נור א טייל פון
ווארהייט, ווען זי האָט פּרעטענזיעס ארויסצוגעבען זיך דורכאויס
פאר דער גאנצער ווארהייט; און ווען דורך דעם אימפּעט פון א
רעאקציע ווערען די פּראָטעסטירער גופא אונגערעכט פון זייער צד,
קען מען זייער איינזייטיגקייט אויך אזוי בעדויערן ווי יענע, אָבער
מען מוז זיי דולדען. אויב קריסטען ווילען לערנען די אונגלוי־
בער צו זיין עהרליך צום קריסטענטום, מוזען זיי אליין זיין עהר־
ליך צום אונגלויבען. עס וועט קיין טובה ניט טון דער ווארהייט
צו פערבויגען דעם פאקט, וואָס אלע, וועלכע זיינען פיעל וועניג
בעקאנט מיט דער געשיכטע פון ליטעראטור, ווייסען, אז א גרוי־
סער טייל פון די העכסט נאָבעלע און וויכטיגסטע מאָראלע לעה־
רען איז געשאפען געוואָרען פון מענשען, וועלכע האָבען אָדער

גאָר ניט געקענט דעם קריסטענטום, אָדער זיי האָבען איהם יא געקענט און דוקא ניט געהאלטען פון איהם.

איך האָב ניט קיינע פּרעטענזיעס צו דיינקען, אז אויב די פרייהייט אויסצושפּרעכען אלע מעגליכע מיינונגען וועט לחלוטין ניט זיין בעשרענקט, וועט נעהמען א סוף צו אלע רעליגיעזע אָדער פילאָזאָפישע סעקטירעריי. יעדע ווארהייט, פאר וועלכער מענשען מיט ענגע מוחות כאפּען זיך אָן, וועט אלע מאָל פאנאנדערגעשמירט און אויסגעפּויקט ווערען און אויף פיעלע אופנים אויך דורכגעפיהרט ווערען, אקוראט ווי עס וואָלט קיין אנדער ווארהייט אויף דער וועלט ניט געווען, אָדער לכל הפחות, אקוראט ווי קיין אנדער ווארהייט וואָלט זי ניט געקענט ענדערען אָדער בעשריינקען. איך בין מודה, אז די טבע פון אלע מיינונגען צו פאַרמירען זיך אין סעקטען וועט אפילו דורך די פרייעסטע דיסקוסיאָנען ניט ווערען אויסגעקורירט, נור פערקעהרט דער פעהלער ווערט אָפטער דורך דעם גופא נאָך גרעסער און שטארקער: ווארים די ווארהייטען, וועלכע מען האָט געדארפט זעהן נור מען האָט ניט געזעהן, ווערען אמאָל מיט מעהר כעס צוריקגעוויזען, ווייל מען האלט זייערע פערטרעטער פאר אפּאָנענטען, פאר שונאים. אָבער מען רעדט דאָ ניט וועגען די היציגע חסידים; דער צוזאמענשטויס פון פערשיעדענע מיינונגען מאכט זיין גוטע ווירקונג אויף די רוהיגערע און וועניגער פעראינטערעסירטע מענשען. די גרויסע צרה איז ניט, וואָס עס קומען פאָר שטארקע מחליקות צווישען די שטיקלעך טיילען פון דער ווארהייט: די צרה איז, וואָס מען וויל שטילערהייט איין העלפט אין גאנצען אונטערדריקען. ווען מענשען זיינען געצוואונגען אויסצוהערען ביידע צדדים, איז נאָך דאָ א האָפנונג; הערען זיי אָבער תמיד נור איין צד, ווערען זייערע טעות'ן פערהארטעוועט אין פאָראורטיילע, און דער טייל אמת גופא פערלירט די ווירקונג פון אמת, ווייל ער ווערט איבערטריבען אין א פאלשקייט. און אזוי ווי קיין זאך איז ניט אזוי זעלטען צו געפינען, ווי די פעהיגקייט צו אורטיילען ריכטיג א פראגע, וואָס

האָט צוויי זייטען, ווען נור איין זייט איז פערטראָטען דורך אַן אדוואָקאט, האָט דעריבער די ווארהייט אַן אויסזיכט נור אין דעם ערך, אויף וויפיעל יעדע זייט איהרע, יעדע מיינונג, וואָס האלט איין דעם קלענסטען חלק פון אמת, געפינט זיך איהרע אד־וואָקאטען, און גוטע אדוואָקאטען, וועלכע קענען פועל'ן מען זאָל זיי אויסהערען.

---

מיר האָבען, הייסט עס, אויסגעפונען פיער בעזונדערע טעמים, פאר וואס די פרייהייט צו האלטען און אויסצושפּרעכען מיינונ־גען איז א נויטיגע זאך פאר דעם גייסטיגען וואהלזיין (און במילא אויך פאר'ן ג א נ צ ע ן וואהלזיין) פון דער מענשהייט. לאָמיר זיי איצטער אין קורצען איבער'חזר'ן:

ערסטענס, אויב א מיינונג איז געצוואונגען צו בלייבען שטום, קען זיין — ווער קען זיכער וויסען, אז ניט? — אז אָט די מיי־נונג איז דוקא א ריכטיגע. דאָס צו לייקענען הייסט, אז מיר האל־טען זיך אליין פאר אונפעהלבאר.

צווייטענס, אויב אפילו די אונטערדריקטע מיינונג איז א פאל־שע, קען דאָך אָבער זיין (און דאָס רוב איז עס טאקי אזוי), אז זי האלט איין א ט י י ל ווארהייט; און אזוי ווי די אלגעמיינע אָדער הערשענדע מיינונג וועגען וועלכען עס איז ענין איז זעל־טען אָדער קיינמאָל ניט די גאנצע ווארהייט, דעריבער קען דער איבערגעבליבענער טייל נור יעמאָלט האָבען א מעגליכקייט אָנגענו־מען צו ווערען, ווען אלע געגנערשע מיינונגען שטויסען זיך צו־זאמען און ווערען פריי דיסקוטירט.

דריטענס, אפילו ווען די אָנגענומענע מיינונג איז ניט נור אמת, נור דער ג א נ צ ע ר אמת, איז אויך כל זמן מען וועט ניט דערלאָזען ארויסטרעטען אנטקעגען איהר, און כל זמן עס וועלען ניט זיין אזעלכע וואָס טרעטען טאקי בפועל ממש ארויס אנטקעגען איהר, וועלען דאָס רוב פון איהרע „חסידים" פערלי־רען מיט דער צייט דעם בעגריף און דעם געפיהל פון איהר שכל'־

דיגען גרונד און זיי וועלען זי האלטען ווי מען האלט א פשוט'ן פֿאָראורטייל. און ניט נור דאָס, נור —

פיערטענס, א חוץ וואָס איהרע אָנהענגער וועלען פערגעסען איהר שכל'דיגען גרונד, איז א סכנה, אז די בעדייטונג גופא פון דער דאָקטרין וועט פערלאָרען געהן, אדער וועט ווערען אָבגעשוואכט און בערויבט פון איהר לעבעדיגער ווירקונג, וואָס זי דאַרף האָבען אויפ'ן כאראקטער און אויף די מענשליכע פיהרונגען. פון דער דאגמא ווערט פשוט א פאָרמאלנע פּראָפעסיאָן, וועלכע האָט ניט בכח צו טון גוטעס, נור זי לעגט שטיינער אויפ'ן וועג און לאָזט ניט אויסוואקסען אנאנדערע, אן אמת - דורכגעפיהלטע איבערצייגונג, צו וועלכער מען קומט מיט'ן שכל אָדער דורך אייגענער ערפאהרונג.

איידער מיר פערלאָזען דעם ענין פון מיינונגס - פרייהייט, פאסט זיך צו מאכען א בעמערקונג וועגען דעם פונקט, וואָס אייניגע האלטען, אז פריי אויסדריקען אלערליי מיינונגען דאַרף זיין ערלויבט נור בתנאי, ווען די פאָרמע איז אן אנשטענדיגע און זי טרעט ניט אריבער די גרענעצען פון אן עהרליכער דעבאטע. מילא ערסטענס, איז דאָ א סך וואָס צו זאָגען, ווי עס איז גלאט אונמעגליך אבצו'פסק'נען, וואו מען זאָל אוועקשטעלען דעם גרענעץ; ווארים אויב די פּראָבע איז, צי די דיסקוסיאָן בעליידיגט די אָנגעגריפענע געדאנקען, דיינק איך, אז די פּראַקטיקע בעווייזט, אז די אטאקירטע פיהלען זיך אלע מאָל בעליידיגט, ווען נור די אטאקע איז א שטארקע און זי טרעפט דעם פונקט: יעדער געגנער, וועלכער דריקט זיי גוט צו צום וואנד, און זיי ווייסען ניט וואָס איהם צו ענטפערען, קוקט זיי אוים ווי א מענש מיט א בייזען טעמפעראמענט, אויב ער רעדט נור מיט הארץ. אָבער הגם דאָס אליין, פון א פּראַקטישען שטאנדפונקט בעטראכט, איז שוין א גענוג וויכטיגער ארגומענט, פיהרט עס נאָך אויסער דעם צו א וויכטיגערער און מעהר פונדאמענטאלער טענה. גאנץ געוויס קען אמאָל די פאָרמע, אין וועלכער מען זאָגט ארוים א מיינונג, אפילו א ריכטיגע מיינונג, זיין זעהר ניט קיין פּאסיגע און פער-

דיענט כשר, מען זאָל זי טאדלען דערפאר. די הויפט עולות אָבער
פון דעם סאָרט זיינען דאָס רוב, סיידען מען כאפט זיך אליין אין
דעם על פי סבה, אונמעגליך צו איבערצייגען זיך אליין, אז מען
האָט עס געטאָן. ארגומענטירען סאָפיסטיש, אונטערדריקען פאק־
טען אדער ארגומענטען, איבערגעבען ניט־ריכטיג די הויפט פונק־
טען פון דער פראגע, אָדער פאָרשטעלען פאלש דעם געגנער'ס
מיינונג, זיינען די ערגסטע פון יענעם סאָרט עולות. אָבער אָט
די אלע חטאים, אפילו אין ערגסטען גראד, ווערען אזוי אָפט בעגאנ־
גען מיט א ריינעם געוויסען, פון אזויפיעל מענשען, וועלכע מען רע־
כענט ניט, און פערדיענען ניט אין א סך פרטים מען זאָל זיי רעכע־
נען, פאר אונוויסענדע אָדער אונפעהיגע, אז עס איז זעלטען ווען
מעגליך אָנצורופען מיט געווינג גרונד און א ריינעם געוויסען אָט אזא
מין האנדלונג א פשוט'ער מאָראלער פערברעכען. נאָך ווייניגער גרונד
וואָלט געווען פאר דעם געזעץ זיך אריינצומישען אין אזעלכע
ויכוחים־עולות. בנוגע צו די דיסקוסיאָנען, וועלכע מען בע־
צייכענט געוועהנליך מיט'ן נאָמען ניט־איינגעהאלטענע, ווי
דהיינו, ווען מען געברויכט גראָבקייטען, שטעכווערטלעך, פערזענ־
ליכקטען און ד. גל., וואָלט די פערדאמונג פון אזעלכע מיטלען
פערדיענט א סך מעהר סימפאטיע, אויב מען וואָלט ווען עס איז
פאָרגעשלאָגען צו פערבאָטען זיי אויף ביידע זייטען גלייך. אין
אמת'ן אָבער וויל מען זיי פערווערען צו געברויכען נור אנטקע־
גען די הערשענדע מיינונג: אנטקעגען די נייע ווער מען ניט נור
קיינעם א וואָרט ניט זאָגען דערפאר, נור אדרבא מען וועט איהם
מסתמא נאָך לויבען, פאר וואָס ער ווייזט ארויס אזא גערעכטען
אייפער און עהרליכען גרים־צאָרן. און די מעשה איז דאָך פער־
קעהרט: דער שאָדען, וואָס קומט פון אזעלכע ניט־איינגעהאל־
טענע דיסקוסיאָנען, פאלט תמיד שווערער אויף די נייע, ניט־
בעשיצטע מיינונג; בעת אלע אונעהרליכע נוצען, וועלכע מען
קען ציהען פון דעם, קריגט עס כמעט אלע מאָל נור די הער־
שענדע מיינונג אליין.

די ערגסטע עולה פון דעם סאָרט, וואָס א דעבאטאנט קען

בעגעהן, איז ארויסצושטעלען די, וועלכע האלטען פערקעהרטע מיי־נונגען פון איהם, פאר שלעכטע און אונמאָראַלישע מענשען. די פערטרעטער פון ניט־פאָפולערע מיינונגען זיינען בעזונדערס אויס־געזעצט צו ליידען פון אזעלכע פערלוימדונגען, ווייל זיי זיינען וועניג אין צאָהל, אָהן איינפלוס, און קיינעם ארט ניט צו זעהן, אז מען זאָל זיי עהרליך בעהאנדלען. זיי וויעדער קענען אזעלכע וואפען געגען די פערטרעטער פון דער הערשענדער מיינונג ניט געברויכען; ערסטענס, ווייל עס קען פשוט שטעקען אין דעם א פערזענליכע געפאהר, און צווייטענס, ווייל אזא טאקטיקע וואָלט גיכער געשאַט זייער אידעע איידער איהר גוטס געטאָן. אין אל־געמיין קען מען זאָגען, אז נייע מיינונגען, וועלכע געהען להיפך צו די אָנגענומענע, געווינען פאר זיך צוהערער נור דורך אויס־געמארקירטע געלאסענע ווערטער, און אויסמיידענדיג מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקט אלע נישט־נויטיגע בעליידיגונגען; וואָ־רים טאָמער ווייכען זיי אָב איין האָר פון וועג, פערלירען זיי באלד זייער באָדען, בעת פערקעהרט, די שרעקליכסטע פערלוימדונגען און די ביטערסטע בעשולדיגונגען, וואָס די פערטרעטער פון דער הערשענדער מיינונג קענען געברויכען, שרעקען ווירקליך אָב גע־וויסע מענשען פון אָנצונעהמען נייע מיינונגען, אָדער אפילו צו געהן הערען די, וואָס פרעדיגען זיי. עס איז דעריבער א סך וויכטיגער, אין די אינטערעסען פון ווארהייט און גערעכטיגקייט, צו בעשריינקען דעם געברויך פון בייסיגע אויסדריקען אויף דער זייט פון דער הערשענדער מיינונג, איידער אויף דער אנדער זייט; און אויב מען וואָלט, צום ביישפיעל, זיך געדארפט אויסקלייבען צווישען די ביידע, וואָלט געווען א סך נויטיגער ניט צו דערלאָזען שארף אטאקירען אפיקורסות, איידער צו פערווערען שארף אטאקירען די רעליגיאָן. עס איז אָבער גאנץ קלאָר, אז עס איז ניט דעם גע־זעץ'ס אָדער דער אויטאָריטעט'ס עסק צו פערווערען איינעם אָדער דעם אנדערן; די עפענטליכע מיינונג דארף יאָ געבען איהר פסק, לויט די אומשטענדען נאָך, אין יעדען פאל בעזונדער. זי דארף פערדאמען יעדען איינעם, אויף וועלכען צד ער זאָל ניט שטעהן,

אויב אין זיין אופן פון ארגומענטירען ווייזען זיך ארויס די שעדליכע מדות פון בייזוויליגקייט, ניט־אויפריכטיגקייט, צבוע־יאצטווע און אונטאָלעראנץ, ד. ה. זי דארף פערדאמען פאר אזעלכע מעטאָדען, ווען ווער עס איז געברויכט זיי טאקי בפועל ממש, אָבער זי טאָר בשום אופן ניט האלטען, אז ער מוז מסתמא האָבען אלע פעהלערען, ווייל ער געהערט צו יענעם צד, וועלכער איז געגען איהר. פערקעהרט ווידער, דארף די עפענטליכע מיינונג אָבגעבען כבוד יעדען איינעם, קיין חילוק וואָס פאר א מיינונגען ער זאָל ניט האלטען, וועלכער בעזיצט גענוג ישוב הדעת איינצוזעהן און גענוג עהרליכקייט ארויסצוזאָגען דעם אמת וועגען זיינע געגנער און זייערע מיינונגען, און וועלכער איבערטרייבט קיין זאך ניט, כדי זיי צו דיסקרעדיטירען, און האלט ניט צוריק קיין זאך, וואָס קען רעדען פאר זייער טובה.

דאָס איז די ריכטיגע מאָראל פון עפענטליכע דיסקוסיאָנען; און אויב אָט די מאָראל ווערט אָפט געבראָכען, מאכט מיר אָבער פרייד צו דיינקען, אז עס זיינען פאראן פיעלע דעבאטאנטען, וועלכע היטען זי אָב אין א גרויסען טייל, און נאָך א גרעסערע צאָהל דעבאטאנטען, וועלכע שטרעבען דערצו מיט זייער גאנצען הארצען.

# דריטער קאפיטעל

## די אינדיווידואַליטעט, אַלס איינער פון די עלעמענטען פון מענשליכען וואהלזיין.

נאכדעם ווי מיר האָבען ערקלערט די טעמים פאר וואָס עס איז אזוי וויכטיג, אז מענשען זאָלען זיין פריי צו קריגען מיינונגען און אויסצושפּרעכען זייערע מיינונגען אָהן אן אַבהאלט; און נאָכדעם ווי מיר האָבען בעוויזען די שעדליכע פאָלגען פאר דעם מענשליכען פערשטאנד און ממילא אויך פאר זיין מאָראַלער נאטור, אויב אָט די פרייהייט ווערט ניט בעוויליגט, אָדער מען נעהמט זי ניט אליין, ווען זי איז פערבאָטען, — לאָמיר איצטער אונטערזוכען, צי דיזעלבע טעמים פאָדערן ניט, אז מענשען זאָלען זיין פריי א ו י ס צ ו פ י ה ר ע ן זייערע מיינונגען, זיי מוציא זיין מכח אל הפועל, אָהן א שום שטערונג פון זייערע מיטמענשען, ניט פיזיש און ניט מאָראַליש, כל זמן זיי זיינען מרוצה צו נעהמען אויף זיך די אחריות פון דאָס, וואס זיי טוען.

דער לעצטער תנאי, פערשטעהט זיך, איז זעהר א נויטיגער. קיין מענש פרעטענדירט ניט, אז מעשים זאָלען זיין אזוי פריי ווי מיינונגען. אדרבא, אפילו מיינונגען פערלירען זייער פרייהייט, ווען די אומשטענדען, בעת מען שפּרעכט זיי ארויס, זיינען אזעלכע, אז דאָס אויסשפּרעכען גופא קען זיך רעכענען פאר א קלאָרע אויפרייצונג צו טון עפּעס א שעדליכען אקט. א מיינונג, דהיינו, אז תבואה־הענדלער זיינען שולדיג, וואס אָרימע לייט שטארבען פון הונגער, אָדער די מיינונג בכלל, אז־פּריוואט אייגענטום איז גזילה, טאָר ניט גע'רודפ'ט ווערען, ווען מען פערשפּרייט עס נור שריפטליך, אָבער זי קען מיט רעכט פערדיענען א שטראָף, אויב מען שרייט זי אויס אין די גאסען צו אן

אויפגערעגטען המון, וועלכער האָט זיך ארומגעקליבען ארום דאָס הויז פון א תבואה־הענדלער, אָדער מען טיילט זי אוים צו אזא המון אין דער פאָרמע פון פלוגשריפטען. אלערליי מינים אקטען, וואס טוען אָהן א גערעכטע אורזאכע דעם אנדערן א שאָדען, דאר־פען קאָנטראָלירט ווערען, און וואו עס איז נוגע וויכטיגע ענינים, מ ו ז ע ן זיי לחלוטין ווערען קאָנטראָלירט, ענטוועדער דורך דער מענשהייט'ס אויסדרוק פון אונצופרידענהייט מיט זיי, אָדער, אויב מען מוז, אפילו מיט געוואלט. אין דעם ערך מוז דעם יחיד'ס פרייהייט בעגרענעצט ווערען; ער טאָר ניט זיין אן אָנשיקעניש אויף אנדערע מענשען. אויב אָבער ער פערטשעפעט קיינעם ניט, וואו עס איז נוגע יענעם, נור ער טוט זיך זיין זאך, לויט זיין געשמאק און זיין מיינונג, וואו עס איז איהם אליין נוגע, דאמאָלסט קע־נען דיזעלבע טעמים, וואָס בעווייזען, פאר וואָס מיינונגען זאָ־לען זיין פריי, אויך דיענען צו בעווייזען, פאר וואָס ער זאָל מע־גען אָהן א שום שטערונג אויספיהרען זיינע מיינונגען אין פראק־טיקע אויף זיינע אייגענע אחריות. אז די מענשהייט איז ניט אונ־פעהלבאר; אז איהרע וואַרהייטען זיינען דאָס רוב נור האלבע וואַרהייטען; אז אחדות אין מיינונגען, סיידען די אחדות קומט ארוים פון דער העכסט פרייער און פולער פערגלייכונג מיט געג־נערשע מיינונגען, איז גאָר ניט כדאי צו ווילען, און חלוקי דעות איז גאָר ניט קיין חסרון, נור אדרבא א מעלה, כל זמן די מענש־הייט וועט ניט זיין פיעל מעהר פעהיג ווי איצטער צו זעהן אלע זייטען פון א וואַרהייט, — אָט די אלע פרינציפען קענען פונקט אזוי גוט אָנגעווענדעט ווערען אויף מענשליכע מעשים, ווי אויף זייערע מיינונגען. פונקט ווי עס איז ניצליך, אז די מענשהייט, כל זמן זי איז ניט פאָלקאָמען, זאָל האָבען פערשיידענע מיינונגען, אזוי איז אויך ניצליך, עס זאָלען זיין פערשיידענע פיהרונגען אין לעבען. עס איז נויטיג, אז די פערשיידענע כאַראַקטערען זאָלען האָבען, ווען קיינעם איז דערפון קיין היזק ניט, פרייען רוים זיך צו ענטוויקלען; אז יעדער איינער, וואָס וויל פּרובירען, זאָל קע־נען פּראקטיש בעווייזען דעם ווערטה פון פערשיידענע אופנים

פון לעבען. קורץ, עס איז ווינשענסווערטה, אז די אינדיווידואלי־טעט, דער עצם „איך" פון יעדען יחיד, זאָל קענען זיך אין גאנ־צען ארויסווייזען אין די פרטים, וואו לכתחילה איז עס דעם אנ־דערן ניט נוגע. וואו ניט דעם מענשענ'ס אייגענער כאראקטער, נור די טראַדיציע אָדער דער מנהג דיענט איהם פאר א רעגעל פון אויפפיהרונג, דאָרטען פעהלט איינער פון די הויפטטיילען פון מענשליכען גליק, און דער עיקר הויפטטייל פון אינדיווידו־עלען און געזעלשאפטליכען פראָגרעס.

האלטענדיג פון אָט דעם פרינציפּ, געפינען מיר, אז די צרה איז ניט, וואָס עס איז אזוי שווער צו שעצען די מיטלען, וועלכע פיהרען צו דעם בעשטימטען צוועק, נור פשוט וואָס די מענשען אין אלגעמיין זיינען אזוי קאלט צום צוועק גופא. ווען מען וואָלט געפיהלט, אז די פרייע ענטוויקלונג פון מענשענ'ס „איך" איז איינער פון די ערסטע עיקרים פון זיין וואָהלזיין; אז דאָס איז ניט נור איין עלעמענט, וואָס געהט האנד אין האנד מיט אַלץ, וואָס ווערט אָנגערופען קולטור, בילדונג, ציוויליזאציע, נור אז אָט די פרייע ענטוויקלונג איז אליין א נויטיגער טייל און א פאַר־בעדינגונג פאר די אלע זאכען, — ווען מען וואָלט דאָס געפיהלט, וואָלט גאר קיין סכנה ניט געווען, טאָמער וועט מען די פרייהייט ניט גענוג שעצען, און עס וואָלט אויך גאר ניט געווען אזוי מורא'דיג שווער צו געפינען דעם ריכטיגען גרעניץ צווישען דער פרייהייט פון איינצעלנעם און דעם קאָנטראָל פון דער געזעלשאפט. די צרה איז אָבער, וואס דער דורכשניטס־פערשטאנד בעגרייפט גאָר ניט, אז די פערזענליכע איניציאטיווע האָט א וועלכען עס איז אינער־ליכען ווערטה, און אז זי פערדיענט צו ווערען געאכטעט ווי א גוטע מעלה פאר זיך אליין. היות ווי די מאיאָריטעט איז צופרידען מיט די מענשליכע פיהרונגען ווי זי זיינען (ווארים זי אליין מאכט דאָך זיי זאָלען אזוי זיין), קען זי דעריבער ניט בעגרייפען, פאר וואָס די דאָזיגע פיהרונגען זאָלען ניט זיין גוט גענוג פאר יעדען איי־נעם. און ניט נור דער המון־עם, נור אפילו דאס רוב מאָראַליסטען און געזעלשאפטליכע רעפאָרמאטאָרס נעהמען אויך ניט אריין די

פערזענליכע איניציאטיווע ווי א טייל פון זייער אידעאל; אפילו
זיי קוקען אויף דעם מיט שנאה, ווי אויף א צרה'דיגע און ווידער־
שפעניגע שטערונג, וועלכע דערלאזט ניט, אז אלע זאלען זיך פיה־
רען אויף דעם אופן, ווי זיי, די רעפארמאטארס, מיינען אז עס
וואלט זיין דאס בעסטע פאר דער גאנצער מענשהייט. עס זיינען
פאראן קנאפ־וואס מענשען, מחוץ פון דייטשלאנד, וועלכע האבען
אפילו ניט מעהר ווי א בעגריף פון דער לעהרע, וואס ווילהעלם
פאן הומבאלדט, דער בעריהמטער געלעהרטער און שטאטס־מאן,
האט פערעפענטליכט אין זיין בוך „די גרענצען דער ווירקזאמקייט
דעם שטאאטעס“.*) ער זאגט דארט אזוי: „דער אמת'ער צוועק
פון מענשען, דער צוועק, וואס די אייביגע פערנונפט שרייבט
אונז פאר, ניט די אונבעשטימטע פערלאנגען, וועלכע בייטען זיך
אלע וויילע, איז די העכסטע הארמאנישע ענטוויקלונג פון אלע
קרעפטען, וואס שטעלען צוזאמען א פאלקאמענעם גאנצען מענ־
שען“. און דעריבער לערנט ער אונז, אז „דער ציעל, צו וועלכען
יעדער מענש מוז שטרעבען און וועלכען קיינע פון די, וואס ווי־
לען ווירקען אויפ'ן מענשען, טארען קיינמאל פון אויג ניט ארויס־
לאזען, איז די **אינדיווידואליטעט** פון זיין ענטוויק־
לונג און קראפט“. צוויי זאכען, לערנט ער אונז, האט מען נויטיג
פאר אט דעם צוועק: „פרייהייט און פערשיידענארטיגע אומ־
שטענדען“, פון וועמעס פעראייניגונג עס ווערען געבארען „**אינ־
דיווידועלע שטארקייט און פיעלזייטיג־
קייט**“, וועלכע שטעלען צוזאמען „**אריגינאליטעט**“.

---

*) עס איז כדאי צו בעמערקען, אז זינט דעם מחבר'ס צייט, א
50 יאהר צוריק, איז ניט אין אן ערך געשטיגען די צאהל פון די
מענשען, וועלכע האבען א קלארען בעגריף פון הומבאלדט'ס בריליאנטע־
נע געדאנקען. די וויטערע ענטוויקלונג פון זיינע אידעען דורך די
אינדיווידואליסטישע און אנארכיסטישע טעארעטיקער קען מען היינ־
טיגע צייטען מעהר געפינען אויסער דייטשלאנד, ווי אין דייטשלאנד. —
דער איבערזעצער.

דאָך, ווי ווייניג דער עולם איז געוועהנט צו הערען אזעלכע גע־ דאנקען ווי פאָן הומבאָלדט'ס, און ווי איבעררראשט ער זאָל ניט זיין צו געפינען, אז די אינדיווידואליטעט ווערט אזוי הויך געשעצט, פון דעסטוועגען קען מען זאָגען, אז דער געדאנק איז קיינעם ניט גאָר אין גאנצען פרעמד; עס איז נור א חילוק אין גראד. קיינער וועט ניט זאָגען, אז דער בעסטער כלל פאר דער מענשליכער אויפ־ פיהרונג איז צו קאָפּירען איינער דעם אנדערן. קיינער וועט ניט זאָגען, אז מענשען דארפען ניט ארייננטון אין זייער ארט לעבען, אין די פיהרונג פון זייערע עסקים עפּעס אן איינדרוק פון זייער אייגענעם אורטייל, פון זייער אייגענעם כאראקטער. פערקעהרט ווידער וואָלט געווען אן אונזין צו זאָגען, אז מענשען דארפען לע־ בען אזוי, ווי קיינער אויף דער וועלט וואָלט גאָרנישט ניט געוואוסט איידער זיי זיינען געבאָרען געוואָרען; אזוי ווי די פראקטיקע וואָלט ביז איצט אונז גאָר ניט געוויזען, אז איין ארט לעבען איז בעסער ווי אנאנדער ארט לעבען. קיינער לייקענט ניט, אז מען דארף מענשען לערנען און ערציהען אין דער יוגענד, כדי זיי זאָלען וויסען די פעסטגעשטעלטע רעזולטאטען פון דער פריהערדיגער מענשליכער ערפאהרונג. יעדער ערוואקסענער מענש אָבער דארף האָבען די פּריווילעגיע און די געלעגענהייט צו געברויכען און אויסטייטשען די ערפאהרונג אין זיין אייגענעם וועג. עס איז זיין זאך אויסצוגעפינען, וועלכער טייל פון דער בע־ וואוסטער מענשליכער ערפאהרונג פאסט זיך ריכטיג פאר זיין לאַ־ גע און פאר זיין כאראקטער. די טראדיציעס און די מנהגים פון אנדערע מענשען זיינען ביז א געוויסען גראד די עדות פון דער פראקטיקע, וואָס י ע נ ע האָבען געלערנט: עס איז השערה'דיגע עדות און אין דעם ערך דארף זיי א מענש שיינקען זיין אכטונג. אָבער ערסטענס קען זיין, אז אָדער זיי האָבען ניט געהאט גענוג ערפאהרונג, אָדער זיי האָבען דאָס ניט אויסגעטייטשט ריכטיג. צווייטענס קען זיין, אז זייער אויסטייטשונג איז געווען א ריכטי־ גע, נור זי פאסט זיך ניט פאר איהם. מנהגים ווערען געמאכט פאר געוועהנליכע אומשטענדען און פאר געוועהנליכע כאראקטערען,

און זיינע אומשטענדען אדער זיין כאראקטער קענען זיין אונגע־וועהנליכע. דריטענס, די מנהגים מעגען זיך זיין גאנץ גוטע און מעגען טאקע פאסען פאר איהם אויך, און דאך פאלגען זיי סתם דערפאר, ווייל דער מנהג איז אזוי, טויג אלץ ניט, מחמת אזא פיה־רונג וועט ניט בילדען און ניט ענטוויקלען אין איהם קיינע פון די אייגענשאפטען, מיט וועלכע א מענש צייכענט זיך אויס פון אלע אנדערע ברואים. די מענשליכע פעהיגקייטען פון בעגרייפען, אורטיילען און פיהלען אויף א געוויסען אופן; אלע גייסטיגע טהעטיגקייטען, און אפילו די בחירה פון מדות ארבייטען זיך אויס נור וועהלענדיג און איבערקלייבענדיג. דער וואס טוט עפּעס נור דעריבער, ווייל עס איז א מנהג אזוי צו טון, דער האט ניט קיין אייגענע בחירה. ער געווינט ניט קיין פראקטיקע, ניט אין קענען אונטערשיידען וואס גוט איז, ניט אין וועלען וואס גוט איז. דער כח פון שכל און פון מאראל, אזוי גוט ווי דער כח פון די מוס־קולען, ענטוויקעלט זיך נור ווען מען געברויכט איהם. ווען מען טוט עפּעס נור דערפאר, ווייל אנדערע טוען אויך אזוי, האבען די חושים ניט קיין איבונג: עס איז פונקט ווי מען גלויבט אין עפּעס, ווייל אנדערע גלויבען אויך אין דעם. ווען א מענש נעהמט אן א געוויסע מיינונג, ניט זייענדיג איבערצייגט מיט זיין שכל, אז זי איז ריכטיג, וועט דערפון זיין שכל ניט ווערען שטאר־קער, נור גיכער שוואכער: אזוי אויך ווען ער טוט עפּעס א זאך, וואס איז ניט אנגעמאסטען צו זיין כאראקטער און זיינע געפיה־לען (מען רעדט ניט, וואו עס איז נוגע פריינדשאפט אדער אנ־דערע מענשען'ס רעכט), ברייננט עס מיט, אז זיינע געפיהלען און זיין כאראקטער ווערען פויל און טעמפּ, אנשטאט ענערגיש און טהעטיג.

דער מענש, וועלכער לאזט דער וועלט, אדער זיין אייגען „וועלטעל", אויסקלייבען פאר איהם דעם פלאן פון זיין לעבען, נויטיגט זיך אין קיין אנדער פעהיגקייט, א חוץ די אבעזיאנעס פעהיגקייט — נאכצואפען. דער מענש וועלכער קלייבט זיך אויס זיין פלאן פון לעבען פאר זיך, דער געברויכט אלע זיינע פעהיג־

קייטען. אזא מענש מוז געברויכען די קראפט פון בעאָבאכטען, כדי צו זעהען; דעם פערשטאנד און די אורטיילונגס־קראפט — כדי פאָראויסצוזעהן; טהעטיגקייט כדי צו קלייבען מאטע־ריאל פאר זין בעשלוס, אונטערשיידונגס־קראפט כדי צו בעשלי־סען; און ווען ער האָט בעשלאָסען, מוז ער געברויכען שטייפקייט און זעלבסטבעהערשונג כדי צו האלטען זיך ביי זיין אָבגעמאכטען בעשלוס. און וואָס מעהר זיין אויפפיהרונג ווערט בעשלאָסען לויט זיין אייגענעם שכל און געפיהל, אלץ מעהר מאכט ער געברויך פון זיינע פעהיגקייטען, אלץ מעהר בילדעט ער זיי אויס. א מענש קען אפשר אָהן די אלע זאכען אויך אויסגעהיט ווערען פון שלעכטס און געפיהרט ווערען אויף א גוטען וועג; אָבער וואס פאר א ווערטה אין פערגלייך קען אזא איינער האָבען אלס מענש? ווירק־ליך וויכטיג איז ניט נור וואָס מענשען ט ו ע ן, נור וואס פאר א מ ע נ ש ע ן זיי זיינען די, וואס טוען עס. דער ערסטער אין וויכטיגקייט פון אלע מענשליכע ווערק, פאר וועלכע מען גיט דעם לעבען אוועק כדי זיי צו מאכען שעהנער און פאָלקאָמאָנער, איז גאנץ געוויס דער מענש אליין. שטעלט זיך פאָר, אז עס וואָלט מעגליך געווען צו בויען הייזער, צו מאכען תבואה זאל וואקסען, האלטען מלחמות, אָנפיהרען משפטים, בויען שולען און אפילו מתפלל זיין דאָרטען, אלץ דורך מאשינעריע, דורך אויטאָמאטען אין מענשליכער געשטאלט; — עס וואָלט געווען א היבשער היזק צו פערבייטען אויף אזעלכע אויטאָמאטען אפילו די היינטיגע מע־נער און פרויען פון דער ציוויליזירטער וועלט, וועלכע זיינען לכל הדעות ניט מעהר ווי פערדארטע עקזעמפּלארען פון דאָס, וואָס די נאטור קען און וועט שאפען. די מענשליכע נאטור איז ניט קיין מאשינע, וועלכע מען בויט נאָך א מוסטער און מען שטעלט זי אָן אקוראטנע אָבצוטון דאס, וואס מען האָט פריהער אויסגע־רעכענט: זי איז א בוים, וועלכער וויל זיך פאנאנדערוואקסען און ענטוויקלען אויף אלע זייטען, ווי עס פאָדערן זיינע אינערליכע קרעפטען, וועלכע מאכען איהם פאר א לעבעדיגע זאך.

מען וועט אונז מסתמא מודה זיין, אז עס איז טאקי כדאי

מענשען זאָלען בילדען זייער פערשטאנד, און אז פאָלגען א מנהג מיט שכל, אדער אפילו ווען ניט ווען אָבטרעטען מיט שכל פון א מנהג, איז בעסער איידער פאָלגען בלינדערהייט און סתם אזוי, מעכאניש. ביז א געוויסען גראד איז מען אפילו מודה, אז א שכל דארף מען האָבען אן אייגענעם; אָבער אז מען דארף אויך האָבען אייגענע פערלאנגען, אן אייגענעם ווילען און תשוקות (אימפולסען), אָדער אז אזעלכע תשוקות, איבערהויפט נאָך שטארקע, זיינען ניט א געפאהר און א נסיון פאר א מענשען, — דאָס וויל מען שוין ניט מודה זיין. און דאָך, זיינען די פערלאנגען און אימפולסען פונקט אזויפיעל א טייל פון דעם פאָלקאָמענעם מענשען, ווי זיינע מיינונגען און ווי די פעהיגקייט גופא צו קענען זיך גובר זיין. שטארקע אימפולסען זיינען געפעהרליך, ווען זיי זיינען ניט ריכטיג באלאנסירט, ד. ה. ווען איין סדר פון בעשטרעבונגען און צוועקען איז שטארק ענטוויקעלט, בעת אנדערע סדרים, וועלכע דארפען זיך געפינען צוזאמען מיט איהם, בלייבען שוואך און ניטטהעטיג. מענשען פיהרען זיך אויף שלעכט, ניט ווייל זייערע געלוסטען זיינען צו־שטארק, נור ווייל זייער ג ע ו ו י ס ע ן איז צו־שוואך. קיין נאטירליכע פערבינדונג צווישען שטארקע געלוסטען און א שוואכען געוויסען איז ניטאָ. אדרבא, די נאטירליכע פערבינדונג איז פונקט פערקעהרט. זאָגט אויף א מענשען, אז זיינע געפיהלען און פערלאנגען זיינען שטארקער און מעהר פערשידענארטיג איידער אנאנדערנ'ס, זאָגט איהר נור דערמיט, אז ער בעזיצט מעהר איידער אנאנדערער דעם רויען מאטעריאל, פון וועלכען די מענשליכע נאטור ווערט געבויט; און דעריבער איז ער אפשר מעהר מסוגל צו טון שלעכטס, אָבער דערפאר אויך אודאי מעהר צו טון גוטס. שטארקע אימפולסען — דאָס איז נור אנאנדער נאמען פאר ענערגיע. ענערגיע קען בענוצט ווערען צו טון שלעכטס, אָבער מעהר גוטעס קען תמיד אויפגעטאָן ווערען פון אן ענערגישער נאטור, איידער פון א פוילער און אָבגעלאָזענער נאטור. די, וועלכע האָבען די מעהרסטע נאטור־געפיהלען, זיינען די מענשען, וועמעס קולטור־געפיהלען קענען ווערען די שטארקסטע.

די שטארקע עמפפענגליכקייט פון א מענשענ'ס נאטור, וועלכע מאכט לעבעדיג און קרעפטיג זיינע פערזענליכע אימפולסען, איז אויך דער קוואל פון וואנען עס נעהמט זיך די ליידענשאפטליכע ליעבשאפט צו גוטע מדות, און דער מקור פון דער שטרענגסטער זעלבסטבעהערשונג. נור יעמאלט, ווען די געזעלשאפט בילדעט אט די נאטור־געפיהלען, טוט זי איהר פליכט און בעשיצט אויך איהרע אינטערעסען; ניט ווען זי פער'מיאוסט דעם שטאף, פון וועלכען העלדען ווערען בעשאפען, דערפאר ווייל זי וויים ניט ווי מען בעשאפט זיי. א מענש, וועמענס פערלאנגען און אימפולסען זיינען ווירקליך זיינע אייגענע — דער אויסדרוק פון זיין אייגענער נאטור, ענטוויקעלט און געענדערט דורך זיין אייגענע בילדונג, — דער מענש, קען מען זאגען, האט א כאראקטער. דער אבער, וועמענס פערלאנגען און אימפולסען זיינען ניט זיינע אייגענע, האט אזוי א כאראקטער, ווי א דאמפף־מאשין האט א כאראקטער. אויב איינער האט ניט נור אייגענע, נור אויך שטארקע אימפולסען, און זיי זיינען בעהערשט פון א שטארקען ווילען, דאמאלסט האט ער א שטארקען כאראקטער. ווער עס דיינקט, אז עס איז ניט כדאי צו העלפען ענטוויקלען די אינדיווידואליטעט בנוגע צו די געלוסטען און אימפולסען, ביי דעם מוז הפנים אויסקומען, אז די געזעלשאפט דארף ניט האבען קיין שטארקע נאטורען, אז זי איז ניט בעסער וואס מעהר מענשען מיט כאראקטער זי האט, און אז בעזיצען דורכשניטליך א גרויסע מאס פון ענערגיע איז גאר ניט אזוי כדאי צו ווערען.

אין אמאליגע צייטען האבען אט די דאזיגע קרעפטען געקענט זיין — און זיי זיינען טאקי געווען — שטארקער פאר דער קראפט, וואס די געזעלשאפט האט געהאט זיי צו קאנטראלירען און האלטען אונטער איהר דיסציפלין. עס איז געווען אמאל א צייט, ווען עס האט זיך איינגעפונען אן איבערפלוס פון מענשען מיט איניציאטיווע און שטארקע כאראקטערען, און דער געזעלשאפטליכער פרינציפ האט געהאט צו פיהרען מיט זיי א שווערען קאמפף. די שווערקייט איז בעשטאנען אין דעם, ווי צו פועל'ן אז די קער־

פערליך אדער גייסטיג שטארקע מענשען זאָלען פאָלגען די רעגעלן,
וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען צו קאָנטראָלירען זייערע אימ־
פולסען. כדי בייצוקומען אָט די שווערקייט האָט דאס געזעץ און
די דיסציפלין, גאר ווי אמאָל די רוימישע פאפסטען אין זייער
קאמפף אנטקעגען די קסרים, אויפגעשטעלט א מאכט איבער דעם
ג א נ צ ע ן מענשען, ד. ה. זיי האָבען געזוכט צו קאָנטראָלירען
זיין ג א נ צ ע ן לעבען, כדי במילא צו קאָנטראָלירען זיין כא־
ראקטער, וועלכען די געזעלשאפט האָט ניט געקענט בינדען מיט
קיינע אנדערע מיטלען. היינטיגע צייטען אָבער האָט די געזעל־
שאפט שוין גאנץ היבש בייגעקומען די אינדיווידואליטעט, און די
געפאהר וואס שטעהט איצטער פאָר דער מענשליכער נאטור, איז
ניט דער איבערפלוס, נור פערקעהרט דער מ א נ ג ע ל פון פער־
זענליכע ווילענס און אימפולסען. די לאגע האָט זיך זעהר פיעל
געענדערט זייט יענער צייט, ווען די ליידענשאפטען פון די נאַ־
טור־שטארקע און פאָליטיש־מעכטיגע מענשען האָבען תמיד גע־
שטעלט זיך אנטקעגען די געזעצען און די רעגעלן און האָבען תמיד
געמוזט שטרענג איינגעצוימט ווערען, כדי די מענשען ארום זאָ־
לען פיעל־ווייניג זיך קענען פיהלען זיכער פון זיי. אין אונזער צייט
לעבט יעדערער, סיי ער איז פון די העכסטע, סיי פון די ני־
דעריגסטע קלאסען, אויף די אויגען, אזוי צו זאָגען, פון א פיינד־
ליכער און שרעקליכער צענזור. ניט נור וואו עס איז נוגע אנדערע,
נור אפילו וואו עס איז זיי אליין נוגע, פרעגט זיך ניט איצטער א
מענש, אדער א פאמיליע: „וואס וויל א י ך בעסער? וואס
וואָלט בעסער פאסען פאר מ י י ן נאטור און מ י י ן כאראק־
טער? וואָס וועט גיכער געבען דעם בעסטען און העכסטען טייל
פון מיין נאטור די מעגליכקייט צו וואקסען און געדייהען? זיי
פרעגען זיך אנשטאט דעם: וואס פאסט זיך בעסער פאר מיין
פ אָ ז י צ י ע אין דער געזעלשאפט? וואס טוען מענשען אין אזא
ל א ג ע ווי מיינע און אין אזא מ צ ב פ ו ן ר י י כ ט ו ם, אין
וועלכען איך בין? אָדער (וואָס איז נאָך ערגער): וואס טוען
לייט, וועלכע זיינען רייכער פאר מיר און שטעהען אין א העכערע

לאגע ווי איך? איך מיין דערמיט ניט צו זאגען, אז זיי פּאָלגען בכיון בעסער דער מאָדע, איידער זייערע אייגענע נייגונגען. ניין, עס פאלט זיי גאָר ניט איין צו האָבען אנדערע מיינונגען ווי די, וואס זיינען אין מאָדע. אָט אזוי בויגט זיך דער גייסט גופא אונ־טער׳ן יאָך: אפילו זייערע פערגעניגענס נעהמען זיי נאָך דער מאָדע נאָך; זיי האָבען ליעב וואָס דער המון האָט ליעב; ווען זיי קלייבען שוין יאָ איבער, איז דאָס נור פון די זאכען, וואָס אלע טוען. דערהויפּט אין געשמאַק־זאכען בפרט: האָבען עפּעס אן אייגענעם געשמאַק, אָדער גאָר ח"ו א זאָנדערבארע בענעה־מונג — דאָס מיידט מען אוים ווי די פּעסט. זיי פאָלגען ניט זייער נאטור אזוי לאנג, ביז עס בלייבט זיי ניט קיין אייגענע נאטור וואס צו פאָלגען: זייערע מענשליכע פעהיגקייטען ווערען אויסגעמאָרעט און פערדארט; זיי ווערען אונפעהיג צו פיהלען א שטארקען פערלאנג, אָדער א חשק צו עפּעס א נייעס סאָרט פער־גניגען. און זיי לעבען בכלל אָהן הערצליכע געפיהלען און אָהן מיינונגען, וועלכע זאָלען ריכטיג קענען הייסען אייגענע. היינט, פרעגט זיך, דארף אזוי זיין די מענשליכע נאטור, אָדער זי דארף ניט זיין אזוי?

נאָך דער קאלוויניסטישער טעאָריע נאָך קומט אוים, אז זי דארף אזוי זיין. לויט אָט דער טעאָריע איז דעם מענשען׳ס איינ־ציגער גרויסער חטא צו האָבען אן אייגענעם ווילען. אל׳דאָס גו־טע, וואס די מענשהייט קען אויפטון, בעשטעהט אין איין זאך — געהאָרכזאמקייט. דו האָסט ניט קיין ברירה, אזוי מוזטו טון און ניט אנדערש, ווארים: „וואס עס איז ניט א חוב און א מצוה צו טון, איז אן עבירה". אזוי ווי די מענשליכע נאטור איז פון גרונד אוים פערדאָרבען (כי יצר לב האדם רע מנעוריו), קען דע־ריבער ניט זיין קיין ערלייזונג, ביז וואנען די נאטור וועט ניט ווערען אין איהם געטויט. פאר דעם, וואָס האלט פון אזא בליק אויפ׳ן לעבען, איז די פערניכטונג פון אלע מענשליכע אייגענ־שאפטען, פעהיגקייטען און געפיהלען גאר ניט קיין אומגליק, ווארים וואָס דארף א מענש פעהיגקייטען א חוץ אויף צו קענען

זיך איבערגעבען אין גאנצען צום ווילען פון גאָט? און טאָמער געברויכט ער זיינע פעהיגקייטען אויף עפּעס אנאנדער צוועק, איז שוין בעסער ער זאָל זיי גאר ניט האָבען. אָט דאס איז קאלוויניזם; און עס האלטען פון דעם, נור אין עטוואָס א ווייכערער פאָרמע, א סך אנדערע, וועלכע האלטען זיך ניט פאר קאלוויניסטען. ווייכער זיינען זיי דערמיט, וואס זיי טייטשען אויס דעם אָנגענומענעם ווילען פון גאָט א ביסעל װעניגער אסקעטיש: זיי גלויבען, אז עס איז זיין רצון, אז די מענשען זאָלען יא אביסעל צופריעדען שטעלען זייערע נייגונגען; עס פערשטעהט זיך אָבער, ניט ווי זיי אליין וואָלטען דאָס געוואָלט, נור אלץ באופן פון געהארכזאמקייט, ווי די פרומע לייט הייסען זיי צו גוטען טון, דאָס הייסט, נאָך איין מוסטער, וועלכער איז גוט פאר אלעמען גלייך.

היינטיגע צייטען געפינט זיך, אויף אָט אזא מין שטילען אופן, א שטארקע טענדענץ צו האלטען פון אָט דעם ענגען בליק אויפ'ן לעבען און צו נעהמען אונטער איהר שוץ די טעאָריע פון א פערדארטען, געבונדענעם סאָרט מענשליכען כאראקטער. בלי ספק דיינקען א סך מענשען מיט'ן גאנצען הארצען, אז דער בורא האָט טאקי מכון געווען, מענשען זאָלען זיין אזעלכע פערקריפּעלטע קארליקעס: עס זיינען דאָך פאראן מענשען, וועלכע דיינקען למשל, אז ביימער זעהען אויס פיעל שעהנער, ווען מען שניידט אונטער זייערע צווייגען, אָדער מען האקט אוים פון זיי פיגורען פון חיות, איידער ווען מען לאָזט זיי וואקסען, ווי די נאטור האָט זיי געמאכט. אויב אָבער עס איז א טייל פון דער אמונה צו גלויבען, אז דער מענש איז בעשאפען געווארען פון א „אל רחמים“, שטימט דאכט זיך ריכטיגער צו גלויבען, אז אָט דער „בארמהערציגער“ האָט דעם מענשען געגעבען פעהיגקייטען, כדי זיי צו בילדען און ענטוויקלען, ניט אויסצואָווארצלען און פערדארבען, און אז ער האָט הנאה, וואס מעהר זיינע ברואים דערנעהנטערן זיך צו דעם בעגריף פון אידעאל, וועלכען ער האָט פערקערפּערט אין זיי, און וואָס מעהר זיי ענטוויקלען זייערע כחות צו פערשטעהן, טון און געניעסען. עס איז דאָ אנאנדער טיפּ פון מענשליכער גרויס־

קייט איידער דער קאלוויניסטישער: עס איז פאראן א בעגריף, אז דער מענשהייט איז געגעבען געווארען איהר נאטור פאר אנ־דערע צוועקען, איידער צו פערניכטען זי. „די זעלבסטבע־הויפטונג פון די היידען איז אזוי גוט א טייל פון מענשלי־כער גרויסקייט, ווי די קריסטליכע זעלבסטפערלייקע־נונג“, זאגט סטערלינג. עס איז דא א גריכישער אידעאל פון זעלבסטענטוויקלונג, מיט וועלכען דער פלאטאנישער און קריסטליכער אידעאל פון זעלבסטבעהערשונג געהט צוזאמען, אבער פערנעהמט ניט זיין פלאץ. עס איז אפשר בעסער צו זיין א מענש ווי דזשאהן נאקס איידער ווי אלקיביאדעס; עס איז אבער בעסער צו זיין א מענש ווי פעריקלעס, איידער ווי איינער פון יענע ביידע; און וואלטען מיר היינטיגע צייטען געהאט א פעריקלעס, וואלט זיכער אין איהם ניט געפעלט קיין גוטע זייט, וועלכע דזשאהן נאקס האט געהאט.*)

ניט ווען מען רייבט אפ יעדע בעזונדערע אייגענשאפט פון מענשען ביז עס בלייבט ביי אלעמען איין פנים, נור פערקעהרט, ווען מען ענטוויקעלט און רופט ארויס יעדען כאראקטעריסטישען צייכען, באופן וואס זאל ניט שאדען די אינטערעסען און רעכט פון אנדערע מענשען, קען ער ווערען אזא נאבעלער, גרויסאר־טיגער געוואוקס, וואס איז שעהן אויף איהם צו קוקען. און אזוי ווי א ווערק טראגט אויף זיך דעם כאראקטער פונ׳ם מייסטער, וואס האט עס געמאכט, אזוי אויך, אויף׳ן זעלבען אופן, ווערט דאס לעבען רייך, פערשיעדענפארמיג און מונטער, שאפענ־דיג רייכע שפייז פאר הויכע געדאנקען און ערהאבענע געפיהלען, און שטארקער מאכענדיג די פערבינדונג פון יחיד צום כלל, ווייל

*) דזשאהן נאקס איז געוועזען א שאטלענדישער גייסטליכער רע־פארמאטאר אין 16טען י. ה. אלקיביאדעס איז געוועזען א גריכישער גע־נעראל, 450 יאהר פאר קריסטוס. פעריקלעס איז געוועזען א בעריהמטער שטאאטס־מאן, קעמפפער, פאעט און געלעהרטער אין אטהען, גריכענ־לאנד, א יאהר 500 פאר קריסטוס. — דער איבערזעצער.

דער כלל ווערט דאמאלסט אזויפיעל מעהר ווערטה צו זיין צוגע־
בונדען צו איהם. אין דעם ערך וויפיעל זיין אינדיווידואליטעט
ענטוויקעלט זיך, אזויפיעל מעהר ווערטה קריגט ער פאר זיך און
קען אויך דעריבער האבען מעהר ווערטה פאר אנדערע. זיין איי־
גען לעבען ווערט פולער, און ווען די איינצעלנע האבען מעהר
לעבען, איז אויך פאראן מעהר לעבען אין דער מאסע, וועלכע
בעשטעהט פון איינצעלנע. אמת, מען מוז וויפיעל נויטיג איינצווי־
מען די שטארקע נאטורען, כדי זיי זאלען ניט אנגרייפען די רעכט
פון אנדערע מענשען; דאס לוינט זיך אבער אפילו פון שטאנד־
פונקט פון מענשליכער ענטוויקלונג. ווארים וואס איינער וואלט
געוואונען אין זיין ענטוויקלונג, וואלט דער אנדערער געמוזט פער־
לירען, אויב קיינער וואלט ניט זיין געשטערט צו בעפרידיגען זיי־
נע געלוסטען דורך מיטלען, וועלכע קענען אנאנדערן בריינגען
שאדען. און אפילו פאר'ן יחיד אליין לוינט זיך דאס אויך, ווייל
דורך די בעשריינקונג פון זיין ע ג א א י ס ט י ש ע ר נאטור
ווערט בעסער ענטוויקעלט דער ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע ר טייל
פון זיין נאטור. ווען מען איז געצוואונגען צו האלטען זיך שטרענג אן
די רעגעלן פון גערעכטיגקייט פון אנאנדערנ'ס טובה ווענען, ווע־
רען בעסער ענטוויקעלט די געפיהלען און די כחות, וועמעס ציעל
עס איז צו טון גוטעס צו אנדערע מענשען (די א ל ט ר ו א י ס ט י־
ש ע געפיהלען, ווי מען רופט זיי איצטער. — מ.). אבער זיין
איינגעצוימט ניט צוליב יענעמ'ס טובה, נור ווייל עס געפעלט זיי
ניט, גלאט אזוי, וואס איינער וויל טון — דאס ענטוויקעלט ניט
קיין גוטע זייט אין א מענשען, א חוץ אפשר א געוויסע שטאר־
קייט פון כאראקטער צו שטעלען זיך אנטקעגען דעם. אויב מען
פערשווייגט אזעלכע אומזיסטע איינצוימונגען, ווערט די גאנצע
מענשליכע נאטור טעמפ און אבגעשוואכט. כדי צו געבען יעדען
איינעמ'ס נאטור א פרייע געלעגענהייט, איז לחלוטין נויטיג צו
ערלויבען פערשיידענע מענשען צו פיהרען פערשיידענע לעבענס.
אין דעם ערך וויפיעל אזוינע פרייהייטען האבען עקזיסטירט אין
א געוויסער צייט, אויף אזויפיעל האט יענע צייט זיך געמאכט א

נאמען אין געשיכטע. אפילו א דעספאָטיזם ברייננגט ניט זיינע ערגסטע פרוכט, כל זמן די אינדיווידואליטעט עקזיסטירט אונ־טער איהם; פערקעהרט אבער, אלץ וואס אונטערדריקט די אינ־דיווידואליטעט איז דעספאָטיזם, מיט וואס פאר א נאמען מען זאָל דאָס ניט אָנרופען, און סיי דאָס ווערט געטון אין דעם נאמען פונ'ם ווילען פון גאָט, סיי אין דעם נאמען פון א מענשליכען געבאָט.

נאכדעם ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, אז אינדיווידואליטעט איז די זעלבע זאך וואָס ענטוויקלונג, און אז נור די אויסבילדונג פון דער אינדיווידואליטעט ברייננגט ארויס, אָדער קען ארויס־ברייננגען גוט־ענטוויקעלטע מענשען, וואָלט איך דערמיט שוין גע־קענט שליסען דעם ארגומענט. ווארים וואס נאָך קען מען זאָגען, אָדער וואס פאר א בעסערען שבח קען מען זאָגען וועגען א געווי־סען צושטאנד, ווי אז ער העלפט מענשען צו גרייכען דאס בעס־טע, וואס זיי קענען זיין? אָדער וואס קען מען זאָגען ערגערעס וועגען וועלכע עס איז מניעה פון גוטעס, ווי אז זי דערלאָזט ניט מענשען צו גרייכען דאָס בעסטע, וואס עס קען פון זיי ווערען? אָט די ארגומענטען אָבער וועלען אודאי נאָך ניט זיין גענוג צו איבערציייגען די, וועלכע נויטיגען זיך אם מעהרסטען אין איבער־צייגונג; און מען דארף אויך ווייטער בעווייזען, אז אָט די ענט־וויקעלטע מענשען ברייננגען געוויסע נוצען פאר די ניט־ענטוויקעל־טע — מען דארף אויסטייטלען פאר יענע, וועלכע האָבען קיין פערלאנג ניט נאָך פרייהייט און ווילען זיך ניט בענוצען דער־מיט, אז עס קען אמאָל גאנץ קלאָר זיך לוינען פאר זיי צו ער־לויבען אנדערע מענשען צו מאכען געברויך דערפון אונגעשטערט.

ערסטענס, מילא, וואָלט איך דערמאָנט, אז עס איז אפשר מעגליך זיי זאָלען קענען עפעס לערנען פון יענע. קיינער וועט דאָך ניט אָבלייקענען, אז אָריגינאליטעט איז זעהר א טייערע זאך פאר מענשליכע עסקים. עס איז תמיד פאראן א דוחק, ניט נור אויף מענשען וואס זאָלען ענטדעקען נייע ווארהייטען, אָדער בע־ווייזען אז די אלטע זיינען ניט וואהר, נור וואס זאָלען אויפברעכען

נייע וועגען און געבען ביישפיעלען פון מעהר אויפגעקלערטע פיהרונגען, פון בעסערע געשמאקען, פון טיעפערע בעדייטונגען פון לעבען. דאָס קען, דאכט זיך, ניט אָבגעלייקענט ווערען פון קיינעם ניט, וועלכער גלויבט ניט, אז די וועלט האט שוין דערגרייכט פאָלקאָמענהייט אין אלע איהרע וועגען און האנדלונגען. עס איז אמת, ניט אלע מענשען האָבען גלייך בכח צו געבען דער וועלט אזעלכע מתנות: עס איז פאראן נור א קליינע צאָהל אין פערגלייך מיט דער גאנצער מענשהייט, וועמעס עקספערימענטען, אז מען זאָל זיי אָננעהמען, וואָלטען זיך ארויסגעוויזען צו זיין פיעל בעסער, איידער די פיהרונגען, וואָס עקזיסטירען איצטער. אָבער טאקי אָט די קליינע צאָהל מענשען זיינען „דאָס זאלץ פון דער ערד“; אָהן זיי וואָלט דאָס מענשליכע לעבען געוואָרען ווי א גרין-פערשימעלטער געמייזאכץ. ניט נור זיינען זיי דאָס אָט די, וועלכע ברייגנען אריין די גוטע זאכען, וואָס זיינען פריהער ניט געווען, נור זיי זיינען אויך די דאָזיגע, וואָס האלטען אויף דאָס לעבען פון די זאכען, וואס זיינען שוין דאָ. און ווען עס וואָלט שוין גאָר ניט געווען, וואָס אויפצוטון נייעס, וואָלט דען דער מענשליכער שכל געווארען גאָר אן איבעריגע זאך? וואָלט עס געווען א שכל, אז די וואס טוען די אלטע זאכען זאָלען פערגעסען, פארוואָס זיי טוען עס? זאָלען עס טון ווי בהמות, ניט ווי מענשען? אפילו אונזערע בעסטע מיינונגען און פיהרונגען האָבען די טבע ארונטערצוזינקען מיט דער צייט און ווערען מעכאנישע מנהגים: ווען עס וואָלטען, איינע נאָך די אנדערע, ניט געקומען מענשען מיט פרישע, אָריגינעלע אידעען, וועלכע דערלאָזען ניט יענע מיינונגען און פיהרונגען זאָלען ווערען ביי אונז פשוט'ע טראדיציעס, וואָלט אָט דער טויטער שטאָף ניט געקענט ביישטעהן דעם קלענסטען קלאפ פון א וועלכער עס איזווירקליך לעבעדיגער קראפט און עס וואָלט קיין גרונד ניט געווען, פאר וואס די ציוויליזאציע זאָל ניט אויסשטארבען ווי אין דער ביזאנטישער אימפעריע. עס איז אמת, געניאלע מענשען זיינען און וועלען מסתמא תמיד זיין א קליינע מינאָריטעט; כדי אָבער צו האָבען

זיי, מוז מען גוט אָבהיטען דאָס פעלד, אויף וועלכען זיי וואקסען. זשעניען קענען פריי אָטעמען נור אין א לופט פון פרייהייט. זשעניען זיינען — דאָס איז פון זיך אליין געדרונגען — מעהר יחיד׳דיג ווי אנדערע מענשען, הייסט עס, אז זיי קענען ווענינער ווי אנדערע אריינשטופען זיך — און דערביי ניט גע׳ניזק׳ט ווערען פון דער קוועטשענים — אין איינעם פון די עטליכע פורעמס, וואָס די געזעלשאפט בעזאָרגט פאר איהרע מיט־גליעדער, כדי זיי איינצושפּאָרען די טרחה פון בילדען אן אייגענעם כאראקטער. אויב זיי האָבען ניט קיין מוט און לאָזען זיך אריינקוועטשען אין איינעם פון אָט די פורעמס, און לאָזען פערפאלען געהן יענעם טייל פון זיך, וועלכער קען זיך ניט אויסשפּרייטען, וועט מען דריקט איהם, וועט די געזעלשאפט זיין קנאפּוואס געהאָלפען פון זייער זשעניע. פערקעהרט, אויב זיי האָבען א שטארקען כאראקטער און זיי צוברעכען זייערע קעטען, טייטעלט דאמאָלסט אויף זיי מיט די פינגער אָט דיזעלבע געזעלשאפט, וועמען עס איז ניט געלונגען צו מאכען פון זיי מיטעלמעסיגע בירגער, און זי רופט זיי אָן „ווילדע", „ניט איינגעהאלטענע", און נאָך אזוינע נעמען. איהר שרייען האָט א פנים, ווי איינער וואָלט מתרעם געווען אויפ׳ן טייך ניאגארא, פאר וואס ער פליסט ניט אזוי שטיל און גלאטלעך, ווי עס פליסט זיך בנעימות׳דיג א האָלענדישער קאנאל צווישען זיינע געמאכטע ברעגעס...

איך בעשטעה אזוי שטארק אויף דער וויכטיגקייט פון זשעניע און אויף דער נויטיגקייט צו לאָזען איהם זיך פריי ענטוויקלען, אי אין געדאנקען, אי אויף דער פּראקטיקע, — הגם איך וויים גאנץ גוט, אז קיינער וועט מיין פּאָזיציע ניט אָבלייקענען אין טעאָריע, — ווייל איך וויים אויך, אז אין דער ווירקליכקייט איז יעדער איינער גאנץ גלייכגילטיג צו דעם. מענשען האלטען געוועהנליך די געניאליטעט (גאונות) פאר א גאנץ פיינע זאך, ווען עס גיט איינעם די פעהיגקייט אָנצושרייבען א רייצענדע פּאָעמע, אָדער אָנצומאָלען א בילד. אין דעם ריכטיגען זין אָבער פון זשעניע, אין דעם זין פון אָריגינאליטעט אין געדאנקען און טהאטען, הגם קיי־

נער זאָגט ניט, אז מען דאַרף עס ניט בעוואונדערן, דאָך אין הארצען טראַכטען זיך כמעט אלע, אז זיי קענען גאַנץ גוט אויס־קומען אָהן דעם. צום אומגליק, איז עס אַזוי נאַטירליך, אז עס איז ניטאָ זיך וואס צו וואונדערן דעריבער. אָריגינאַליטעט איז די עיקר־זאַך, וואָס ניט־אָריגינעלע מענשען קענען ניט בעגריי־פען צו וואס מען דאַרף עס. זיי קענען ניט זעהן, וואָס אָריגי־נאַליטעט קען פאַר זיי אויפטון. אין אמת'ן, ווי זאָלען זיי דאָס טאַקי זעהן? אויב זיי וואָלטען געקענט זעהן, וואס זי קען אויפ־טון פאַר זיי, וואָלט עס דאָך ניט געווען קיין אָריגינאַליטעט! די ערסטע ארבייט, וואָס די אָריגינאַליטעט דאַרף טון פאַר זיי, איז עפענען זיי די אויגען: אָבער ווייבאַלד מען וואָלט זיי איינמאָל די אויגען גוט פאַנאַנדערגעעפענט, וואָלטען זיי דאָך געהאַט א מעג־ליכקייט אליין צו ווערען אָריגינעל. דערווייל אָבער, אז מען דערמאָנט זיך, אז אלץ וואָס איז ווען געטון געוואָרען, האָט דאָס אמאָל איינער געטון דער ערסטער, און אז אלע גוטע זאכען, וואָס זיינען דאָ, זיינען די פרוכט פון אָריגינאַליטעט, איז זאָלען זיי זיין גענוג עניו'דיג צו גלויבען ,אז עס איז נאָך עד היום עפּעס גע־בליבען פאַר איהר וואָס אויפצוטון; און זאָלען זיי זיין גאַנץ זי־כער, אז וואָס ווייניגער זיי פיהלען די נויטיגקייט פון אָריגינאַ־ליטעט, אלץ מעהר האָבען זיי איהר ווירקליך נויטיג.

דער טרוקענער אמת איז, אז וויפיעל מען זאָל ניט רעדען און וויפיעל מען זאָל ניט שעצען די אמת'ע אדער כלומר'שטדיגע גאונות, די טענדענץ בכלל אין דער גאַנצער וועלט איז אַבצוטרע־טען דער מיטעלמעסיגקייט דעם וועג און לאָזען איהר עולה לגדולה זיין ביי דער מענשהייט. דער יחיד איז געווען א מאכט פאר זיך אין די גאַנץ אלטע צייטען, אין מיטעלאַלטער און — ביסלעכווייס אלץ ווייניגער און ווייניגער — אין דער לאַנגער איבערגאַנג־פּע־ריאָדע פון דעם פעאָדאַליזם ביז היינטיגער צייט; און אזעלכער, וואס האָט געהאט גרויסע טאַלאַנטען, אָדער א הויכע געזעלשאַפט־ליכע פּאָזיציע, איז דאמאָלסט געווען גאר א היבשע מאכט. היינ־טיגע צייטען ווערען די איינצעלנע פערלאָרען אינ'ם המון. פון

דער פּאָליטיק איז אָבגערעדט: די עפּענטליכע מיינונג רעגירט היינט די וועלט. די איינציג־ווירקליכע מאכט היינטיגען טאָג איז די מאכט פון די מאסען, אָדער פון די רעגירונגען, בעת זיי שטעלען מיט זיך פאָר די טענדענצען און אינסטינקטען פון די מאסען. דאָס איז א פאקט בנוגע די מאָראַלע און געזעלשאפטליכע שייכות פון פּריוואט לעבען, אזוי גוט ווי אין קהל'שע ענינים. ניט אַלע מאָל איז עס דערזעלבער סאָרט עולם, וועמעס מיינונגען עס געהן אונטער דעם נאמען די „עפּענטליכע מיינונג": אין אמעריקא, א שטייגער, איז עס די גאַנצע בעפעלקערונג פון די ווייסע (לגבי די שווארצע בעפעלקערונג. — מ.), אין ענגלאנד — דאָס רוב די מיטעלקלאסע. זיי זיינען אָבער אלע מאָל א מ א ס ע, דאָס הייסט — די מיטעלמעסיגקייט בכלל. און נאָך א גרעסערער חדוש איז, וואס די מאסען היינטיגע צייטען נעהמען שוין ניט מעהרער זייערע מיינונגען, ניט פון די גדולים פון דער קירכע און פון שטאאט, ניט פון די בעקאַנטע פיהרער, און אויך ניט פון ביכער. היינטיגע צייטען נעהמען זיי פארטיגערהייט זייערע געדאנקען פון מענשען, וואס שטעהען מיט זיי כמעט אויף איין שטופע, וועלכע ווענדען זיך צו זיי, אָדער רעדען אין זייער נאמען וואס עס קומט זיי אויס אינ'ם מאָמענט, דורך די צייטונגען. איך בעקלאָג זיך ניט אויף די אַלע זאכען. איך זאָג ניט, אז ביי היינטיגען נידעריגען מצב פון מענשליכען גייסט קען בכלל פאָרקומען עפּעס בעסערעס. אָבער דאָס ענדערט דאָך ניט דעם פאקט, אז א הערשאפט פון מיטעלמעסיגקייט איז א מיטעלמעסיגע הערשאפט...

קיין דעמאָקראטישע רעגירונג און קיין רעגירונג פון א צאהלרייכער אריסטאָקראטיע האָט זיך קיינמאָל ניט אויפגעהויבען און זיך ניט געקענט אויפהויבען, סיי אין איהר פּאָליטישען אויפטון, סיי אין די מיינונגען און אין דעם גייסטיגען טאָן, וואָס זי האָט געשאפען, העכער פאר דער מיטעלמעסיגקייט, — סיידען נור אין דעם ערך, ווי וויים דער זעלבסטשטענדיגער רבים האָט זיך געלאָזען מדריך זיין (וואָס אין זייערע בעסטע צייטען האָבען זיי עס תמיד געטון) פון די עצות און דעם איינפלוס פון א מעהר בע־

גאבטען און בעסער אונטעררריכטעטען א י י נ ע ם אָדער א י י־נ י ג ע. די איניציאטיווע פון אלע קלוגע אָדער נאָבעלע זאכען קומט און מ ו ז קומען פון איינצעלנע, און געוועהנליך צום אלעם ערס־טען — פון א י י ן איינצעלנעם. פאר'ן דורכשניטס־מענשען איז שוין דאָס אליין א כבוד און א שבח, וואס ער איז פעהיג איבערצו־נעהמען דעם איינצעלנעמ'ס איניציאטיווע; וואָס די קלוגע און נאָבעלע זאכען געפינען אן אָבקלאנג ביי איהם אין מח, און ער קען זיך לאָזען פיהרען פון זיי מיט אָפענע אויגען. איך אונטער־שטיץ דאָ ניט יענעם סאָרט „העלדען־פערעהרונג", וועלכער פאטשט בראוואָ דעם שטארקען זשעניע פאר אריינכאפּען מיט געוואלט די הערשאפט פון דער וועלט און צווינגען זי צו טון וואס ער הייסט אנטקעגען איהר ווילען. אלץ וואָס דער זשעניע קען פאָדערן, איז נור — די פרייהייט אָנצוצייגען דעם וועג. די מאכט צו צווינגען אלעמען צו געהן אויף דעם וועג, וואס ער ווייזט אָן, איז ניט נור סותר די פרייהייט און די ענטוויקלונג פון אלע אנדערע מענשען, נור עס פערדארבט איהם, דעם שטארקען מאן, גופא. עס זעהט אָבער אויס, אז וויבאלד די מיינונגען פון דעם המון פון פשוט'ע דורכשניטס־מענשען זיינען געווארען, אָדער ווערען אומעדום די הערשענדע מאכט, איז דאָס איינציגע, וואָס וואָלט געקענט זיין דאָס געגענגעוויכט און דער קאָרעקטיוו פון דער טענדענץ, די אלץ מעהר און מעהר קענטיגע אינדיווידואליטעט פון די מענשען, וועלכע שטעהען אויף די העכערע שטאפּלען פון געדאנק. אָט ביי די אומשטענדען איבערהויפּט איז עס נויטיג, אז אנשטאט זיי אָבצוהאלטען, זאָל מען די אויסנאהמס־מענשען, די יוצאים מן הכלל, צוגעבען חשק צו פיהרען זיך אנדערש ווי דער המון. ביי אנדערע צייטען איז דאָס קיין פּעולה ניט געוועזן, סיידען זיי האָ־בען זיך געפיהרט ניט נור אנדערש, נור אויך ב ע ס ע ר ווי דער המון. היינטיגע צייטען איז דער ביישפּיעל פון ניט־שטימען אליין, דאָס אָבזאָגען־זיך צו בויגען די קניע פאר'ן מנהג, שוין אליין א פּעולה. פּונקט דעריבער, ווייל די עפענטליכע מיינונג איז איצט אזוי טיראניש, אז דער נאמען עקסצענטריק (בעל־שגעון) איז גע־

וואָרען א זידעל־וואָרט, איז כדי דורכצוברעכען אָט די טיראַניי ווינשענסווערטה, אז מענשען זאָלען דוקא זיין עקסצענטריש. ווען און וואו עס זיינען געווען א סך שטארקע כאראקטערען, זיינען תמיד געווען א סך עקסצענטריקער: זייער צאהל אין א געזעלשאפט איז געווען לפי ערך גלייך צו דער סומע פון זשעניע, גייסטיגער קראפט און מאָראַלישען קוראזש, וואָס די געזעלשאפט האָט געהאט. וואס איצטער זיינען דאָ אזוי ווייניג מענשען, וועלכע וואגען צו זיין עקסצענטריש, איז דער סמן, וואס ווייזט אָן אויף די הויפט געפאהר פון אונזער צייט.

איך האָב געזאָגט, אז עס איז וויכטיג צו געבען וואס מעהר פרייהייט צו טון אונגעוועהנליכע זאכען, כדי אז מיט דער צייט זאָל זיך קענען ארויסווייזען, וועלכע פון די זאכען פאסען זיך אָנגענומען צו ווערען ווי מנהגים. אָבער ניט צוליב דעם טעם אליין, וואס מען קען אויף דעם אופן אויסגעפינען בעסערע פאָרמען פון מעשים און מעהר ווירדיגע מנהגים צו האלטען, איז כדאי צו זיין אונאבהענגיג אין פרט פון טון, און פריי ניט צו פאָלגען די אלטע מנהגים. אויך איז גאָר ניט געזאָגט, אז נור מענשען, וואס בעזיצען העכערע גייסטיגע פעהיגקייטען, האָבען א רעכט צו געהן אין זייער אייגענעם וועג. עס איז קיין אורזאכע ניטאָ, פאר וואָס דאס גאנצע מענשליכע לעבען זאָל איבערהויפט זיין געבויט לויט איין געוויסען מוסטער, אָדער נור לויט עטליכע געוויסע מוסטערן נאָך. אויב א מענש בעזיצט וויפיעל עס איז געזונטען פערשטאנד און ערפאהרונג, איז זיין אייגענער פלאן פון לעבען דער בעסטער; ניט ווייל ער איז אין עצם דער בעסטער, נור ווייל עס איז *זיינער*, זיין *אייגענער* פלאן. מענשען זייינען ניט גלייך צו שעפסען, און אפילו שעפסען צווישען זיך זיינען אויך ניט אלע גלייך. א ראָק אָדער א פאָר שטיוועל קען א מענש זיך ניט צוקלייבען, סיידען מען נעהט זיי אויף זיין מאָס, אָדער ער האָט א גאנצען מאגאזין, פון וואנען זיך אויסצוקלייבען; איז דען לייכטער צוצופאסען איהם א לעבען, איידער א ראָק? זיינען דען מענשען מעהר עהנליך צו די אנדערע אין זייער גאנצען פיזישען און

גייסטיגען געביי, איידער זיי זיינען אין דער פארמע פון זייערע פים? אפילו ווען דער חלוק וואלט נור בעשטאנען אין דעם, וואס יעדער מענש האט זיך זיין געשמאק, וואלט דאס אליין געווען גע־נוג אורזאך, פאר וואס מען זאל נ י ט פראבירען אלעמען צושניי־דען נאך איין מוסטער נאך. אבער פערשיידענע מענשען פאדערן אויך, א חוץ דעם, א פערשיידענע סביבה פאר זייער גייסטיגע ענטוויקלונג; און אזוי ווי ניט אלע פלאנצען קענען עקזיסטירען אין איין קלימאט, אזוי קענען ניט אלע מענשען פיהרען א גע־זונטען לעבען אין דערזעלבער מאראלער אטמאספערע. דיזעלבע זאכען, וואס פאר איין מענשען זיינען זיי א שטיצע צו בילדען זיין העכערע נאטור, זיינען פאר אנאנדער מענשען גאר א שטער־רונג. דערזעלביגער סארט לעבען פערשאפט פאר איינעם א געזונ־טען רייץ און האלט אלע זיינע פעהיגקייטען פון טון און געניסען אין בעסטער ארדנונג, בעת פאר אנאנדערן איז דאס א שווערע לאסט, וואס צודריקט אדער צוברעכט זיין גאנצען אינערליכען לעבען. אזוי פערשיידען זיינען מענשען אין זייער פיהלען פער־געניגען און שמערצען און אין דער ווירקונג, וואס פערשיידענע מאראלע און פיזישע אורזאכען מאכען אויף זיי, אז וואו עס איז ניטא א ריכטיג־צוגעפאסטע פערשידענארטיגקייט אין די אופנים פון זייער לעבען, קענען זיי ניט קריגען דעם חלק גליק, וואס עס קומט זיי, ניט די ענטוויקלונג ביז צו דער גייסטיגער, מאראַ־לער און עסטעטישער מדרגה, וואס זייער נאטור איז מסוגל צו גרייכען. היינט פאר וואס זאל די טאלעראנץ פון פובליקום ניט גרייכען ווייטער, ווי ביז יענע געשמאק־פארמען און אופנים פון לעבען, וועלכע האבען פועל געווען מען זאל זיי דולדען, מחמת דער גרויסער צאהל פון אנהענגער וואס זיי האבען? אין ערגעץ ניט (א חוץ אין געוויסע מאנאסטירען) איז פערשיידענהייט אין געשמאק־זאכען אין גאנצען טריף; עס איז ניט קיין חרפה פאר א מענשען יא ליעב צו האבען אדער ניט ליעב צו האבען אזעל־כע זאכען ווי שיפען־זיך, רויכערן, גימנאסטיקע מאכען, מוזיק, שאך, קארטען־שפיעלען אדער לעזען, ווייל אי פון די, וועלכע הא־

בען ליעב אזעלכע זאכען, אי פון די, וועלכע האָבען זיי ניט ליעב, זיינען פאראן צופיעל, מען זאָל זיי קענען אונטערדריקען. ווען אָבער א מאן, און על אחת כמה וכמה א פרוי, ערלויבט זיך, אָדער צו טון „וואָס קיינער טוט ניט“, אָדער ניט צו טון „וואָס אלע טוען“, מוזען זיי אויסשטעהן אזויפיעל חרפות־ביושים, אקוראט ווי ער אָדער זי וואָלט עפּעס אָבגעטאָן א שווערען מאָראלען פערברעכען. מענשען מוזען בעזיצען א טיטול, אָדער עפּעס אנאנדער צייכען פון א געוויסען ראנג, אָדער זיי מוזען זיין מקורבים צו מענשען וואָס האָבען א ראנג, כדי צו קענען אביסעלע זיך פערגינען דעם לוקסוס פון טון וואס זיי ווילען, און זייער כבוד זאָל צוליב דעם ניט געמינדערט ווערען. איך זאָג נאָך א מאָל: א ביסעל זיך פערגינען, ווארים ווער עס ערלויבט זיך א סך פון אזא פערגעניגען, ריזיקירט ניט נור בערעדט צו ווערען, נור ער איז פשוט אין געפאהר געשטעלט צו ווערען פאר א קאָמיסיע איבער משוגעים, וועלכע קען צו׳פּסק׳נען מען זאָל אוועקנעהמען ביי איהם זיין פערמעגען און עס אוועקגעבען צו זיינע קרובים.*)

---

*) עס נעהמט אָן אַ מורא און אַן עקעל צו־צוזעהען אויף וואס פאַר אַ מין בעווייזען אַ מענש קען דאָ די לעצטע צייט געריכטליך ערקלערט ווערען אלס אונפעהיג צו פערוואלטען זיינע געשעפטען, און ווי מען קען בטל מאַכען זיין צוואה מכח די צוטיילונג פון זיינע גיטער נאָכ׳ן טויט, אויב די ירושה קלעקט אויף די הוצאות וואָס עס קאָסט אָנצופיהרען משפטים — אויפ׳ן חשבון פון דער ירושה גופא. מען קריכט אריין אין די קלענסטע פּרטים פון זיין טעגליכען לעבען, און אויב אַ פחות שבפחותים קען מיט זיינע שמאָלינקע אויגלעך און שווערען ציינגעל דערזעהן און דערצעהלען עפּעס פון זיין פיהרונג, וואָס איז ניט אַבּסאָלוט באַנאַל און וואָכעדיג, ווערט עס פאָרגעלעגט פאר די געשוואָרענע ווי בעווייזען פון משוגעת, און עס ווערט אָפט אזוי אָנגענומען: ווארים די געשוואָרענע זיינען ניט ווייניגער וואולגאַר אָן אונוויסענד פאר די עדות, בעת די ריכטער, מיט זייער אויסערגעוועהנליכען ניט־קענען דאָס לעבען און ניט־פערשטעהן די מענשליכע נאַטור, וואָס מיר

עס איז פאראן איין כאראקטער־שטריך פון דעם היינטיגען גאנג פון דער עפענטליכער מיינונג, וועלכער איז אייגענס אנגעמאסטען אויף דעם, אז זי זאל ניט קענען פערליידען קיין שארפען אויסדרוק פון אינדיווידואליטעט. דער אלגעמיינער דורכשניט פון מענשען זיינען ניט נור קליינע מוחות, נור אויך קליינע ווערעלם: זיי האבען ניט קיין גענוג־שטארקע פערלאנגע אדער געשמאקען, וועלכע זאלען זיי בעוועגען צו טון עפעס אונגעוועהנליכעס, און דעריבער פערשטעהען זיי ניט יענע מענשען, וועלכע האבען יא אזעלכע פערלאנגען, און זיי שטעלען זיי דעריבער

---

טרעפען אן נאכאנאנד צו אונזער גרויסען ערשטוינען ביי די ענגלישע יוריסטען, העלפען נאך אפט אליין מיט צו פערפיהרען די געשווארענע. אט די משפטים רעדען מעהר איידער שווערע ביכער מכח דעם צושטאנד פון די געפיהלען און מיינונגען פון ווּאלגארען המון בנוגע צו דער מענשליכער פריוהייט. אזוי ווייט זיינען זיי פון צו דיינקען אז די אינדיווידואליטעט האט עפעס א ווערטה — אזוי ווייט זיינען זיי פון צו שעצען דאס רעכט פונ׳ם יחיד צו האבען אן אייגענע מיינונג און צו טון וואס איהם געפעלט וואו עס איז קיינעם ניט נוגע — אז אי די ריכטער, אי די געשווארענע קענען אפילו גאר ניט בעגרייפען ווי א מענש ביים פולען זינען קען גאר וועלען האבען אזעלכע פריוהייטען. פארציייטיגע יאהרען, אז מען פלעגט רעדען וועגען פערברענען אטעאיסטען, פלעגען „בארמהערציגע לייט" פארשלאגען מען זאל זיי אנשטאט פערברענען בעסער אוועקשיקען אין א דול־הויז: היינטיגען טאג וואלט עס אונז גאר ניט איבערראשט, ווען עס וואלט אונז אויסגעקומען צו זעהן ווי זיי פיהרען אויס דעם דאזיגען פארשלאג מכח אל הפועל און פאטשען נאך דערצו זיך אליין בראווא פאר זייער „ריין־מענשליכע און קריסטליכע" מעטאדע, מיט וועלכער זיי בעהאנדלען די דאזיגע „אומגליקליכע" — בשתיקה האבענדיג דערביי א הנאה און טראכטענדיג זיך: א שעהנע, ריינע כפרה אויף די טריפ׳ניאקעס, די אפיקורסים.

אריין אין דעם קלאס פון די ווילדע ניט־איינגעהאלטענע נאטורען, אויף וועמען זיי זיינען געוועהנט צו קוקען פון אויבען ארונטער. איצטער לאָמיר נאָך, ווי א צוגאָב צו אָט דעם פאקט, וועלכער איז אן אלגעמיינער, זיך פאָרשטעלען, אז עס איז געווארען אַ שטארקע בעוועגונג, וואס זוכט אויסצובעסערן די מאָראל, — און עס איז קלאָר אויפ'ן קוק, וואָס מיר קענען דערווארטען. היינטיגע צייטען איז פונקט געווארען אָט אזא בעוועגונג; עס איז ווירקליך פיעל אויפגעטון געווארען איינצופיהרען מעהר רעגעלמעסיגקייט און וועניגער הולטאיסטווע; און עס האָט אָנגעהויבען ארומצוגעהן אין לאנד א מין פילאנטראָפישער גייסט, וועלכער קען זיך גאָר ניט געפינען קיין בעסער פעלד פאר זיין ארבייט, ווי צו נעהמען זיך אויסראָטען חטאים און אויפקוקען אויף דער מאָראל פון אונזערע זינדיגע ברידער און שוועסטער. אָט די טענדענצען פון אונזער צייט זיינען גורם, אז דער עולם איז איצטער מעהר גענייגט ווי אין דאָס רוב פריהעריגע פעריאָדען ארויסצוגעבען אלגעמיינע אויפפיהרונגס־רעגלען און אוועקלעגען כחות אויף דעם, אז יעדער איינער זאָל פאָלגען די תקנות, לויט דעם כלל, וואָס מען האָט אָבגעמאכט. און סיי מען האלט עס בשתיקה, אָדער מען זאָגט עס ארויס אָפען, דער גרויסער כלל אָדער מאסשטאב איז — מען טאָר קיין זאך ניט בעגעהרען מיט א שטארקען חשק. דעם עולם'ס אידעאל פון א כאראקטער איז, עס זאָל ניט זיין קיין קענטיגער כאראקטער; מען זאָל פערקריפלען, צוזאמענדריקענדיג, ווי די פיס פון א כינעזער דאמע, יעדען טייל פון דער מענשליכער נאטור, וועלכער איז נור עפּעס בולט און האָט די טבע צו מאכען איינעם אויסזעהן קענטיגער אין זיינע אויסערליכע שטריכען פון אלע מענשען פון א גאנץ יאָהר.

ווי עס איז געוועהנליך דער שטייגער מיט אידעאלען, וועלכע לאָזען ארויס א העלפט פון וואָס מען דארף, אזוי אויך ברייננגט דער איצטיגער מאסשטאב פון גוטס ניט מעהר ווי א ביליג־נאכגעמאכטע קאָפּיע פון דער אנדער העלפט. אנשטאָט ארויסצו־

ברייננגען גרויסע כחות, געפיהרט פון א קרעפטיגען פערשטאנד און שטארקע געפיהלען, קאָנטראָלירט פון א שטארקען בעוואוס־טען ווילען, איז דער רעזולטאט שוואכע געפיהלען און שוואכע כחות, וועלכע מען קען דעריבער לייכט האלטען אין די רעמלעך פון מנהג אָהן ווילענס־קראפט און אָהן פערשטאנד. ענערגישע כאראקטערען, אזוי אויפ׳ן גרויסען שטייגער, ווערען שוין איצ־טער א זעלטענהייט, א טראדיציע. עס איז איצטער דאָ אין לאנד במעט ניטאָ קיין אויסגאנג פאר ענערגיע א חוץ אין מסחר. די ענערגיע, וואָס מען פערברייננגט אויף מסחר, איז דערווייליע נאָך ניש־קשה׳דיג. דאָס ביסעל, וואָס בלייבט, ווערט פערבראכט אויף עפּעס, אין וואָס איינער שמאקעוועט זיך איין, זיין „שטע־קען־פערדעל“, ווי מען רופט עס, וועלכער קען אמאָל זיין עפּעס א ניצליכער, אמאָל אפילו א פילאנטראָפּישער „פערדעל“, אָבער אלע מאָל נור איין געוויסע זאך, און געוועהנליך א גאנץ קליינטשינקע זאך. ענגלאנד׳ס גרויסקייט איז איצטער נור א כלל־גרויסקייט; איינציגווייז קליין, זעהען מיר נור אויס, ווי מיר וואָלטען פעהיג זיין צו טון עטוואָס גרויסעס, דורך אונזער טבע פון צוזאמענבינדען זיך; און אונזערע מאָראלע און רעליגיעזע פילאנטראָפּען זיינען גאנץ קאָנטענט דערמיט. אָבער מענשען פון אנאנדער שניט האָבען געמאכט פון ענגלאנד, וואָס זי איז אמאָל געווען, און עס וועלען מוזען אויפשטעהן מענשען פון אנאנדער שניט צו פערמיידען זי זאָל ניט ווערען ערגער ווי זי איז.

דער דעספּאָטיזם פון מנהג איז אומעדום די אייביגע שטע־רונג פון מענשליכען פּאָרטשריט, ווייל ער שטעהט תמיד אויף מעסערס מיט דעם געפיהל צו שטרעבען נאָך עפּעס, וואָס איז בעסער איידער דער מנהג, — מיט דעם געפיהל, וועלכער, לויט די אומשטענדען נאָך, רופט זיך אמאָל דער גייסט פון פרייהייט, און אמאָל דער גייסט פון פּראָגרעס און פערבעסערונג. דער גייסט פון פערבעסערונג איז ניט אלע מאָל א גייסט פון פריי־הייט, ווארים אמאָל קען ער ציעלען איינצופיהרען פערבעסערונ־

גען אנטקעגען דעם פאָלק'ס ווילען; און דער גייסט פון פריי־הייט, אין דעם ערך אויף וויפיעל ער שטעלט זיך אנקעגען אזעלכע געצוואונגענע טובות, קען זיך, אין א געוויסען פלאץ און פאר א געוויסע צייט, פעראייניגען מיט די געגנער פון די דאָזיגע רעפאָרמען; אָבער דער איינציגער שטענדיגער קוואל, וואָס פארפעהלט קיינמאָל ניט צו ברייגגען פערבעסערונגען, איז פריי־הייט; ווארים האָט מען פרייהייט, קען יעדער איינצעלנער ווע־רען א זעלבסטשטענדיגער קוואל פון פערבעסערונגען. דער פראָג־רעסיווער פרינציפ על כל פנים, סיי אין דער פאָרמע פון ליעבע צו פרייהייט, סיי פון ליעבע צו רעפאָרמען, איז אלע מאָל א פיינד פון דער הערשאפט פון מנהג און ער בעדייט די בעפרייאונג לכל הפחות פון אָט דעם יאָך; און די מלחמה, וואָס געהט אָן צווי־שען דיביידע, איז דער אינטערעסאנטעסטער טייל פון דער גאנ־צער געשיכטע פון דער מענשהייט. ריכטיג גערעדט, האָט דער גרעסטער טייל פון דער וועלט גאָר קיין געשיכטע ניט, ווייל דער דעספאָטיזם פון מנהג איז א פאָלשטענדיגער. דאָס איז דער פאל אין אלע מזרח־לענדער. דער מנהג איז דאָרטען אין אלע זאכען דער העכסטער געריכט; יושר און גערעכטיגקייט מיינט איינשטימונג מיט'ן מנהג; אנטקעגען די חזקה פון מנהג דיינקט גאָר קיינער ניט צו שטעלען זיך, סיידען א וועלכער עס איז טיראַן, וואָס איז בערוישט פון זיין מאכט. און מיר זעהען דעם סוף דערפון. יענע פעלקער האָבען אמאָל געמוזט האָבען אָריגינאליטעט: זיי זיינען דאָך ניט פון הימעל ארונטערגעפאַ־לען מיט איין מאָל אזוי צאָהלרייך, אזוי געלערנט און ערפאהרען אין פיעלע קונסטען פון לעבען; זיי האָבען אליין זיך דאָס אלע געשאפען, און זיי זיינען דאמאלסט געווען די שטארקסטע נאציאָ־נען אין דער וועלט. וואָס זיינען זיי איצטער? איצטער זיינען זיי אונטערטעניג צו אזעלכע פעלקער־שטאמען, וועמעס אור־על־טערן האָבען נאָך געלעבט אין די וועלדער בעת זייערע האָבען שוין געהאט פראכטפאָלע פאלאסטען און גרויסארטיגע טעמפּ־לען; אָבער דערפאר האָט ביי יענע דער מנהג ניט געהאט אזא

שליטה, נור ער האָט זיך געמוזט טיילען אין זיין ממשלה מיט דער פרייהייט און דעם פּראָגרעס. עס זעהט אויס, אז א פאָלק קען פאר א געוויסע צייט זיין פּראָגרעסיוו און נאָכדעם אויפהע־רען: ווען הערט עס אויף? ווען עס הערט אויף צו בעזיצען אינדיווידואליטעט. ווען אָט אזא ענדערונג זאָל טרעפען ביי די נאציאָנען אין אייראפּא, וועט עס ניט טראָגען פונקט דעמזעל־בען כאראקטער: דער דעספּאָטיזם פון מנהג, וועלכער זאָגט אָן צרות אָט די נאציאָנען, פּיהרט ניט אקוראט צו אונבעוועגליכ־קייט. ער פערבאָט אייגענארטיגקייט, איינצעלקייט, אָבער ער שליסט ניט אויס קיין שנוים, קיין ענדערונגען, בתנאי ווען אלע ענדערען זיך צוזאמען. מיר האָבען אוועקגעוואָרפען די סקאר־באָווע קאָסטיומען פון אונזערע אורעלטערן; אָבער יעדער איי־נער מוז דאָך געהן געקליידעט ווי אלע אנדערע מענשען, נור דער פאסאָן קען זיך בייטען איין מאָל אָדער צוויי מאָל א יאָהר. מיר גיבען אכטונג אויף דעם אופן, אז ווען עס קומט אָן ענדערונג, זאָל עס זיין לשמה, ד. ה. צוליב דער ענדערונג גופא, ניט צוליב א וועלכער עס איז אידעע פון שענקייט אָדער בעקוועמליכקייט; ווארים דיזעלבע אידעע פון שענקייט אָדער בעקוועמליכקייט קען דאָך ניט ארייננפאלען אלעמען אין קאָפּ אין דערזעלבער מינוט, און זי קען דאָך ניט וויעדער ארויסגעוואָרפען ווערען פון אלע־מענם קעפ גלייך אין אנאנדער מינוט.

אָבער מיר זיינען אויך פּראָגרעסיוו, אזוי גוט ווי מיר ענדערן זיך. מיר מאכען נאָכאנאנד ערפינדונגען אין מעכאנישע זאכען און מיר האלטען זיי, ביז וואנען זיי ווערען וויעדער פערביטען אויף בעסערע זאכען. מיר זיינען גערן נאָך רעפאָרמען אין דער פּאָליטיק, אין בילדונג, אפילו אין מאָראל, הגם בנוגע דער מאָראל בעשטעהט הויפּטזעכליך אונזער אידעע פון רעפאָרם אין וועלען איינריידען אָדער צווינגען אנדערע מענשען זיי זאָלען זיין אזוי גוט און פרום, ווי מיר זיינען. עס איז ניט אנטקעגען דעם פּראָג־רעס וואָס מיר זעצען אויס; אדרבא, מיר בעריהמען זיך דער־מיט, וואָס מיר זיינען דאָס העכסט־פּראָגרעסיווע פאָלק, וואָס

האָט ווען עס איז געלעבט. עס איז אנטקעגען די אינדיווידו־אליטעט, וואָס מיר פיהרען א מלחמה: מיר מיינען, אז מיר וואָל־טען אויפגעטאָן וואונדער, ווען מיר וואָלטען נור געקענט מאכען אלע זאָלען זיין גלייך; פארגעסענדיג, אז דוקא די ניט־גלייב־קייט פון איין מענשען צו אנאנדערען איז געוועהנליך די ערסטע זאך, וואָס ציהט יעדערענ׳ס אויפמערקזאמקייט אויף די חסרונות פון זיין אייגענעם טיפּ און אויף די מעלות פון אנאנדער טיפּ, אָדער אויף די מעגליכקייט, דורך א פעראייניגונג פון ביידענס גוטע זייטען, צו שאפען עטוואס בעסערס, ווי יעדער איינער איז בעזונדער. מיר קענען זיך אָבנעהמען א מוסר השכל פון כינא — א נאציאָן, וואָס האָט א סך טאלאנט און אין געוויסע פּרטים חכמה אויך, צו פערדאנקען איהר זעלטענעם גוטען מזל וואָס זי איז פערזאָרגט געווען אין פריה־מאָרגען פון איהר געשיכטע מיט א בעזונדערס־גוטען סדר פון מנהגים, וועלכע זיינען טיילוויים געווען די ארבייט פון מענשען, וועמען אפילו אונזערע העכסט־אויפגעקלערטע אייראָפּייער מוזען אונטער געוויסע בעדינגונגען געבען סמיכה פאר חכמים און פילאָזאָפען. זיי זיינען אויך מערקווירדיג דערמיט, וואָס זיי האָבען אזא פּאָרטרעפליכען מע־כאניזם אויף איינצודריקען, ווי ווייט מעגליך, אין קאָפּ פון יע־דען איינעם פון דער געמיינדע די בעסטע חכמה, וואָס זיי בע־זיצען, און צו פועל׳ן אז יענע, וועלכע האָבען זיך אָנגענומען מיט מעהר חכמה, זאָלען פערנעהמען די עהרען־פּלעצער און די שטעלען פון מאכט. וואָלט מען אודאי געקענט מיינען, אז א פאָלק, וואָס האָט אָט דאָס געטון, האָט מסתמא ענטדעקט דעם סוד פון מענשליכען פּאָרווערטס־גאנג און האָט זיך שטענדיג גע־מוזט האלטען אויפ׳ן שפּיץ פון דער וועלט־בעוועגונג. לאָזט זיך גאָר אויס דער היפּך: זיי זיינען געוואָרען אונבעוועגליך און זיינען געבליבען שטעהן אויף איין אָרט פאר טויזענדער יאָה־רען; און אויב עס איז זיי בעשערט ווען עס איז צו ווערען רע־פאָרמירט, וועלען פרעמדע דאָס מוזען טון פאר זיי. זיי האָבען פועל געווען ווייט איבער אלע האָפנונגען דאָס, וואָס אונזערע

ענגלישע פילאַנטראָפּען ארבייטען אזוי פלייסיג פּועל צו זיין — צו מאכען אלעמען פון פאָלק גלייך איינע צו די אנדערע, אלע זאָלען רעגולירען זייערע געדאנקען און פיהרונגען דורך דיזעלביגע כללים און רעגעלן. און דאָס זיינען די פרוכט פון דעם! דער היינטיגער רעזשים פון דער עפענטליכער מיינונג איז אין א ניט־אָרגאניזירטער פאָרמע דאָסזעלבע, וואָס די כינעזישע סיסטעמען פון בילדונג און פאָליטיק זיינען אין אן ארגאניזיר־טער פאָרמע; און סיידען די אינדיווידואליטעט וועט זיין ביכולת צו שטעלען זיך מיט ערפאָלג אנטקעגען אָט דעם יאָך, וועט איי־ראפּא, ניט אכטענדיג אויף איהר נאָבעלע פערגאנגענהייט און אויף איהר אָפענע אנערקענונג פון קריסטענטום, נוטה זיין צו ווערען נאָך א כינא.

וואָס איז עס אזוינס, וואָס האָט אויסגעהיט אייראָפּא פון אזא גורל ביז איצטער? וואָס האָט געמאכט די אייראָפּייאישע פאמיליע פון נאציאָנען פאר א פּראָגרעסיווען אנשטאט א שטיל־שטעהעדיגען טייל פון דער מענשהייט? עס איז ניט עפּעס א העכערע מעלה, וואָס ליעגט אין זיי אליין, וועלכע אויב זי איז דאָ, געפינט זי זיך ווי א פ א ל ג ע פון פּראָגרעס, ניט ווי די אורזאך פון זייער פּראָגרעס; דאָס איז נור זייער מערקווירדיגע פער־שיידענהייט אין כאראקטער און קולטור. איינצעלנע מענשען, קלאסען און נאציאָנען זיינען געווען זעהר ניט־גלייך איינע צו די אנדערע: זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזען אין טויזענדער פער־שיידענע וועגען, און יעדער וועג האָט געפיהרט צו עפּעס רעכטס; און הגם די, וואָס זיינען געגאנגען אין פערשיידענע וועגען, זיי־נען קיינמאָל ניט געווען טאָלעראנט איינער צום אנדערען, און יעדער איינער וואָלט עס געהאלטען פאר אן אויסגעצייכענטע זאך, אויב ער וואָלט געקענט צווינגען אלע אנדערע צו געהן אין זיין וועג, האָט אָבער זייער סטארען־זיך צו שטערען איינער דעם אנדערען אין זייער ענטוויקלונג זעלטען־ווען געהאט א שטענדיגען ערפאָלג, און די צייט איז סוף כל סוף געקומען פאר יעדערען מקבל צו זיין די טובות, וואָס דער אנדערער האָט איהם אָנגעבאָ־

טען. איירָאפּא האָט נאָך מיין מיינונג, אין גאנצען צו פערדאנ־קען אָט דער פיעלפאכקייט פון פערשייעדענע דרכים פאר איהר פּראָגרעסיווע און פיעלזייטיגע ענטוויקלונג. אָבער זי הויבט שוין אָן צו בעזיצען די דאָזיגע ברכה אין א פיעל קלענערער מאָס. זי שפּרייזט גאנץ בעשטימט אלץ נעהענטער צום כינעזישען אי־דעאל פון מאכען אלע מענשען גלייך. ד ע ־ ט אָ ק ו ו י ל אין זיין לעצטען וויכטיגען בוך בעמערקט, וויפיעל מעהר די היינטי־גע פראנצויזען זיינען עהנליך איינע צו די אנדערע, איידער זיי זיינען געווען אפילו נישט מעהר ווי מיט איין דור פריהער. די־זעלביגע בעמערקונג וואָלט מען געקענט מאכען אין א סך א גרע־סערער מאָס וועגען די ענגלענדער.

אין א פלאץ פון ווילהעלם פאָן הומבאָלדט׳ס בוך, וואָס מיר האָבען שוין פריהער געבראכט, ווייזט ער אָן אויף צוויי בעדינ־גונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאר דער מענשליכער ענטוויקלונג, ווייל אָט די בעדינגונגען זיינען נויטיג פועל צו זיין, אז מענשען זאָלען ניט זיין גלייך איינער צום אנדערען; דאָס זיינען — פריי־הייט און פערשיידענע ארטען פון אומשטענדען. דער צווייטער פון די ביידע פונקטען ווערט דאָ אין ענגלאנד וואָס א טאָג וועני־גער. די אומשטענדען, וועלכע רינגלען ארום אלערליי קלאסען און איינצעלנע מענשען און וועלכע בילדען זייערע כאראקטערען, ווערען וואָס ווייטער אלץ מעהר אסימילירט. אמאָל האָבען די פערשיידענע ראנגען, די פערשיידענע נאכבארשאפטען, די פער־שיידענע מלאכות און פּראָפעסיאָנען געלעבט, קען מען זאָגען, אין פערשיידענע וועלטען; היינט לעבען זיי ביז א געוויסען גראד אין דערזעלבער וועלט. פערהעלטניסמעסיג גערעדט, לעזען זיי איצטער דיזעלביגע ביכער, זיי הערען און זעהען דיזעלביגע זא־כען, זיי געהען אין דיזעלביגע פּלעצער, זיי האָבען דיזעלביגע האָפנונגען און שרעקען זיך פאר דיזעלביגע געפאהרען, זיי האָבען דיזעלביגע רעכט און פרייהייטען, און דיזעלביגע מיטלען איינ־צושטעלען זיך פאר זיי. גרויס ווי עס איז נאָך פערבליבען דער חילוק אין זייער לאגע, איז עס גערעכענט ווי גאָרנישט לגבי די

חלוקים, וואָס זיינען שוין מעהר ניטאָ. און די אסימילאציע געהט נאָך אלץ אָן. אלע פּאָליטישע ענדערונגען פון היינטיגער צייט העלפען דערצו, אזוי ווי זיי האָבען אלע איין טענדענץ צו ער־הויבען די נידעריגע און צו ערנידעריגערען די הויכע. יעדע אויס־שפּרייטונג פון בילדונג העלפט דערצו, ווייל בילדונג ברייגנט אלע מענשען אונטער געמיינשאפטליכע איינפלוסען, און עס גיט אלעמען א צוטריט צו דעם אלגעמיינעם אוצר פון פאקטען און מיינונגען. די פערבעסערונגען אין די מיטלען פון קאָמוניקאציעס העלפען דערצו, ווייל די איינוועהנער פון וויטע מקומות ווערען געבראכט אין פערזענליכער בעריהרונג, און עס האלט אויף א צושטאנד פון א שנעלער עמיגראציע פון איין אָרט אין דעם אנ־דערען. די פערגרעסערטע קאָמערציע און מאנופאקטור העלפט דערצו, ווייל זי פערשפּרייט אלץ ווייטער די מזל־ברכות פון א גרינגער מערכה, און זי עפענט א וועג פאר אלעמען צו וועלען דערגרייכען זייערע אמביציעס אפילו אין די גרעסטע ענינים, אזוי אז דער פערלאנג צו שטייגען אלץ העכער איז שוין ניט מעהר די טבע פון איין געוויסען קלאס, נור פון אלע קלאסען. און נאָך א שטארקערע סבה אפילו פאר אט די אלע, וועלכע רופט ארויס אן אלגעמיינע עהנליכקייט צווישען מענשען, איז די פּאָל־שטענדיגע חזקה, וואָס די עפענטליכע מיינונג דאָ ביי אונז, ווי אויך אין אנדערע פרייע לענדער, האָט געקראָגען אויף דער גע־זעלשאפט. אזוי ווי די פערשיידענע הויכע געזעלשאפטליכע שטעלען, וועלכע האָבען געגעבען א מעגליכקייט די תושבים פון דאָרטען מבטל צו זיין די מיינונגען פונ׳ם המון, ווערען ביסלעכ־ווייס ארונטערגעהאקט; אזוי ווי די פּראקטישע פּאָליטיקער הע־רען אויף וואָס ווייטער אלץ מעהר גאָר בדעה צו האָבען צו געהן אנטקעגען דעם ווילען פון פּובליקום, ווען זיין ווילען ווייזט זיך קלאָר ארויס, — הערט אלץ מעהר און מעהר אויף צו עקזיס־טירען א וועלכער עס איז געזעלשאפטליכער אָנהאלט פאר התנגדות: עס געפינט זיך ניט מעהר קיין ממשות׳דיגע קראפט אין דער געזעלשאפט, וועלכע היות ווי זי איז אליין דאגעגען, אז

דער כח פון רבים זאָל אזוי עולה לגדולה זיין, זאָל זיך אינטערע־סירען צו נעהמען אונטער איהר שוץ די מיינונגען און דרכים, וועלכע געהען להיפך צו די מיינונגען פון פובליקום.

אָט די אלע אורזאכען צוזאמענגענומען רופען ארויס אזא גרויסע מאסע איינפלוסען, וועלכע זיינען שונאים פון דער אינדי־ווידואליטעט, אז עס איז שווער צו זעהן, ווי אזוי זי קען האָבען א קיום אנטקעגען זיי: וואָס ווייטער וועט איהר זיין אלץ שווע־רער אויסצוהאלטען, סיידען מען וועט קענען פועל׳ן, אז דער אינטעליגענטער טייל פון פובליקום זאָל אָנהויבען צו פיהלען איהר ווערטה, — ער זאָל איינזעהען, אז עס איז גוט עס זאָלען זיין חלוקי דעות; אז עס איז גוט אפילו, ווען די נייע דעות זיינען ניט קיין בעסערע; אפילו, ווי עס קען זיך אויסדרוכטען, אז אנ־דערע פון זיי זיינען גאָר ערגערע. אויב די אינדיווידואליטעט וועט ווען עס איז זיך מוזען איינשטעלען פאר איהרע רעכט, איז דאָס איצטער די צייט, איידער די געצוואונגענע אסימילאציע איז פאָלשטענדיג איינגעפיהרט געוואָרען. נור בעת מען האלט נאָך ביי די ערסטע שטופען, קען מען עפּעס פּועל׳ן אנטקעגען די סכנה. די פאָדערונג, אז אלע אנדערע מענשען זאָלען האָבען איין פנים ווי מיר, וואקסט דורך איהר נצחון וואָס ווייטער מעהר. אויב מיר וועלען ווארטען מיט אונזער קאמפף, ביז דאָס לעבען וועט ארונטערגעבראכט ווערען כמעט ביז אן איינפאָרמיגען טיפּ, וועט יעדע קלענסטע אָבווייכונג פון דעם דאָזיגען טיפּ בעטראכט ווע־רען אפּיקורסות׳דיג, אונמאָראליש, אָדער גאָר ווי מעשי־שטן און עפּעס, וואָס געהט אנטקעגען דער נאטור. מענשען פערלירען אויף גיך זייער השגה פון פערשיידענארטיגקייט, ווען זיי געוועה־נען זיך אָב זי צו זעהען פאר א לענגערע צייט.

## פיערטער קאפיטעל

### די בעגרעניצונג פון דער געזעלשאַפט'ס אויטאָריטעט איבער'ן יחיד

וואו איז דער גערעכטער גרעניץ פון דעם יחיד'ס הערשאפט איבער זיך אליין? וואו הויבט זיך אָן די אויטאָריטעט פון דער געזעלשאפט? וויפיעל פון דעם מענשליכען לעבען זאָל געהערען צו דער אינדיוווידואליטעט און וויפיעל צו דער געזעלשאַפט?

יעדער צד וועט קריגען זיין ריכטיגען חלק, אויב יעדערער וועט האָבען דאס, וואָס איז איהם מעהר ווי אלץ נוגע. צו דער אינדיווידואליטעט זאָל געהערען דער טייל פון לעבען, אין וועלכען דער אינדיווידום (יחיד) איז איבערהויפט פעראינטערעסירט; צו דער געזעלשאפט — דער טייל, וועלכער אינטערעסירט איבערהויפט די געזעלשאפט.

הגם די געזעלשאפט איז ניט אויפגעבויט געוואָרען אויפ'ן יסוד פון א קאָנטראקט,*) און הגם דער גאנצער איינפאל פון א קאָנטראקט איז ניט מעלה און ניט מוריד צום ענין פון געזעלשאפטליכע חובות, פון דעסטוועגען איז קלאָר, אז יעדער איינער, וואָס קריגט פראָטעקציע פון דער געזעלשאפט, איז איהר

*) ווי די אַלטע סאָציאָלאָגען, דהיינו הָאָבבס, האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז די, וועלכע האָבען „געגרינדעט" די מענשליכע געזעלשאַפט, האָבען כלומר'שט אָבגעמאַכט אַ קאָנטראַקט צווישען זיך אָבצוגעבען געוויסע טיילען פון זייער פריהייט צו דער געזעלשאַפט, כדי זי פון איהר צד זאָל, ווי א כלל, בעשיצען איהרע מיטגלידער צום וואָהל און בעסטען פון אלעמען. — דער איבערזעצער.

עפּעס שולדיג דערפאר; און אז דער פּאקט אליין, וואָס מען לעבט אין געזעלשאפט, איז מחיב, אז יעדער איינער מוז אָבהי־טען א געוויסען רעגעל אין זיינע שייכות צו אלע אנדערע מענ־שען. אָט דער רעגעל בעשטעהט פון צוויי פּונקטען: ערסטענס, טאָר קיינער ניט שאדען דעם אנדערנס אינטערעסען, ד. ה., ריכ־טיגער געזאָגט, אזעלכע אינטערעסען, וואָס סיי מחמת זיי זיי־נען קלאָרע געזעצליכע תקנות, סיי מחמת אלע זיינען ביי־זיך איינינ וועגען דעם, מוזען זיי ווערען בעטראכט פאר „מענשליכע רעכט". און צווייטענס איז דער רעגעל מחיב, אז יעדער איינער מוז ביטראָגען זיין חלק (וויפיעל עס ווערט בעשטימט נאָכ'ן יושר) פון ארבייט און אנדערע אָפּפערונגען וואָס עס קאָסט, כדי צו בעשיצען די געזעלשאפט אָדער איהרע מיטגלידער פון אָנ־גרייפונגען און הזיקות. אָט די צוויי תנאים האָט די געזעלשאפט א רעכט אויפצומאָנען אום יעדען פּרייז פון די, וואָס ווילען ניט נאָכקומען זייער חוב. און דאס איז נאָך אויך ניט אלץ, וואס די געזעלשאפט מעג טון. איינעמ'ס האנדלונגען קענען זיין אָדער דירעקט שעדליך פאר אנדערע, אָדער עס קען זיך אין זיי אויס־דריקען אן אונעהרליכע גלייכגילטיגקייט צו דעם אנדערנ'ס אינ־טערעסען, אפילו אז ער איז דערביי ניט עובר אין גאנצען דעם דין פון זייערע בעשטימטע רעכט. דער שולדיגער מעג יעמאָלט על פּי יושר בעשטראָפט ווערען פון דער עפענטליכער מיינונג, הגם ער טאָר דערפאר ניט בעשטראָפט ווערען פון געזעץ. וויבאלד וועלכער עס איז פּרט פון א מענשענ'ס אויפפיהרונג האָט א וויר־קונג לרעה אויף אנאנדערנ'ס אינטערעסען, האָט די געזעלשאפט א דעה איבער דעם אין דין, און די שאלה, צי עס וועט זיין בע־סער פאר'ן כלל, זי זאָל זיך אריינמישען אין דעם צי ניין, ווערט דאמאָלסט אן אָפענע פראגע. עס איז אָבער גאר א ברעקעל קיין פראגע ניט, בעת איינעמ'ס האנדלונג איז קיין אנדערן א חוץ איהם אליין ניט נוגע, אָדער מוז ניט נוגע זיין, אויב זיי ווילען ניט (עס פערשטעהט זיך, מיר רעדען דאָ אין אלעמען וועגען דערוואקסענע מענשען מיט א דורכשניטליכען פערשטאנד). אין

אלע אזלעכע פעלע מוז זיין פאלקאמענע פרייהייט, אי געזעצלי־כע, אי געזעלשאפטליכע צו טון וואס מען דארף, און נעהמען אויף זיך די אחריות.

עס וואלט זיין א גרויסער טעות, אויב מען וואלט מיינען אויף אָט דער לעהרע, אז זי פּרעדיגט עגאאיסטישע קאלטבלו־טיגקייט, ד. ה., אז עס איז קיינעמ'ס עסק ניט, ווי ווער פיהרט זיך אין לעבען, און אז כל זמן די אייגענע אינטערעסען ליידען דערביי ניט, דארף גאר קיינעם ניט אנגעהן, וואס דער אנדע־רער טוט און וואס ער מאכט. אדרבא פערקעהרט, אנשטאט וואס וועניגער איז גאר נויטיג וואס מעהר זיך מתעסק צו זיין פאר דעם אנדערנ'ס טובה. אבער די ריינע וואהלטהאט קען געפינען אנדערע אינסטרומענטען, איידער בייטשען און שטריק אין פשוט'ן פשט פון ווארט, אדער בדרך משל גערעדט, ווי אזוי מזכה צו זיין מענשען מיט טובות. איך בין ווייט ניט דער מענש צו ווע־לען חלילה אוועקמאכען מיט'ן האנד די גוטע מדות פון אייגען־נוצען; זיי זיינען כמעט, אויב ניט אין גאנצען, אזוי וויכטיג ווי די געזעלשאפטליכע מדות. עס איז דער עסק פון דער ער־ציהונג אויסצובילדען זיי ביידען. אבער אפילו די ערציהונג ווירקט דורך איבערצייגונג און אויפקלערונג אזוי גוט ווי דורך צוואנג, און אויף די, וואס זיינען שוין ארויס פון חדר, דארף מען וויר־קען און ארייננדרענגען זיי אין מוח די מדות פון אייגען־נוצען נור מיט די מיטלען פון איבערצייגונג אליין. מענשען זיינען מחויב צו העלפען איינער דעם אנדערן אונטערשיידען וואס איז בעסער און וואס איז ערגער, און אויך צוצוגעבען חשק איינער דעם אנדערן אויסצוקלייבען דאס ערסטע און אויסצומיידען דאס אנדערע. זיי דארפען תמיד האלטען אין אויפמונטערן איינער דעם אנדערן אלץ שטארקער אויסצואיבען זייערע העכערע פע־היגקייטען, און אלץ מעהר מדריך צו זיין זייערע געפיהלען און שטרעבונגען צו זוכען קלוגע אנשטאט נארישע זאכען, רעיונות וואס ערהויבען אנשטאט אזעלכע וואס ערנידעריגען. אבער קיין איינציגער מענש, און קיין צאהל מענשען צוזאמען, האבען קיין

רעכט ניט צו בעפעהלען אנאנדער מענשען אין דערוואקסענע יאָה־רען, אז ער זאָל ניט טון מיט זיין לעבען, וואָס ער וויל מיט איהם טון, פון זיין אייגענער טובה וועגען. ער איז דער מענש, וואָס האָט דעם גרעסטען אינטערעס אין זיין אייגענעם וואָהל־זיין: דער אינטערעס, וואס יעדער אנדער מענש, א חוץ א גרוי־סער פערזענליכער פריינד, קען האָבען אין דעם, איז ווי גאר נישט גערעכענט לגבי דעם, וואס ער אליין האָט. דער אינטע־רעס, וואָס די געזעלשאפט האָט אין איהם ווי א יחיד (א חוץ בנוגע זיינע האנדלונגען אנטקעגען אנדערע), איז נור א קליין טיילכעל, און דאָס אויך ניט דירעקט; בעת אפילו דער פשוט׳סטער מענש, מאן אָדער פרוי, האָט אין פרט פון זיינע אייגענע געפיה־לען און זיין אייגענער מערכה גאָר ניט אין אן ערך פיעל מעהר מבינות, איידער וועלכער עס איז מענש אויף דער וועלט. דער געזעלשאפט׳ס רעכט אריינצומישען זיך און אריבערוועגען דעם איינצעלנעמ׳ס מיינונג בנוגע זיינע פערזענליכע צוועקען, קען זיין בעגרינדעט נור אויף אלגעמיינע סברות; אָבער ערסטענס קע־נען זיי זיין גאָר אין גאנצען פוסטע סברות; און ווען שוין אפילו ריכטיגע, איז אויך מעגליך, אז אין בעזונדערע פעלע וועלען זיי פאסען אקוראט קאפויער, ווי באלד עס וועלען זיך נעהמען מי־שען אין דעם זייטיגע מענשען, וועלכע קוקען אויף יענעמ׳ס אינטערעסען פון דרויסען און האָבען קיין ברעקעל בעקאנטשאפט ניט מיט זיינע אומשטענדען. די אינדיווידואליטעט געפינט דע־ריבער אין אָט דער אבטיילונג פון מענשליכע עסקים איהר ריכ־טיג פעלד פון טהעטיגקייט. אין זאכען, וואס קומען פאָר בין אדם לחבירו, איז נויטיג מען זאָל דאָס רוב אָבהיטען אלגעמיי־נע רעגעלן, כדי מענשען זאָלען וויסען, וואס זיי האָבען צו דער־ווארטען: אָבער אין יעדען מענשענ׳ס פערזענליכע עסקים, האָט זיין אייגענע איניציאטיווע א רעכט פריי צו פּרובירען זיך אויף אלע כלים. ארגומענטען צו העלפען זיין אורטייל, מוסר־רייד צו שטארקען זיין ווילען, קען מען איהם אָנבאָטען ער זאָל אויסהערען, אָדער אפילו אָנטשעפען זיך דערמיט אויף איהם, — דער ריכ־

טער אָבער, וואָס גיט ארוים דעם פּסק, איז ער אליין. אלע טעות'ן, וואָס ער איז עלול צו מאכען, ניט־פאָלגענדיג די עצות און וואר־נונגען, וואס מען גיט איהם, האָבען קיין בעטרעף ניט אנטקעגען די צרות פון ערלויבען אנדערע צו נויטען איהם טון, וואס זיי דיינקען אז עס איז זיין טובה.

איך מיין ניט צו זאָגען, אז א מענשענ'ס פערזענליכע מעלות אָדער זיינע פערזענליכע חסרונות דארפען גאָר קיין חלוק ניט מאכען אויף די געפיהלען וואס אנדערע מענשען האָבען וועגען איהם. דאָס איז ניט מעגליך, אי גאָר ניט כדאי. אויב ער איז רייך אין אזעלכע מדות, וועלכע בריינגען מיט זיין אייגען גליק, איז ער אויף אזוי פיעל א מענש, וואָס פערדיענט געאכט צו ווערען, און אין דעם ערך שטעהט ער נעהענטער צום אידעאל פון מענש־ליכער פאָלקאָמענהייט. פערקעהרט, איז ער שטארק הינטערשטע־ליג אין אזוינע מדות, וועט ער ביי אונז ארויסרופען דעם היפך פון אכטונג און שעצונג. עס גיט א שטופע פון נארישער אויפ־פיהרונג, אָדער א שטופע, וואָס מען קען אָנרופען (דער אויס־דרוק וועט אפילו ניט זיין דער בעסטער) פון געמיינהייט און נידעריגען געשמאק, וועלכע בערעכטיגט טאקי ניט מען זאָל דעם מענשען, וואָס וויזט זיי ארוים, טון שלעכטעס דערפאר; אָבער עס מוז ווירקען, און עס איז ניט מעהר ווי רעכט עס זאָל ווירקען אויף אונז אזוי, אז מיר זאָלען איהם דערפאר ניט קע־נען ליידען און אין זעהר שלעכטע פעלע אפילו אויך פערהאסען. אויב א מענש האָט ניט דאָס געפיהל צו פעראכטען אזוינע אויפ־פיהרונגען, קען ער ניט האָבען שטארק גענוג די מדות, וועלכע זיינען דער היפך פון דעם. איינער טוט, דאכט־זיך, קיינעם קיין אונרעכט ניט, דאָך קען ער זיך אזוי אויפפיהרען, אז עס זאָל אונז צווינגען צו פעראורטיילען איהם, צו האלטען איהם פאר א שוטה, אָדער פיהלען וועגען איהם, ווי ער וואָלט געווען עפּעס א מין נידעריגערע בריאה; און אזוי ווי ער וואָלט דאָך אודאי ניט וועלען מען זאָל האָבען וועגען איהם אזא שלעכטע מיי־נונג, טוט מען איהם אייגענטליך א טובה, ווען מען ווארענט איהם

וועגען דעם א פריהער, אזוי גוט ווי ווען מען ווארענט איהם וועגען א וועלכע עס איז אנדער זאך, וואס קען ווערען פאר איהם אונ־אנגענעהם. עס וואָלט באמת געווען א גוטע זאך, אויב אָט אזעל־כע טובות וואָלטען געטאָן געוואָרען אָפטער, איידער ווי די היינ־טיגע מאָדע פון העפליכקייט ערלויבט דאָס: עס וואָלט גוט גע־ווען, ווען א מענש וואָלט בתמימות געקענט אָנווייזען דעם אנדערן אויף די פעהלערן, וואָס ער געפינט אין איהם, און דער אַנדע־רער זאָל דאס ניט רעכענען פאר עזות׳קייט און אונארטיגקייט.

און ניט נור מעגען מיר האָבען אונזער מיינונג וועגען א מענשענ׳ס אויפפיהרונג, נור מיר מעגען אויך אויף געוויסע אופנים האנדלען לויט אונזער מיינונג, — ניט אויף אן אופן, וואָס זאָל אונטערדריקען יענעמ׳ס אינדיווידואליטעט, נור אויף אן אופן, וואס זאָל אויסדריקען אונזער אייגענע. מיר זיינען, צ. ב. ש., ניט מחויב צו זוכען זיין געזעלשאפט; מיר האָבען א רעכט איהם אויסצומיידען (הגם עס איז ניט רעכט צו מאכען א פאראד פון דעם פאקט, וואס מיר מיידען איהם אוים), ווארים מיר האָבען דאך א רעכט אויסצוקלייבען זיך די געזעלשאפט, וועלכע איז אונז אנגענעהמער. מיר האָבען א רעכט, און אמאָל קען עס גאָר זיין אונזער חוב, צו ווארענען אנדערע זיי זאָלען איהם אויסמיידען, אויב מיר דיינקען, אז זיינע רייד און דער ביישפיעל פון זיינע מעשים קענען האָבען א שלעכטע ווירקונג אויף די, וועל־כע קומען זיך מיט איהם צוזאמען. מיר מעגען, וואו עס האלט ביי א טובה טון וועמען עס איז, געבען אנאנדערן דעם פאָרצוג איי־דער איהם, א חוץ וואו די טובה גופא וואָלט זיין א פעולה פאר איהם צו ווערען בעסער. אויף די אלע פערשיידענע אופנים קען איינער אויסשטעהן פון זיינע מיט־מענשען גאנץ שווערע בע־שטראָפונגען פאר פעהלערן, וועלכע זיינען דירעקט נוגע נור איהם אליין; ער שטעהט אבער אוים אָט די בעשטראָפונגען נור אין דעם ערך, וויפיעל זיי זיינען די נאטירליכע פאָלגען פון די פעה־לערן אליין, ניט ווייל מען טוט עס איהם אָב בכיון כדי איהם צו בעשטראָפען. א מענש, וועלכער ווייזט ארוים אונבעזאָנענקייט,

עקשנות אָדער גאוה, וועלכער פערלעבט מעהר, וויפיעל זיינע מיטלען ערלויבען איהם, וועלכער קען זיך ניט אָבהאלטען פון שעדליכע תאוות, וועלכער לאָזט זיך אריין אין גראָבע תענוגים פון גוף אויפ׳ן רעכענונג פון די איידעלע תענוגים פון געפיהל און פערנונפט, — אזא מענש מוז ערוואַרטען צו שטעהן נידעריג אין די אויגען פון אנדערע, ער מוז זיך ריכטען צו געניסען א ווינציגערן חלק פון זייערע גוטע מיינונגען, און ער האָט גאר קיין רעכט ניט צו בעקלאָגען זיך אויף דעם, סיידען ער האָט פערדיענט מען זאָל האַלטען פון איהם פאר אַנדערע ספּעציעלע מעלות, וואס ער בעזיצט אין זיין געזעלשאפטליכער שייכות, — אזעלכע מעלות, וועלכע קענען ניט ארונטערגעוועגען ווערען פון די חסרונות פון זיין פערזענליכען לעבען.

וואס איך וויל אויספיהרען איז, אז פאר האנדלונגען, וואָס זיינען נוגע א מענשען׳ס אייגען לעבען און האָבען קיין שייכות ניט מיט אנדערע מענשענס אינטערעסען, דארף קיינער ניט ליידען קיין אנדער שטראָף, א חוץ די אונאנגענעהמליכקייט, וואָס ער קען פיהלען, ווען מיר דריקען אוים א שלעכטע מיינונג וועגען איהם. מעשים אָבער, וועלכע זיינען יאָ שעדליך פאר אנדערע, פאָדערן גאָר א גאַנץ אנדערע בעהאנדלונג. אזעלכע אקטען, ווי אָנגרייפען יענעמס רעכט, אָנטון דעם אנדערן א שאָדען אָדער א היזק, וואס ער איז ניט בערעכטיגט צו טון, געברויכען פאלשקייט אדער צווייזייטיגקייט אין זיינע עסקים מיט אנדערע מענשען, מאַכען געברויך פון זיין פאָרטייל, וואס ער האָט איבער אנדערע אָהן יושר, אָדער אפילו שטעהן פון וויטען ווי אן עגאָאיסט און ניט פערהיטען דעם אנדערן פון א שאָדען, — אלע אזעלכע מדות פערדיענען א מאָראלע פעראכטונג און אין ערנסטע פעלע אפילו א מאָראלע בעשטראָפונג, מדה כנגד מדה. און ניט נור די אקטען, נור אפילו די געפיהלען, וועלכע מאכען איינעם אויפגעלעגט צו טון אזעלכע זאכען, זיינען ריכטיג אונמאָראלישע און פערדיענען א פעראכטונג, וואָס קען שטייגען ביז צום געפיהל פון האס. הארטהערציגקייט, בייזוויליגקייט און ניט־פערגינעריי;

קנאה, וועלכע איז די אבשייליכסטע און העכסט אנטי־סאָציאלע לײדענשאפט; אונאויפריכטיגקייט, און וועלען נקמה נעהמען פאר יעדע נארישקייט; וועלען בעל־הבית'עווען איבער אלעמען; דער פערלאנג צו כאפען א גרעסערען חלק וויפיעל עס קומט איהם; דער שטאָלץ, וואס שעפט פערגעניגען פון יענעמ'ס ערנידערונג; דער עגאָאיזם, וועלכער האלט דעם „איך און דאָס מייניגע" וויכטיגער פאר אלץ אין דער וועלט, און אין אלע ספסוכים גיט ער זיך אלץ גערעכט, — אָט די אלע זאכען זיינען מאָראלע חטאים, און שטעלען צוזאמען די בעזונדערע טיילען פון א שלעכטען, מיאוסען כאראקטער, וועלכע זיינען גאָר ניט גלייך צו יענע פעהלערן בנוגע די פערנאכלעסיגונג פון די אייגענע אינטערעסען, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָנט, וועלכע זיינען ניט, ריכטיג גערעדט, קיין אונמאָראלע געפיהלען און, ווי ווייט מען זאָל זיי ניט טרייבען, קענען זיי ניט גערעכענט ווערען פאר מאָראלע חטאים. מען קען זיי רעכענען פאר סמנים פון וויפיעל איהר ווילט נארישקייט, פון ניט־האָבען קיין געפיהל פון דעם אייגענעם ווערטה און רעספעקט צו זיך אליין; אָבער נור יעמאָלט פערדיענען זיי א מאָראלע פעראכטונג, ווען דורך זייער נאכלעסיגקייט צו די אייגענע אינטערעסען פארפעהלען זיי צו ערפיעלען זייערע חובות צו אנדערע. וואס מען רופט אָן חובות צו זיך אליין — זיינען געזעלשאפטליך ניט קיין „מוז", סיידען געוויסע אומשטענדען מאכען זיי אין דערזעלבער צייט אויך פאר חובות צו אנדערע. דער אויסדרוק חוב צו זיך אליין, ווען ער מיינט עפעס מעהר ווי פאָרזיכט, מיינט ער זיך־אכטונג אָדער זיך־ענטוויקלונג; און פאר דאָס איז קיינער ניט מחויב אָבצוגעבען דין וחשבון צו זיינע מיטמענשען, ווייל עס וואָלט פאר דער מענשהייט קיין טובה ניט געווען, אויב ער וואָלט יא געמוזט אָבגעבען דין וחשבון פאר אזעלכע זאכען.

דער חילוק צווישען אָנוועהרען די אכטונג פון מענשען, וואָס איינער קען פערדיענען, ווייל עס פעהלט איהם די מדה פון פאָרזיכט אָדער פון פיהלען דעם אייגענעם ווערטה, און צווישען פער־

דיענען די פּעראכטונג פון מענשען, ווייל ער בעגעהט אן עולה קעגען אנדערע מענשענס רעכט, איז ניט סתם א פּוסטער חילוק. עס איז א גרויסע נפקא מינא, אי פּאר אונזערע געפיהלען, אי פּאר אונזער פּערהאלטען זיך צו איהם, צי ער דערצאָרנט אונז אין פּרטים, וואו מיר דיינקען, אז מיר האָבען א רעכט איהם צו קאָנטראָלירען, אָדער ער דערצאָרנט אונז אין אזעלכע פּרטים, וואָס מיר ווייסען, אז מיר האָבען אויף דעם קיין רעכט ניט איהם א דעה צו זאָגען. אויב מיר זיינען מיט איהם אונצופריעדען, קע־נען מיר אויסדריקען אונזער פּערדרוס און קענען זיך האלטען פון ווייטען פון א מענשען, אזוי גוט ווי פון עפּעס א זאך, וואָס בע־ליידיגט אונזערע געפיהלען; אָבער מיר דארפען זיך ניט פיהלען בערופען צו פּערביטערען איהם דאָס לעבען דערפאר. מיר מוזען איבערקלערען, אז אָדער ער ליידט שוין, אָדער ער וועט ליידען די גאנצע שטראָף פון זיין פעהלער. אויב ער פּערדארבט זיין לע־בען דורך א שלעכטע פיהרונג, טאָרען מיר ניט מחמת דעם טעם וועלען פּערדארבען זיין לעבען נאָך מעהר; אנשטאט צו וועלען איהם בעשטראָפען, דארפען מיר בעסער זיך בעמיהען צו פּער־לייכטערען זיין שטראָף, בעווייזענדיג איהם, ווי אזוי ער קען פּערמיידען אָדער היילען די וואונדען, וואָס זיין אויפפיהרונג מוז בטבע אָנשיקען אויף איהם. ער קען זיין פּאר אונז עפּעס אזויינס, וואָס מיר בעדויערן, אפשר עפּעס, וואָס מען האָט ניט־ליעב, אָבער קיין שנאה, קיין געפיהל פון נקמה דארף ער אין אונז ניט ארויס־רופען. מיר טאָרען איהם ניט בעהאנדלען ווי א פיינד פון כלל: דאָס ערגסטע, וואָס מיר מעגען דיינקען אז מיר זיינען בערעכ־טיגט צו טון, אויב מיר ווילען ניט זוכען זיין טובה און נעהמען אן אינטערעס אין איהם, איז — לאָזען איהם צו־רוה. אויב אבער ער האָט עובר געווען אויף אזעלכע רעגעלן, וועלכע זיינען נויי־טיג צו בעשיצען זיינע מיטמענשען, ווי איינצעלנע אָדער ווי א כלל צוזאמען, יעמאָלט איז גאר אנאנדער דין. יעמאָלט פאלען ניט די שלעכטע פאָלגען פון זיינע אקטען אויף איהם אליין, נור אויף אנדערע אויך; דאמאָלסט מוז שוין די געזעלשאפט, ווי א בע־

שיצערין פון אלע איהרע מיטגלידער, זיך אָברעכענען מיט איהם דערפאר; זי מוז איהם וועה טון מיט דעם קלאָרען צוועק כדי איהם צו בעשטראָפען, און מוז אכטונג געבען אז די שטראָף זאָל זיין אזוי שווער וויפיעל מען דארף.*) אין איין פאל איז ער א בעל־עולה, וועלכער שטעהט פאר אונזער געריכט, און מיר מו־זען איהם ניט נור משפט'ן, נור אויך אויספיהרען אויף איהם אונזער פסק אויף איין אופן אָדער אנאנדערן: אין דעם אנדער פאל איז עס ניט אונזער עסק צו געבען איהם א פסק, א חוץ וואָס עס קען איהם צופעליג אויסקומען צו ליידען פון דעם, וואָס מיר נעהמען זיך דיזעלבע פרייהייט צו רעגולירען אונזערע עסקים, ווי מיר גיבען איהם פאר זיינע.

דעם חילוק, וואָס מיר האָבען דאָ ערקלערט, צווישען דעם טייל פון א מענשענ'ס לעבען, וואָס איז נוגע איהם אליין, און דעם אנדער טייל, וואָס איז נוגע אנדערע, וועלען פיעלע מענשען גאָר ניט וועלען מודה זיין. ווי אזוי (קען מען פרעגען) קען וועל־כער עס איז טייל פון דער אויפפיהרונג פון א מיטגליעד פון דער געזעלשאפט זיין א גלייכגילטיגע זאך פאר אלע אנדערע מיט־גלידער? קיין מענש איז ניט קיין אָבגעזונדערטע בריאה פאר־זיך; עס איז אונמעגליך פאר א מענשען אָנצוטון אן ערנסטען אָדער אייביגען שאָדען זיך אליין, און עס זאָל קיין בייז דערפון ניט גרייכען לכל הפחות צו זיינע נאָהענטע קרובים און אָפט אויך צו א סך ווייטערע פון זיי. אויב ער פיהרט איבער זיין אייגענס,

*) אין דעם ענין פון שטראָף האָבען מיר היינטיגע צייטען, דאַכט זיך, געגרייכט א מעהר אויפגעקלערטען שטאַנדפונקט ווי דעם, וועלכען דער פערפאַסער פערטרעט דאָ. מיר נעהמען אָן, אַז די געזעל־שאַפט איז ניט נור די בעשיצערין פון איהרע מיטגלידער, נור גאַנץ אָפט אויך די מיט־שולדיגע אין די עולות, וואָס איהרע מיטגליעדער בע־געהען; און אפילו א חוץ די גוט־בעגרינדעטע סברא, אז די שטראָף ברייננט ניט דעם געוואונשטען צוועק, דאַרף וועה־טון און שווער בע־שטראָפען ניט אריינגעהן אין איהר פלאן. — דער איבעזעצער·

טוט ער אָן שאָדען די, וועמעס חיונה הענגט אָב דירעקט אָדער ניט־דירעקט פון איהם, און ער מאכט קלענער דורך דעם די הכנסה, וואס די געמיינדע ציהט פון זיין פערמעגען. אויב ער פערדארבט זיינע קערפערליכע אָדער גייסטיגע פעהיגקייטען, טוט ער א רעה ניט נור די, וועמעס גליק הענגט טיילוויים אָב פון איהם, נור אלע זיינע מיטמענשען בכלל, וועמען ער איז מחויב בעהילפיג צו זיין אין א גויט. נאָך מעהר, ער קען אפשר מיט דער צייט פאלען צו לאסט אויף אנדערע; און אויב אזעלכע אויפפיהרונגען וואָלטען פארגעקומען זעהר אָפט, וואָלט עס כמעט מעהר שאדען גורם געווען דעם כלל, איידער וועלכער עס איז אנ־דער פערברעכען, וואס ווערט בעגאנגען. ענדליך (קען מען טענה'ן), אויב אפילו איינעמ'ס פערדאָרבענהייטען און שלעכטע פיהרונ־גען טוען קיינעם גאר קיין דירעקטען שאדען ניט, זיינען זיי דאָך שעדליך דורך דעם ביישפיעל, וואס זיי גיבען, און דעריבער דארף מען איהם צווינגען זיך צו קאָנטראָלירען פון דער טובה וועגען פון אזעלכע, וואס אז זיי וועלען זעהן זיינע פיהרונגען אדער ווי־סען פון זיי, איז מעגליך אז זיי וועלען ווערען פערדארבען און וועלען אראָבגעהן פון דרך הישר.

און אפילו (וועט מען נאָך ווייטער זאָגען), אויב מען וואָלט געקענט מאכען א מחיצה און ניט לאָזען די פאָלגען פון דער שלעכ־טער אויפפיהרונג זיך בעווייזען פאר דער שיין, א חוץ פון דעם פערדאָרבענעם אדער לייכטזיניגען מענשען אליין, זאָל די געזעל־שאפט לאָזען אויף זייער אייגענעם בעראָט אזעלכע מענשען, וואָס טויגען ניט לכל הדעות? אויב אלע זיינען מודה, אז מען איז מחויב צו בעשיצען קינדער און ניט־דערוואקסענע מענשען פון דעם שאדען, וואָס זיי קענען אָנטון זיך אליין, איז ניט די גע־זעלשאפט פונקט אזוי מחויב צו בעשיצען מענשען פון דערוואק־סענע יאָהרען, וועלכע זיינען אקוראט אזוי אונפעהיג זיך צו בעו־הערשען? אויב אויסגעלאסענהייט, אָדער שכרות, אָדער קאר־טען שפיעלען, אָדער פוילקייט, אָדער א שמוציגע לעבען, זיינען אזא שטערונג פאר'ן גליק און אזא גרויסע מניעה פאר'ן פאָרט־

שריט, ווי א סך, אָדער ראָס־רוב פון די אקטען, וואס זיינען פער־באַטען פון געזעץ, איז ווארום (קען מען פרעגען) זאָל ניט דאָס געזעץ, אויף ווי ווייט עס איז פראקטיש און געזעלשאפטליך ביצ־־ וועם, ניט זעהן צו אונטערדריקען אָט די זאכען אויך? און ווי א צוגאָב צום געזעץ, וועלכער קען קיינמאָל ניט זיין פאָלקאָם, מוז ניט לכל הפחות די עפענטליכע מיינונג זיך נעהמען דערצו און אָרגאניזירען א שטארקע השגחה איבער אזעלכע עבירות און ארויפלעגען א שטרענגע געזעלשאפטליכע שטראָף אויף די, וועל־כע זיינען בעקאנט פאר אזעלכע בעלי־עבירות? דאָ איז ניט קיין פראגע (קען מען זאָגען) פון איינצוימען די אינדיווידואלי־טעט, אָדער פון שטערען מענשען צו פרובירען נייע און אָריגי־נעלע עקספערימענטען אין לעבען. דאָ רעדט מען נור פון שטערען אזעלכע זאכען, וועלכע זיינען שוין פרובירט און פערדאמט גע־וואָרען זייט די וועלט עקזיסטירט; זאכען, וואס די פראקטיקע האָט בעוויזען, אז זיי נוצען ניט פאר קיין מענשענ'ס אינדיווידו־אליטעט. עס מוז דאָך זיין א שיעור צו דער צייט־ און א סוף צו דער סומע פון ערפאהרונג, וועלכע איז נויטיג צו בעשטימען די ריכטיגקייט פון א געוויסער מאָראלער אָדער פראקטישער וואר־הייט: און אלץ וואָס מען פערלאנגט איז נור, מען זאָל ניט דער־לאָזען איין דור נאָך דעם אנדערן ארייגפאלען אין דעם זעלבען אָבגרונד, אין וועלכען די פאָריגע זיינען צו־גרונד געגאנגען.

איך בין מודה אין גאנצען, אז דאָס בייז, וואס א מענש טוט זיך אליין, קען אָנגרייפען אין ערנסט אי דורך די סימ־פאטיען, אי דורך די אינטערעסען, די, וועלכע זיינען נאָהענט פערבונדען מיט איהם, און אין א קלענערען גראד די געזעלשאפט בכלל. אויב שלעכטע אויפפיהרונגען פון אָט דעם סאָרט ברייני־גען איינעם מיט צו ברעכען א קלאָרע און בעשטימטע התחיבות, וואָס ער האָט צו איין מענשען אָדער צו עטליכע, דאמאָלסט טרעט ארויס זיין האנדלונג פון דער קאטעגאָריע פון „אייגענע אינטע־רעסען", און עס ווערט אן אקט, וועלכער אונטערוואַרפט זיך דער שטראָף פון מאָראלער פעראכטונג אין דעם ריכטיגען פשט פון דעם

וואָרט. אויב צום ביישפיעל, דורך שכרות אָדער פערשווענדונג איז א מענש ניט אים שטאנד צו צאהלען זיינע חובות, אָדער האָבענדיג גענומען אויף זיך די מאָראלע פעראנטווארטליכקייט פון א פאמיליע, איז ער צוליב דיזעלביגע סבה ניט פעהיג זי אויסצוהאלטען אָדער געבען איהר אן ערציהונג, פערדיענט ער כשר א פעראכטונג און מעג אפשר בעשטראָפט ווערען אויך; אָבער דאָס קומט איהם פאר ברעכען זיין חוב צו זיין פאמיליע אָדער צו זיינע קרעדיטאָרען, ניט פאר זיין פערשווענדעריי. אויב די מיטלען, וועלכע האָבען געדארפט געהן פאר זיי, וואָלטען אָבגעצויגען געוואָרען פון זיי און אריינגעלעגט אין דעם בעסטען געשעפט, וואָלט דער מאָראלער פערברעכען אלץ איינס געווען דערזעלביגער. א געוויסער דזשאָרדזש בארנוועל האָט ערמאָרדעט זיין אָנקעל כדי צו בעקומען געלד פאר זיין מעטרעסע. וואָלט ער איהם גע׳הרג׳ט כדי צו מאכען מיט׳ן געלד א גוט געשעפט, וואָלט מען איהם אלץ איינס געהאנגען. דאָסזעלבע אין די אָפטע פעלע, וואו א מענש פערשאפט זיין פאמיליע שמערצען, ווייל ער גיט זיך אב מיט שלעכטע געוועהנהייטען, — ער פערדיענט א פאָרוואורף פאר זיין הארטהערציגקייט און אונדאנקבארקייט; אָבער ער וואָלט פערדיענען דיזעלביגע זאך פאר געוועהנען זיך צו געהן אין דרכים, וועלכע זיינען פאר־זיך אליין גאר ניט קיין שלעכטע, אויב זיי פערשאפען שמערצען די מענשען, מיט וועמען ער פערברייננגט זיין לעבען, אָדער וועמעס נחת העננגט אָב פון איהם צוליב זיין פערזענליכע פערבינדונג מיט זיי. יעדער איינער, וועלכער האלט זיך קאלט צו אנדערע מענשענס געפיהלען און אינטערעסען, וועלכע ער איז בכלל מחויב צו אכטען, ווען ער איז ניט געצוואונגען זיך אזוי צו האלטען צוליב א נויטיגערן חוב, אָדער צוליב גערעכטע אייגענע אינטערעסען, פערדיענט א מאָראלען פאָרוואורף פאר די דאָזיגע קאלטקייט זיינע, אָבער ניט פאר די אורזאכע דערפון און ניט פאר די געוויסע פערזענליכע פעהלערן זיינע, וועלכע האָבען ניט־דירעקט געקענט פיהרען דערצו. אויף דעמזעלביגען אופן קען מען זאָגען אויף א מענשען,

אז ער טוט דער געזעלשאפט אן עולה, אויב ער מאכט זיך אליין אונפעהיג צו קענען נאָכקומען א געוויסען בעשטימטען חוב, וואס ער איז איהר שולדיג, צוליב אויפפיהרונגען, וואָס האָבען צו טון מיט זיין אייגענעם לעבען. קיין מענש דארף ניט ווערען בע־שטראָפט איינפאך דערפאר, ווייל ער איז שכור; אָבער א סאָל־דאט אָדער א פּאָליציי־מאַן מוז בעשטראפט ווערען פאר שכור זיין, בשעת ער איז אויף דיענסט. אין קורצען גערעדט, ווען נור עס איז דאָ א בעשטימטער שאָדען, אָדער א בעשטימטע ריזיקע פון א שאָדען, סיי צו א יחיד, סיי צום קהל, דאמאָלסט ווערט דער פאל ארויסגענומען פון דער קאטעגאָריע פון פרייהייט און ווערט אריינגעטראָגען אין דער קאטעגאָריע פון מאָראל אדער געזעץ.

וואָס געהערט אָבער צו די בלויז־צופעליגע, אדער וואס מען קען אָנרופען ה ש ע ר ה׳ ד י ג ע שאָדענס, וואָס א מענש איז גורם דער געזעלשאפט דורך אן אויפפיהרונג, וועלכע ברעכט ניט קיין בעשטימטען חוב צום פובליקום און ברייננט ניט קיין ממשות׳דיגען וועהטאג צו קיין אָנגערופענעם מענשען א חוץ זיך אליין, איז די אונבעקוועמליכקייט אזא, וואָס די געזעלשאפט קען בעהויפטען צו פערליידען, פון דער גרעסערער טובה וועגען פון דער מענשליכער פרייהייט. אויב דערוואקסענע מענשען מוזען בעשטראָפט ווערען פארוואָס זיי פאסען ניט אויף אויף־זיך, ווי עס דארף צו זיין, וואָלט איך שוין בעסער געוואָלט, זיי זאָלען קריגען זייער שטראף פון זייערטוועגען אליין, איידער צוליב דער פּרעטענזיע פון ניט דערלאָזען זיי אָבשוואכען זייערע כחות צו קענען ברייננען נוצען דער געזעלשאפט, וואָס די געזעלשאפט אליין פּרעטענדירט גאָר ניט, אז זי האָט א רעכט ביי זיי צו מאָהנען. איך קען אָבער ניט איינשטימען צו ארגומענטירען מכח דעם פונקט אויף אזא אופן, אזוי ווי די געזעלשאפט וואָלט ניט געהאט קיין אנדערע מיטלען ווי צו פיהרען איהרע שוואכערע מיטגלידער אויף דעם דרך הישר, וואס זי האט אליין אָבגעמאכט, סיידען נור צו וואַרטען, ביז זיי טוען עפּעס א נארישקייט, און דאמאָלסט בע־

שטראָפען זיי דערפאר מאָראליש אָדער געזעצליך. די געזעלשאפט האָט געהאט אן אבסאָלוטע מאכט איבער זיי אין דעם גאנצען משך פון דעם ערסטען טייל פון זייער לעבען: זיי זיינען געווען אין איהר רשות די גאנצע פעריאָדע פון זייער קינדהייט און יו־גענד, ווען זי האָט געקענט פראבירען ווירקען, זיי זאָלען אויס־וואקסען פעהיג צו לעבען ווי פערשטענדיגע מענשען. דער דור, וואס איז דאָ, איז דער בעל־הבית איבער דער ערציהונג און אי־בער דער גאנצער סביבה פון דעם דור, וואס וועט קומען. אמת, ער קען איהם ניט מאכען פאָלקאָם קלוג און גוט, ווייל איהם אליין פעהלט, צום בעדויערן, א היבשע ביסעל גוטסקייט און קלוגשאפט, און וואו ער לעגט אוועק די גרעסטע מיה אין איינצעלנע פעלע, קומט עס אויך ניט אלע מאָל ארויס זעהר געראָטען. אָבער ער האָט גאנץ גוט בכח צו מאכען, אז דער קומענדיגער דור בכלל זאָל זיין אזוי גוט און אפשר אביסעל בעסער, ווי ער איז אליין. אויב די געזעלשאפט דערלאָזט, אז א געוויסע צאהל פון איהרע מיט־גלידער זאָל אויסוואקסען פשוט׳ע קינדער, אויף וועלכע דער שכל׳דיגער בעגריף פון עפעס א ווייטערען מאָטיוו קען קיין ווירקונג ניט מאכען, איז זאָל זי אין כעס זיין אויף זיך אליין פאר די רעזולטאטען. בעוואפענט ווי זי איז, ניט נור מיט דעם גאנצען כח פון דער ערציהונג, נור אויך מיט דעם קאָנטראָלירענדען איינ־פלוס, וואָס די אויטאָריטעט פון אן אָנגענומענער מיינונג האָט אלע מאָל אויף די יונגע מוחות, וועלכע קענען נאָך ניט אליין אָבגעבען אן אורטייל; און אזוי ווי עס קומען איהר נאָך צו הילף די „נאטירליכע״ בעשטראָפונגען, וואָס דער פערזינדיגטער מוז אויסשטעהן פון די מענשען, וועמעס פעראכטונג ער ציהט אויף זיך ארויף, — דאן זאָל די געזעלשאפט ניט ארויסקומען מיט פרעטענזיעס און טענה׳ן, אז א חוץ אָט די אלע מיטלען מוז זי נאָך האָבען די מאכט ארויסצוגעבען אוקאזען און צווינגען מען זאָל איהר פאָלגען בנוגע די פערזענליכע עסקים פון איינצעלנע, וואס על פי אלע פרינציפען פון יושר און שכל דארפען שטעהן אונטער דעם בעשלוס פון די דאָזיגע פערזאָנען אליין, וועלכע

נעהמען אויף זיך די אחריות פון זייערע טהאטען. קיין זאך האָט ניט אזוי בטבע צו פסל'ן און בטל מאכען די בעסערע מיטלען ווי צו ווירקען אויף מענשען, ווי ווען מען כאפט זיך אָן פאר די ערגערע מיטלען. אויב עס געפינט זיך ביי די, וועמען מען וויל צווינגען צו לעבען מיט פּאָרזיכט און געמעסיגקייט, אביסעל פון דעם שטאָף, פון וועלכען שטארקע, אונאבהענגיגע כאראקטערען ווערען געבוים, וועלען זיי גאָר ניט אנדערש מאכען א מרידה אנט־קעגען אָט דעם יאָך. אזא מענש וועט קיינמאָל ניט האָבען דעם געפיהל, אז אנדערע האָבען א רעכט איהם צו קאָנטראָלירען אין זיינע עסקים, אזוי גוט ווי זיי האָבען א רעכט איהם אָבצוהאל־טען, ער זאָל זיי ניט פוגם זיין אין זייערע עסקים. געהן אויף להכעיס אָט דער פאלשער מלוכה פון דער אויטאָריטעט הויבט גאנץ לייכט אָן בעטראכט צו ווערען ווי א צייכען פון גייסטיגער שטארקייט און קוראזש; און דער סוף איז, אז מען טוט נאכהער בפרהסיא אקוראט דעם היפך, וואָס די אויטאָריטעט בעפעהלט: א שטייגער ווי עס איז געוואָרען די מאָדע צו פיהרען א מגושם'די־גען לעבען אין די צייטען פון טשארלס דעם צווייטען, נאָך די פריהערדיגע הערשאפט פון דער פאנאטישער מאָראלער אונטאָ־לעראנץ פון די פּוריטאנער. — וואָס עס איז נוגע דער טענה, אז מען מוז בעשיצען די געזעלשאפט פון דעם שלעכטען ביישפיעל, וואָס די פערדאָרבענע און אויסגעלאסענע שטעלען פאָר מיט זיי־ערע שלעכטע מעשים, איז עס טאקי ריכטיג, אז א שלעכטער ביישפּיעל קען האָבען א שעדליכע ווירקונג: איבערהויפּט האָט דער ביישפּיעל א שלעכטע ווירקונג, ווען מען זעהט, ווי איינער טוט שלעכטס דעם אנדערן און עס געהט איהם אראָב גאנץ גלאַט. אָבער מיר רעדען דאָך דאָ פון אזעלכע פיהרונגען, וואָס בעת זיי שאדען דעם אנדערן גאָר ניט, רעכענט מען, אז דעם טוער אליין שאדען זיי דווקא א סך, וואונדערט מיר, ווי אזוי מען קען דאָס ניט איינזעהן, אז אזא ביישפּיעל מוז בכלל זיין מעהר ניצליך איידער שעדליך; ווארים אויב עס בעווייזט די שלעכטע פיהרונג, בעווייזט עס דאָך אויך די שמערצליכע אדער בזיון'דיגע רעזול־

טאטען, וואָס מען מוז זיך פאַרשטעלען, אַז די שלעכטע פיהרונג רופט אַלע מאָל אַרויס, אויב זי איז ווירקליך אַזוי שעדליך, אַז זי האָט כשר פערדיענט, מען זאָל זי אַזוי מבזה זיין.

אָבער דער שטאַרקסטער אַרגומענט פון אַלע אַרגומענטען, פאַר וואָס דער עולם זאָל קיין דעה ניט האָבען בנוגע צו ריין־פערזענליכע פיהרונגען, איז דער פונקט, וואָס אַז דער עולם הויבט אָן זיך אַריינצומישען מיט זיינע דעות, מישט ער זיך דאָס רוב אַריין אַקוראַט דאָרט, וואו מען דאַרף ניט און ווען מען דאַרף ניט. ביי שאלות פון געזעלשאַפטליכער מאָראַל, פון חובות צו אַנדערע, איז די מיינונג פון פובליקום, ד. ה. פון דער גרעסערער מאַיאָריטעט, הגם אָפט פאַלש, דאָך מעהר אָפט עלול צו זיין גע־רעכט; וואָרים ביי אַזעלכע פראַגען פאָדערט זיך דאָך נור פון זיי אָבצוגעבען אַן אורטייל מכח זייערע אייגענע אינטערעסען, ווי אַזוי אַ געוויסע פיהרונג, אויב מען זאָל איהר ערלויבען צו ווע־רען פראַקטיצירט, וועט אָנגרייפען זיי גופא. די מיינונג אָבער פון אַט אַזאַ מאַיאָריטעט אַרויפגעצוואונגען ווי אַ חק ולא יעבור אויף דער מינאָריטעט, מכח שאלות פון אַ פערזענליכען סאָרט פיהרונ־גען, איז טאַקע אַזוי אָפט עלול צו זיין אומגערעכט ווי גערעכט; וואָרים וואָס בעדייט די עפענטליכע מיינונג אין אַזעלכע זאַכען? אין בעסטען פאַל בעדייט עס די מיינונג פון געוויסע מענשען מכח וואָס עס איז גוט און וואָס שלעכט פאַר אַנדערע מענשען, בעת זעהר אָפט מיינט עס אפילו דאָס אויך ניט: דאָס פובליקום איז זיך פשוט און גאַנץ קאַלטבלוטיג מבטל די בעקוועמליכקייט אָדער דעם נחת רוח פון יענע, וועמעס פיהרונגען עס איז מבזה, און קי־מערט זיך נור וועגען זיין אייגענעם גוסט, און מעהר גאָרנישט. פיעל זיינען פאַראַן, וועלכע קוקען אויף אַ פיהרונג, וואָס געפעלט זיי ניט, ווי אויף עפּעס, וואָס וואָלט זיי אַליין פערטשעפּעט, און זיינען זיך נוקם דערפאַר, ווי עס וואָלט ממש פערלעצט זייערע גע־פיהלען; פונקט ווי יענער פאַנאַטיקער, וואָס אַז מען האָט איהם אויסגערעדט, פאַרוואָס ער רעספּעקטירט ניט די רעליגיעזע געפיה־לען פון אַנדערע מענשען, האָט ער געענטפערט: פאַר וואָס אַרט זיי

ניט, ווי מיינע געפיהלען ליידען זעהענדיג, ווי זיי האָבען זיך איינ־
געשפארט אין זייער עקעלהאפטיגען גלויבען? עס איז אָבער קיין
דמיון ניטאָ צווישען איינעמ'ס „געפיהל“, וואָס ער האָט פאר זיין
מיינונג, און דעם אנדערענ'ס „געפיהל“ פון בעליידיגונג, פאר
וואָס יענער האלט אזא מיינונג; אקוראט ווי מען קען ניט פער־
גלייכען דעם גנב'ס „פערלאנג“ צו־צוגנב'נען יענעמ'ס בייטעל און
דעם אייגענטימער'ס „פערלאנג“, אז דאס בייטעל זאָל בלייבען ביי
איהם. און עס איז קלאָר, אז א מענשענ'ס געשמאק איז פונקט אזוי־
פיעל זיין אייגענער עסק, ווי זיין מיינונג אָדער ווי זיין בייטעל. עס
איז ניט שווער זיך פארצושטעלען אזא אידעעלען פובליקום, וועל־
כער שטערט ניט די פרייהייט און די ברירה פון די איינצעלנע
בנוגע אזעלכע זאכען, וואָס עס איז נאָך וועגען זיי ניט געפאסט
געווארען קיין בעשטימטע מיינונג, און פאָדערט נור זיי זאָלען זיך
אָבהאלטען פון אזעלכע פיהרונגען, וואָס די אלגעמיינע ערפאהרונג
האָט שוין אבגע'פסק'נט, אז זיי טויגען ניט. וואו איז אבער גע־
ןעהן געווארען אזא פובליקום, וואָס האָט אָט אזא גרעניץ אוועק־
געשטעלט פאר זיין אייגענער צענזור? אדער ווען טרעפט עס
אז דאָס פובליקום זאָל זיך איבערהויפט קימערן וועגען די אלגעמיי־
נע ערפאהרונג? בשעת ער מישט זיך אריין אין פערזענליכע
עסקים, איז גאנץ זעלטען, אז ער דיינקט וועגען עפּעס אנדערס, א
חוץ דעם „מורא'דיגען פערברעכען“ פון ערלויבען זיך צו פיהלען
און טון אנדערס ווי ער; און אָט דעם מאסשטאב פון אורטיילען
אביסעלע נור פערשטעלט שטעלען ארויס פאר דער מענשהייט, ווי
די געבאָט פון רעליגיאָן און פילאָזאָפיע, ניין צעהנטעל פון אלע
מאָראליסטען און פילאָזאָפישע שרייבער! זיי לערנען אונז, אז
געוויסע זאכען זיינען גערעכט, ווייל זיי זיינען גערעכט, ד. ה., ווייל
מיר פיהלען אז זיי זיינען אזוי. זיי הייסען אונז זוכען אין אונ־
זערע קעפּ און אין אונזערע הערצער די געזעץ פון אויפפיהרונג, וועל־
כע זיינען א „מוז“ פאר אונז און פאר אלע אנדערע. וואָס קען נעביך
דער אונוויסענדער עולם טון, ווי נור אָנווענדען אָט די לעהרען
און אָנהענגען זיינע אייגענע פערזענליכע געפיהלען פון גוטס און

שלעכט, (אויב ער איז אליין וויפיעל עס איז איינשטימיג מכח דעם), ווי א חוב אויף אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט?

די צרה, וואָס איז דאָ בעוויזען געוואָרען, איז ניט אזעלכע וואָס עקזיסטירט נור אין טעאָריע; און דער לעזער קען אפשר ערוואַרטען פון מיר, איך זאָל אָנגעבען די פעלע, וואו דאָס פובליקום ביי היינטיגע צייטען און דאָ אין לאנד ציהט ארויף אָהן א רעכט דעם מאנטעל פון מאָראלע געזעצ אויף זיין אייגענעם פשוט'ן רצון. איך שרייב אבער דאָ ניט קיין בוך וועגען די פערוויררונגען פון די היינטיגע מאָראלע געפיהלען. דאָס איז א צו־וויכטיגער ענין צו דיסקוטירען אזוי אגב אורחא, בדרך אילוסטראציע. דאָך דאַרף מען האָבען עטליכע ביישפיעלען צו בעווייזען, אז דער פּרינציפּ, פון וועלכען איך האלט, האָט א ערנסטע און פראקטישע וויכטיגקייט, און אז איך מאטער זיך דאָ ניט אויפצובויען א פעסטונג אנטקעגען געפאהרען, וועלכע עקזיסטירען נור אין איינבילדונג. און עס איז ניט שווער צו צייגען פון א מאסע פעלע, אז די טבע אויסצושפּרייטען וואָס מעהר די שליטה פון דער מאָראל־פּאָליציי, ביז זי קריכט ארויף אויף די בלי ספק גערעכטע פרייהייט פון יחיד, איז איינע פון די אלגעמיינסטע פון אלע מענשליכע נייגונגען.

אָט גאר צום ערסטען בעטראכט נור די שנאה, וואָס מענשען פיהלען איינע צו די אנדערע פאר קיין בעסערע אורזאכע ניט, ווי נור פאר וואָס מענשען פון אנאנדער גלויבען היטען ניט אָב די מצוות עשה'ס און איבערהויפּט די לא־תעשה'ס פון זייער רעליגיעזער תורה. מיר וועלען אָנכאפּען דוקא א אונבעדייטענדען ביישפיעל: פאר קיין זאך, וואָס די קריסטען גלויבען און טוען, זיינען די מאהמעדאנער ניט אזויפיעל פערביטערט אויף זיי, ווי פאר וואָס זיי עסען חזיר. עס זיינען פאראן ווייניג זאכען, וועלכע זיינען מעהר פער'מאוס'ט ביי קריסטען און אייראָפּעער, איידער די מאָדע פון חזיר־עסען איז פער'מיאוס'ט ביי די מוסולמאנער. עס איז, ערסטענס, א בעליידיגונג פאר זייער רעליגיאָן; אָבער אָט דער אומשטאנד ערקלערט בשום אופן ניט דעם ערך און דעם סאָרט עקעל,

וואס זיי פיהלען דערביי: והא ראיה, וויין טרינקען איז אויך פער־באטען פון זייער רעליגיאן, און אלע מוסולמאנער האלטען עס פאר אן אומרעכט צו געברויכען, עס איז אבער פאר זיי ניט עקעלדיג. זייער ווידער־ווילען צו דעם פלייש פון אט דעם „אומריינעם פיה" איז גאר פערקעהרט פון אזא בעזונדערען סארט, וועלכער איז א מין אינסטינקטיווע אנטיפאטיע, וואס דער געדאנק פון אומריינ־קייט, איינמאל אז ער האט זיך איינגעגעסען טיעף אין די געפיה־לען, שיינט אלע מאל ארויסצורופען אפילו ביי אזעלכע, וואס פער־זענליך זיינען זיי דוקא ניט אזוי מקפיד אויף ריינליכקייט, ווי צום ביישפיעל ביי די הינדוסען, וועלכע האבען א מערקווירדיגען געפיהל פון רעליגיעזער אומריינקייט. איצט שטעלט זיך פאר א פאלק וואו די מאיאריטעט זיינען מוסולמאנער, און אז אט די מאיארי־טעט וויל בשום אופן קיינעם אין גאנצען לאנד ניט ערלויבען עסען חזיר. אין מאחמעדאנישע לענדער וואלט דאס גאר קיין נייעס ניט געווען.*) וואלט די עפענטליכע מיינונג געהאט א רעכט צו גע־

*) די מעשה מיט די פארסער אין באמביי איז א זאנדערבארער פאל אקוראט צום פונקט. ווען אט דער פלייסיגער און מוטיגער פאלק, וועלכער שטאמט אב פון די פערזישע פייער־דיענער, איז אנטלאפען פון די קאליפען פון זיין לאנד און איז אנגעקומען אין מעריב־אינ־דיע, האבען די הינדוסען־הערשער זיי ערלויבט צו בעזעצען זיך אין לאנד, מיט דעם תנאי אז זיי זאלען ניט עסען קיין רינד־פלייש. ווען יענע געגענדען זיינען שפעטער אריינגעפאלען אין די הענד פון מאה־מעדאנישע הערשער, האבען די פארסער געקריגען א נייע ערלויבניס צו וואהנען אין לאנד, בתנאי ווידער אז זיי זאלען ניט עסען קיין חזיר. פון דער נויט צו פאלגען די הערשער איז אט די געוועהנהייט ביי זיי געווארען א צווייטע נאטור, און ביז אויף היינטיגען טאג עסען זיי ניט קיין רינד־פלייש און ניט קיין חזיר. הגם זייער רעליגיאן פאדערט דאס ניט, איז דאס צוריקהאלטען־זיך פון עסען אט די צוויי סארטען פלייש געווארען א מנהג פון זייער שטאם, און אין די מזרח־לענדער איז א מנהג א דין פון רעליגיאן.

ברויכען איהר מאָראַלע אויטאָריטעט פאַר אזא צוועק? און אויב ניט — פאַר וואָס ניט? פאַר דעם דאָזיגען פובליקום איז חזיר עסען א פּאָזיטיוו אבשטויסענדע זאַך. זיי גלויבען גאַנץ אויפריכטיג, אז דאָס איז פאַרבאָטען און פערהאַסט פון דעם אויבערסטען. דעם געבאָט וואָלט מען אפילו ניט געקענט מאַכען א פּאַרוואורף, אז דאָס איז א רעליגיעזע פערפאָלגונג. עס האָט לכתחלה טאַקע געקענט האָבען א רעליגיעזען אורשפּרונג, אָבער קיין רעליגיאָנס־פערפאָלגונג וואָלט עס דאָך ניט געקענט זיין, ווארים קיין רעליגיאָן זאָגט קיינעם ניט, אז ער מוז עסען חזיר. דער איינציגער ריכטיגער גרונד, פאַרוואס אזא פערבאָט וואָלט געוועז אומגערעכט, איז דער טעם, וואָס דאָס פובליקום האָט קיין עסק ניט זיך אריינצומישען אין די פערזענליכע געשמאַק־זאַכען און אין די ענינים פון פּריוואט־לעבען פון די איינצעלנע.

לאָמיר נעהמען אביסעל א נעהענטערען ביישפּיעל. די מאַיאָריטעט פון דער שפּאַנישער בעפעלקערונג האַלט, אז עס איז א גראָבע ניט־פרומקייט, וועלכע איז די העכסטע בעליידיגונג פאַר׳ן רבש״ע, אויב מען טוט תפילה צו איהם ניט על פי נוסח פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע; און קיין אנדערע עפענטליכע גאָטעס־דיענסט איז טאַקי אין גאַנץ שפּאַניען ניט געזעצליך. די פעלקער פון גאַנץ דרום־איירָאָפּאַ קוקען אויף פערהייראַטע גלחים שוין ניט צו־זאָגען ווי אויף אונרעליגיעזע מענשען, נור ווי אויף עפּעס, וואס איז טמא, מיאוס, גראָב, און עקעלדיג. וואָס דיינקען פּראָטעסטאַנטען פון אָט די גאַנץ־אויפריכטיגע געפיהלען און פון דעם פערזוך איינצופיהרען זיי אין קראַפט אנטקעגען אלע ניט־קאַטאָליקען? אויב די מענשהייט איז בערעכטיגט אריינצומישען זיך און זאָגען א דעה איבער די פרייהייטען פון איינצעלנע, וועלכע גרייפען ניט אָן קיין אנדערען׳ס אינטערעסען, איז אויף וועלכען פּרינציפּ קען מען לאָגיש אויסשליסען אָט די פעלע? אָדער ווי אזוי קען מען פאַראיבעל האָבען אויף מענשען פאַר וועלען אונטערדריקען דאָס, וואס זיי בעטראַכטען פאַר א סקאַנדאַל אין די אויגען פון גאָט און לייטען? מען קען ניט אָנגעבען קיין שטאַר־

קערען גרונד, פארוואָס מען זאָל מעגען פערבאָטען דאָס, וואס מען בעטראַכט פאר א פערזענליכע ניט־מאָראלע טהאַט, ווי דעם גרונד, וואס מען גיט אָן פאר אונטערדריקען דיזעלביגע זאַכען, ווייל אנדערע בעטראַכטען זיי פאר ניט־פרום; און סיידען מיר ווילען געברויכען די לאָגיקע פון אינקוויזיטאָרען, וועלכע זאָגען, אז מיר מעגען רודפ'ן אנדערע, ווייל מיר זיינען גערעכט, אָבער זיי טאָרען אונז ניט רודפ'ן, ווייל זיי זיינען אומגערעכט, מוזען מיר זיך היטען אָנצונעהמען א פרינציפּ, וועלכען מיר וואָלטען אב־געשמויסען ווי א גרויסע עולה, אויב מען וואָלט פּרובירען איהם אָנווענדען אויף אונז אליין.

מען וועט אפשר קענען אויסזעצען אנטקעגען די פריהערדיגע ביישפּיעלע, הגם אָהן א גרונד, אז זיי זיינען גענומען פון פעלע, וועלכע זיינען צווישען אונז גאָר אונמעגליך: עס האלט ניט דער־ביי, אז דאָ אין לאנד זאָל די עפענטליכע מיינונג פערבאָטען דעם געברויך פון פלייש, זאָל זיך אריינמישען אין די אופנים פון גאָ־טעס־דיענסט, אָדער זאָגען א דעה, צי גלחים זאָלען מעגען חתונה האָבען, צי ניין. דער נעכסטער ביישפּיעל, דעריבער, וועט שוין זיין פון א מין אָנגריף אויף פרייהייט, פון וועלכען מיר זיינען נאָך בשום אופן ניט איבערגעקומען די סכנה. אומעדום, וואו נור די פּוריטאנער האָבען געהאַט א גרויסע מאכט, ווי דהיינו אין די ניי־ענגלאנד שטאַטען פון אמעריקא און אין ענגלאנד גופא, אין דער צייט פון „קאָממאנוועלטה" (די ענגלישע רעפּובליק פון 1649 ביז 1660. — מ.), האָבען זיי אָנגעווענדעט אלע כחות, און א היבש ביסעל אויך אויסגעפיהרט, צו אונטערדריקען אלע עפענט־ליכע און כמעט אלע פּריוואטע אמוזירונגען: ספּעציעל מוזיק, טאנצען, עפענטליכע שפּיעלען, אָדער אנדערע חברותא'ס צום פער־ברייננגען, און דעם טעאטער. עס זיינען עד היום נאָך פאראן דאָ אין לאנד מאסען מענשען, וואָס לויט זייער בעגריף פון מאָראל און רעליגיאָן זיינען ביי זיי אָט די אלע פערגעניגענס טריף; און אזוי ווי די דאָזיגע מענשען געהערען דאָס רוב צום מיטעל־קלאַס, וועלכער איז אין דער היינטיגער פּאָליטישער און געזעלשאפטלי־

כער לאגע אן אויפגעקומענע מאכט, איז דאָס גאָר ניט אונמעגליך, אז מענשען מיט אזעלכע מיינונגען וועלען ווען עס איז קריגען א מאיאָריטעט אין פארלאמענט. ווי וועט עס יעמאלט שמעקען די איבעריגע טיילען פון דער געמיינדע, אז די דעה וועלכע אמוזירונגען זיי זאָלען מעגען האָבען, וועט אָבהענגען פון די רעליגיעזע און מאָראלע געפיהלען פון די ארטאָדאָקסישע קאלוויניסטען און מעטאָדיסטען? וואָלטען זיי ניט גאנץ שטארק געוואונשען, אז אָט די פרומע סטראפּטשעס זאָלען ניט רוקען זייער נאָז, וואו מען בעט זיי ניט? פונקט דאָסזעלביגע דארף מען זאָגען צו יעדער רעגירונג און צו יעדען פובליקום, ווען זיי קומען ארויס מיט פּרעטענזיעס, אז קיינער טאָר ניט געניסען קיין פערגעניגען, וועלכער געפעלט זיי ניט. אויב אָבער מען איז מודה אין דעם פּרינציפּ פון אזעלכע פּרעטענזיעס, האָט קיינער קיין גרונד ניט אויסצוזעצען אנטקעגען איינפיהרען דאס אין דער פּראקטיקע, אין דעם זין פון דער מאיאָריטעט אָדער פון אנאנדער שטארקער מאכט אין לאנד; און אלע מענשען מוזען זיין גרייט איינצושטימען מיט דער אידעע פון א קריסטליכען קהל, ווי די ערסטע עמיגראנטען פון ניי־ענגלאנד האָבען דאס פערשטאנען, אויב אזא רעליגיעזע לעהרע ווי זייערע וועט אמאָל האָבען דאָס גליק ווידער אויפצוהויבען דעם קאָפּ, ווי עס האָט זיך שוין געטראָפען אמאָל מיט רעליגיאָנען, אויף וועלכע מען האָט געמיינט, אז זיי געהען אונטער.

מיר וועלען זיך פאָרשטעלען נאָך א פאל, וועלכער איז אפשר מעהר מעגליך מקוים צו ווערען, איידער דער לעצטער ביישפּיעל, וואָס מיר האָבען דערמאָנט. אלע זיינען מודה, אז אין היינטיגער וועלט איז דאָ א שטארקע טענדענץ, וואָס פיהרט צו א דעמאָקראטישען געבוי פון דער געזעלשאפט, בעגלייט אדער ניט מיט פּאָפּולערע פּאָליטישע אינסטיטוציעס. מען זאָגט, אז אין דעם לאנד, וואו אָט די טענדענץ איז גאָר אין גאנצען מקוים געווארען — אין די פעראייניגטע שטאטען, וואו אי די רעגירונג, אי די געזעלשאפט זיינען העכסט דעמאָקראטיש, — איז דער געפיהל פון

דער מאיאָריטעט, וועלכע קען ניט פערטראָגען דעם שיין פון א מעהר גלענצענדען אדער טייערערען אופן פון לעבען, ווי זיי אליין קענען האָפען צו פיהרען, אזוי שטארק, אז ער האָט די ווירקונג פון א היבש־שטרייגגען „הוצאות־געזעץ״; און אז אין פיעלע טיילען פון לאנד איז ווירקליך שווער פאר א מענשען, וואָס בעזיצט א זעהר גרויסען פערמעגען, צו געפינען אופנים פון פערלעבען זיין הכנסה, וועלכע זאָלען ניט ארויסרופען א פארוואורף פון עולם. הגם אזוינע מעשיות זיינען אודאי א סך איבערטריבען, און גיבען מסתמא ניט קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג פון די ווירקליכע פאקטען, דאָך איז דער צושטאנד, וואָס זיי בעשרייבען, ניט נור א בעגרייפליכער און א מעגליכער, נור אויך א וואהרשיינליכער רעזולטאט פון דעמאָקראטישע געפיהלען, פערבונדען מיט דעם געדאנק, אז דער עולם האָט א וועטאָ־רעכט איבער דעם אופן, ווי יחידים זאָלען פערלעבען זייערע הכנסות. מיר דארפען ווייטער זיך נור פאָרשטעלען א היבשע פערשפרייטונג פון סאָציאליסטישע מיינונגען, און אין די אויגען פון דער מאיאָריטעט קען עס פאָרקומען ווי אן אונגעהויערע שאנדע צו פערמעגען מעהר אייז דער א גאנץ קליינעם אייגענטום, אדער האָבען א וועלכע עס איז הכנסה, וואָס קומט ניט דורך די אייגענע יגיע כפים. מיינונגען, וועלכע זיינען עהנליך צו די אין פרינציפ, זיינען שוין איצטער ווייט פערשפרייט צווישען דעם ארבייטער־קלאס און פאלען צו לאסט אויף יענע, וועלכע מוזען זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון אָט דעם קלאס, נעמליך אויף די מיטגליעדער פון דעם ארבייטער קלאס גופא. עס איז בעקאנט, אז די ערגערע בעלי־מלאכות, וועלכע זיינען די גרעסטע צאהל פון די ארבייטער אין א סך צווייגען פון אינדוסטריע, האָבען א פעסטע מיינונג, אז שלעכטע בעלי־מלאכות דארפען קריגען דעמזעלבען לוין וואָס גוטע, און אז קיינער זאָל ניט טאָרען, ארבייטענדיג פון שטיק אדער אנדערס־ווי, פערדיענען דורך העכערע פעהיגקייט אדער פלייסיגקייט מעהר, איידער אנדערע קענען פערדיענען אָהן דעם. און זיי בענוצען זיך מיט א מאָראלען צוואנג, וועלכער ווערט אָפטמאָל א פיזישער

צוואנג, ניט צו דערלאָזען פעהיגע ארבייטער נעהמען, און די בעלי בתים געבען, א גרעסערען לוין פאר בעסערע ארבייט. אויב דער עולם האָט א וועלכען עס איז רעכט איבער פּריוואטע עסקים, זעה איך ניט איין, פארוואָס זיינען אָט די מענשען אומגערעכט, אדער פארוואָס מען זאָל טאדלען וואָסער עס איז חברה, וועלכע שטעלט אוועק דיזעלביגע אויטאָריטעט איבער איהרע מיטגליע־דער'ס פיהרונגען, וואָס די גאנצע געזעלשאפט שטעלט אוועק אי־בער אלע מענשען בכלל.

אָבער מען דארף זיך גאר ניט אָבשטעלען אויף אזעלכע מ ע ג ל י כ ע פעלע. עס זיינען היינטיגען טאָג פאראן גראָבע פער־גוואלטיגונגען פון דער פרייהייט פון פּריוואט־לעבען, וועלכע ווע־רען ווירקליך פראקטיצירט, און נאָך גרעסערע, וועלכע זיינען א סכנה, וואס קען באלד ווערען. מייגונגען ווערען פאָרגעבראכט, וועלכע גיבען דעם עולם אן אונבעגרענצטען רעכט ניט נור צו פערבאָטען דורכ'ן געזעץ אלץ, וואס ער האלט פאר שעדליך, נור צו פערבאָטען, ווי א גדר און א סיג, אפילו אזעלכע זאכען, וואָס דאָס פּובליקום אליין איז מודה, אז זיי זיינען אונשולדיגע טהאטען.

אונטער דעם נאָמען פון פערמיידען שכרות איז פערבאָטען געזעצליך אין איין ענגלישער קאָלאָניע (אויסטראליען) און כמעט אין א העלפט פון די פעראייניגטע שטאטען צו געברויכען שטאר־קע געטרענק אויף אירגענד וועלכען אופן, א חוץ פאר א רפואה אין מעדיצין: ווארים ניט טאָרען פערקויפען מיינט פאקטיש — און דאָס איז טאקי די כונה פון דעם — ניט טאָרען זיי געברוי־כען. און הגם די פראקטישע שווערקייט אויסצופיהרען דעם גע־זעץ האָט מיטגעבראכט מען זאָל איהם אָבשאפען אין עטליכע שטאטען, וואו ער איז אָנגענומען געווארען, ארייגרעכענדיג אויך דעם שטאט (מעין), וועלכען נאָמען ער טראָגט (מעין געזעץ —מ.), — פון דעסטוועגען איז געמאכט געווארען א פערזוך, און פיעלע אויסגעשפּראָכענע „פילאנטראָפען" ארבייטען פאר דעם מיט גרויס התלהבות, צו אגיטירען פאר אזא מין געזעץ אויך דאָ

אין ענגלאנד. די געזעלשאפט, אָדער „אליאנץ“, ווי זי רופט זיך, וועלכע האָט זיך געגרינדעט פאר דעם צוועק, האָט געקראָגען א שטיקעל שם דורך דער אבגעדרוקטער קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איז אָנגעגאנגען צווישען איהר סעקרעטאר און איינעם פון די זעהר וועניגע ענגלישע קהל'שע מענשען, וועלכע האלטען נאָך, אז א פּאָליטיקער'ס מיינונגען דארפען זיין בעגרינדעט אויף פּרינציפּען (לאָרד סטאנלעי'ס חלק אין דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענציע פערשטארקט די האָפנונגען, וואָס זיינען געבויט געוואָרען אויף איהם פון די, וועלכע ווייסען ווי זעלטען, צום אומגליק, מען טרעפט אָן אָט די מעלות, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען אין זיינע עפענטליכע שטעלונגען, ביי די, וועלכע שפּיעלען א ראָלע אין פּאָליטישען לעבען). דער אָרגאן פון דעם אליאנץ, וואָס, ווי ער שרייבט, „וואָלט זעהר בעדויערן דאָס אננעהמען פון אזא פּרינציפּ, אין וועלכען מען וואָלט געקענט אריינלעגען מיט געוואלט די מיינונג, אז ער בערעכטיגט צבוע'צטוואָ און רדיפות“, נעהמט זיך אונטער צו בעווייזען „דעם ברייטען גראָבען, וועלכען מען קען ניט אריבערשפּריינזען“, וואָס טיילט אָב אזעלכע מיינונגען פון די פּרינציפּען פון זיין „געזעלשאפט“. „אלע זאכען, וואָס האָבען א שייכות מיט געדאנקען, מיינונגען און ענינים פון געוויסען, שטעהען נאָך מיין מיינונג, זאָגט ער, מחוץ דעם רשות פון געזעצגעבונג; אלץ אָבער, וואָס געהערט צו א געזעלשאפטליכער טהאט, א געוועהנהייט אדער א שייכות, איבער וועלכער דער שטאאט אליין האָט א דעה צו זאָגען, ניט דער יחיד, שטעהט א י ן דעם רשות פון געזעצגעבונג“. ער פערגעסט דאָ צו דערמאָנען א דריטע קאטעגאָריע, וועלכע איז פערשיידען פון יענע ביידע, און דאָס איז: די אקטען און געוועהנהייטען, וועלכע זיינען ניט געזעלשאפטליכע, נור אינדיווידועלע, הגם עס איז דאָך גאנץ קלאָר, אז דער אקט פון טרינקען שטארקע געטרענק געהערט דוקא צו אָט דער קאטעגאָריע. אמת, פערקויפען שטארקע געטרענק איז מסחר, און מסחר איז א געזעלשאפטליכער אקט. אָבער מיר בעקלאָגען זיך דאָ ניט, וואָס מען גרייפט אָן דעם פערקויפער'ס פריי־

הייט, נור וואָס מען גרייפט אָן די פרייהייט פון קונה און פון
דעם געברויכער: ווארים דער שטאאט וואָלט פונקט אזוי גוט גע־
קענט פערבאָטען א מענשען צו טרינקען וויין, ווי צו נעהמען בכיון
און מאכען עס זאָל זיין אונמעגליך צו קריגען וויין.

דער סעקרעטאר אָבער זאָגט זיך ווייטער: „איך פאָדער ווי
א בירגער צו האָבען א רעכט צו מאכען געזעצען ווען נור מיינע
געזעלשאפטליכע רעכט ווערען אָנגעגריפען דורך א געזעלשאפטלי־
כע טהאט פון אנאנדער בירגער“. און נאכדעם קומט די ערקלע־
רונג, וואָס ער מיינט דערביי, ווען ער זאָגט „געזעלשאפטליכע
רעכט“: „אויב וואָס עס איז גרייפט אָן מיינע געזעלשאפטליכע
רעכט, גרייפט עס אודאי אָן דער מסחר מיט שטארקע געטרענק.
ער צושטערט מיין ערסטען רעכט פון ז י כ ע ר ה י י ט דערמיט,
וואָס שטענדיג שאפט ער און רייצט אויף געזעלשאפטליכע אונ־
אָרדנונגען. ער גרייפט אָן מיין רעכט פון ג ל י י כ ה י י ט דורך
דעם, וואס ער מאכט א פראָפיט, שאפענדיג צרות, וועלכע איך
מוז העלפען מיט מיין צאהלען שטייערן. ער שטערט מיין רעכט
צו געניסען א פרייע מאָראלע און אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג
דערמיט וואָס ער רינגעלט ארום מיינע שטעגען מיט געפאהרען
און וואס ער שוואכט אָב און פערדארבט די געזעלשאפט, פון וועל־
כער איך האָב א רעכט צו פאָדערן געגענזייטיגע הילפע און א
מענשליכען פערקעהר“. — אָט איז א טעאָריע פון „געזעלשאפט־
ליכע רעכט“, וואָס איהר גלייכען האָט נאָך קיינמאָל ניט געפונען
אן אויסדרוק אין אזעלכע קלאָרע דבורים: ווארים בסך הכל בע־
הויפטעט זי גאר א „קלייניגקייט“ — אז יעדער איינצעלנער מענש
האָט אן אבסאָלוטען געזעלשאפטליכען רעכט צו פאָדערן פון יע־
דען אנדער מענשען, אז ער זאָל זיך אויפפיהרען אין אלע פרטים
פינקטליך ווי מען דארף; און אז אויב אימיצער איז ניט גוט און
פרום אין קלענסטען פרט, גרייפט ער אָן דערמיט מיין געזעל־
שאפטליכען רעכט, און איך מעג פאָדערן פון דער לעגיסלאטור
זי זאָל אָבשאפען די עולה! אזא טייפעלשער פרינציפ איז א סך
מעהר געפעהרליך, ווי יעדער אנדער אָנגריף אויף פרייהייט. עס

איז ניטאָ קיין איין פערברעכען געגען פרייהײט, וואָס אָט דער פּרינציפּ וואָלט ניט קענען בערעכטיגען. ער אנערקענט גאר קיין רעכט ניט אויף פרייהייט איבערהויפּט, א חוץ אפשר די פרייהייט צו האלטען מיינונגען בסוד און קיינמאָל זיי ניט ברייננען אויפ'ן מויל: ווארים אזוי שנעל ווי איינער בריינגט פאר די ליפּען א מיינונג, וועלכע איך האלט פאר שעדליך, גרייפט ער גלייך אָן אלע „געזעלשאפטליכע רעכט", מיט וועלכע דער אליאַנץ האָט מיך בעשאָנקען... די לעהרע בעהויפּטעט פּשוט, אז די גאנצע מענשהייט האָט א בעשטימטען אינטערעס אין יעדען איינעמ'ס מאָראלער, אינטעלעקטועלער און אפילו פיזישער פּאָלקאָמענהייט, און יעדערער, וואָס וויל מאָנען זיין חלק, קען אויסטייטשען לויט זיין אייגענעם מאסשטאב נאָך, וואס פאר א פּאָלקאָמענהייט ער פערלאנגט פון דעם אנדערן.

נאָך א וויכטיגער ביישפּיעל פון א אונגערעכטען אָנגריף אויף די בערעכטיגטע פרייהײט פון איינצעלנעם, אן אָנגריף, וואָס איז שוין פון לאנג איינגעפיהרט געווארען מיט נצחון, ניט וואָס מען דארף מורא האָבען טאָמער וועט מען איינפיהרען, — זיינען די זונטאג־געזעצען. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז אָברוהען איין טאָג אין וואָך, אויף ווי ווייט די אומשטענדען פון לעבען ערלויבען, הגם עס איז ניט קיין רעליגיעזער חוב אויסער פאר אידען, איז א גאנץ ניצליכער מנהג. און אזוי ווי מען קען דעם מנהג ניט אָבהיטען, סיידען ווען אלע קלאסען ארבייטער שטימען איין דערצו, — ווארים אויב איינינע ארבייטען, מוזען שוין אנדערע אויך ארבייטען, — דעריבער קען דער שטאאט האָבען דאָס רעכט, און מעג זיך ערלויבען צו גאראנטירען יעדען איינעמ דורכ'ן געזעץ, אז אלע איבעריגע וועלען אויך האלטען רוה א געוויסען בעשטימטען טאָג. אבער אָט די בערעכטיגונג, וועלכע איז געבויט אויף דעם גרונד פון דעם אינטערעס, וואָס אנדערע האָבען, אז יעדער איינער זאָל אָבהיטען דעם מנהג, קען ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף אליין אויסגעקליבענע בעשעפטיגונגען, מיט וועלכע א מענש וויל זיך פערברייננען זיין לעדיגע צייט; און דאָס קען

אויך בשום אופן ניט דיענען פאר א גרונד פון געזעצליכע בע־שרענקונגען אויף פערגעניגען־פלעצער. עס איז אמת, אז איינעמ׳ס פערגעניגען איז דעם אנדערענ׳ס א טאָג ארבייט; אָבער די פער־געניגען, שוין ניט צו רעדען די נויטיגע ערהאָלונג, פון א סך מענשען, איז ווערטה עטליכע זאָלען דארפען צוליב דעם ארביי־טען, — בתנאי, פערשטעהט זיך, אז זיי האָבען פרייוויליג זיך אויסגעקליבען זייער בעשעפטיגונג און זיי קענען פרייוויליג זי אויפגעבען. די ארבייטער זיינען פאָלשטענדיג גערעכט, ווען זיי דיינקען, אז אויב אלע וואָלטען געארבייט זונטאג, וואָלטען זיי געמוזט געבען זיבען טאג ארבייט פאר זעקס טאג געצאהלט: אָבער כל זמן דאָס רוב ארבייט איז דעם טאָג אבגעשטעלט, קריגט די קליינע צאהל, וואָס ארבייט דעם שבת־טאָג כדי צו פערשאפען פערגעניגען פאר אנדערע, א הוספה לפי ערך פון זייער ארבייט; און זיי זיינען ניט מחויב צו טון די ארבייט, אויב זיי זיינען מוחל די הוספה און ווילען האָבען אביסעל לעדיגע צייט. טאָמער איז נויטיג נאָך א מיטעל, קען מען פאר אָט דעם קלאס ארבייטער איינפיהרען א ספעציעלען יום־טוב אין אנאנדער טאָג פון וואָך. דער איינציגער גרונד, וואָס מען קען געפינען צו בערעכטיגען די זונטאג־געזעצען, בלייבט נור, וואָס די רעליגיאָן פערבאָט דאָס, — און אנקעגען אָט דעם גרונד, ווי א מאָטיוו פאר געזעצגעבעריי, קען מען קיינמאָל ניט צו־שטארק פראָטעסטירען. „זאָל גאָט אליין זיך אָננעהמען זיין קריוודע״! קיינער האָט נאָך ניט בעוויזען, אז די געזעלשאפט, אדער עטליכע פון איהרע פאָרשטעהער, האָבען א קאָמיסיע פון „אויבען״ זיך נוקם צו זיין פאר יעדע כלומר׳שטדיגע בעליידיגונג פון דעם אלמעכטיגען, וועלכע איז ניט אין דערזועלבער צייט אויך אן אומרעכט פון בין אדם לחבירו. דער געדאנק, אז יעדער מענש איז מחויב צו זעהן, אז דער אנ־דערער זאָל זיין פרום, איז געווען דער פונדאמענט פון אלע רע־ליגיעזע רדיפות, וואס זיינען ווען עס איז בעגאנגען געווארען; און אויב מען איז מודה אין דעם געדאנק, זיינען די רדיפות טאַ־קי געווען אין גאנצען בערעכטיגט. הגם דער גרימצאָרן, וואָס

לאָזט זיך פיהלען אין די שטענדיגע בעמיהונגען צו פערבאָטען פאָהרען מיט'ן אייזענבאהן אום זונטאג, צו האלטען אָפען די מוזעאומס און דערגלייכען, האָט ניט אין זיך די אכזריות פון די אלטע אינקוויזיטאָרען, — איז אָבער דער גייסטיגער צושטאנד פון די דאָזיגע מענשען אין גרונד גענומען דערזעלביגער. עס איז א פעסטער בעשלוס ניט צו דולדען, אז אנדערע זאָלען טון, וואָס זייער רעליגיאָן ערלויבט זיי, ווייל דעם אינקוויזיטאָר'ס רעליגיאָן ערלויבט דאָס איהם ניט צו טון. עס איז א גלויבען, אז אויסער דעם, וואס גאָט פערהאסט די מעשים פון א פאלש־גלויביגען, וועט ער אויך אונז ניט שאנעווען, אויב מיר וועלען די זינדיגע לאָזען צו־רוה.

איך קען זיך ניט צוריקהאלטען פון צו־לעגען צו די פריהער־דיגע ביישפיעלען ווי אזוי מען מאכט א קורצען חשבון מיט דער מענשליכער פרייהייט, די אָפענע שפראך פון פשוטע רדיפות, וועלכע גיסט זיך אוים פון צייט צו צייט אין דער היגער פרעסע יעדעס מאָל, וואָס זי איז זיך מישב צו שענקען איהר אויפמערק־זאמקייט דער מערקווירדיגער ערשיינונג פון מארמאָניזם. עס איז פאראן פיעל צו רעדען וועגען אָט די אונערווארטעטע ערשיינונג. עס איז א בעלעהרענדער פאקט, אז א כלומר'שט־נייע ענטפלע־קונג (התגלות השם) און א רעליגיאָן, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם, — א פשוט'ער שווינדעל, וועלכען מען קען אַנטאפּען מיט די הענד, וואָס האָט אפילו ניט דעם פרעסטיזש פון א גרויסען גרינדער, וועלכער קען פערבלענדען די אויגען מיט זיינע וואונ־דערבארע מעלות, — אזא רעליגיאָן קריגט הונדערטע טויזענד גלויביגע און איז געווארען דער פונדאמענט פון א נייער געזעל־שאפט, היינטיגען טאָג, אין א וועלט פון צייטונגען, אייזענבאה־נען און עלעקטרישע טעלעגראפען! וואָס אונז אָבער אינטערע־סירט דא, איז דער פאקט, אז אָט די נייע רעליגיאָן, גלייך ווי אנ־דערע און בעסערע רעליגיאָנען, וואָס זיינען געוועזן פאר איהר, האָט שוין איהרע מארטירער; אז איהר פראָפעט און גרינדער איז דער'הרג'עט געווארען פון א המון פאר זיין נייע לעהרע; אז

אַנדערע נאָכפאָלגער פון אט דער רעליגיאָן האָבען פערלאָרען זייער לעבען אויף דעמזעלביגען אופן פון געוואלט; אז מען האָט זיי, אלעמען מיט א מאָל, ארויסגעטריבען מיט געוואלט פון דעם לאנד, וואו זיי זיינען צוערסט אויסגעוואקסען, און אז איצטער, בעת מען האָט זיי שוין פארטריבען אין א איינזאמען ווינקעל, אין מיטען פון א וויסטעניש, זיינען נאָך פאראן ביי אונז א סך מענשען, וועלכע ערקלערען אָפען, אז עס וואָלט געווען רעכט (די צרה איז נור, וואס ס'איז ניט בעקוועם) צו שיקען אויף זיי א שטראָף־עקס־פעדיציע, און צווינגען זיי מיט געוואלט, זיי זאָלען איינשטימען מיט די מיינונגען פון אנדערע מענשען!

דער פונקט אין דער מאָרמאָנישער תורה, וועלכער איז די הויפט סבה פון דער אנטיפאטיע, וואָס ברעכט דורך אלע גדרים פון רעליגיעזער טאָלעראנץ, איז די סאנקציע פון פאָליגאמיע (פיעלווייבעריי); און הגם די פאָליגאמיע איז ערלויבט אויך ביי די מאחמעדאנער, הינדוסען און כינעזער, פון דעסטוועגען איז דער כעס אויף די מאָרמאָניטען אזוי גרוים הפנים דערפאר, ווייל זיי רעדען ענגליש און האלטען זיך פאר א מין קריסטען. קיינער קען ניט פעראכטען אָט די אינסטיטוציע פון מאָרמאָניזם מעהר ווי איך; א חוץ אנדערע טעמים, אויך צוליב דעם, ווייל לאַדי וואָס דער פּרינציפּ פון פרייהייט בערעכטיגט דאָס ניט אויף קיין אופן, איז עס גאר א דירעקטע פערלייקענונג פון דעם פּרינציפּ אין דעם, וואס די פאָליגאמיע שמידט איין אין קעטען איין העלפט פון דער געמיינדע (די פרויען — מ.) און בעפרייט די אנדער העלפט פון געגענזייטיגע התחיבות צו זיי. דאָך, מוז מען געדיינקען, אז די פרויען וועלכע טרעטען אריין אין די דאָזיגע שייכות און ליידען פון דעם, טוען עס פונקט אזוי פרייוויליג, ווי ווען זיי טרעטען אריין אין די שייכות פון יעדער אנדער פארמע פון הייראט. און ווי איבערראשענד דער פאקט זאָל פאר אונז ניט זיין, קען זיך דאָס ערקלערען דורך דעם, וואָס אזוי ווי די אלגעמיינע מיינונגען און מנהגים פון דער וועלט לערנען די פרויען צו דיינקען, אז הייראטען איז זייער איינציגער צוועק אין לעבען, טראכ־

טען זיי זיך מסתמא, אז עס איז בעסער צו זיין דאָס ווייב פון א מאַן, וואָס האָט נאָך ווייבער, איידער גאָר ניט צו זיין קיין ווייב. דערצו פערלאַנגען זיי דאָך ניט, אז אנדערע לענדער זאָלען אָנער־קענען זייערע הייראַטען, אָדער זיי זאָלען בעפרייען א טייל פון זייערע איינוואָהנער פון צו פאָלגען די געזעצען פון לאַנד, מחמת זיי האַלטען דעם מאָרמאָנישען גלויבען. אָבער וויבאַלד אז אָט די אָבטריניגע האָבען נאָכגעגעבען זייערע געגנער א סך מעהר, וויפיעל מען וואָלט געקענט מיט רעכט פון זיי פאָדערן; וויבאַלד זיי האָבען פערלאָזען די לענדער, וואו מען האָט זייערע לעהרען ניט געוואָלט ליידען, און האָבען זיך בעזעצט אין א ווייטען ווינ־קעל פון דער ערד, וועלכען זיי האָבען פערבויט, און זיי זיינען גע־ווען די ערסטע צו מאַכען מענשען זאָלען דאָרטען קענען וואָה־נען, — איז שווער צו זעהן, לויט וועלכען פרינציפּ נאָך, א חוץ טיראַניי, קען מען זיי שטערען צו לעבען דאָרטען אונטער וועל־כע געזעצען זיי ווילען, כל זמן זיי גרייפען ניט אָן אנדערע נאַ־ציאָנען און גיבען יעדען איינעם פאָלקאָמענע פרייהייט צו פער־לאָזען זיי, אויב ער וויל מעהר ניט געהן אין זייערע וועגען.

א נייער שרייבער, אין געוויסע פּרטים א גאַנץ פעהיגער, שלאָגט פאָר (ווי ער דריקט זיך אויס), מען זאָל אָנפיהרען ניט קיין קרייץ־צוג, נור א ציוויליזאַציאָנס־צוג אנטקעגען דער פּאָליגאַמי־שער געמיינדע, און מען זאָל מאַכען א סוף פון דער דאָזיגער אינס־טיטוציע, וועלכע שיינט איהם צו זיין א טריט צוריק אין אונזער ציוויליזאציע. א טריט צוריק שיינט זי צו זיין מיר אויך; איך וויים אָבער ניט, צי איין געמיינדע האָט א רעכט צו צ ו ו י נ ג ע ן אנאנדערע, זי זאָל זיין ציוויליזירט. כל זמן די, וואָס ליידען פון דעם שלעכטען געזעץ, בעטען ניט קיין הילפע ביי אנדערע געמיינ־דען, קען איך ניט צוגעבען, אז זייטיגע מענשען, וועלכע האָבען קיין פערבינדונג ניט מיט זיי, דאַרפען זיך אריינמישען און פער־לאַנגען, אז א צושטאַנד, מיט וועלכען די דירעקט פעראינטערע־סירטע שיינען צו זיין גאַנץ צופריעדען, זאָל אונטערדריקט ווערען נור דעריבער, וויל מענשען, וואָס וואָהנען טויזענדער מיילען ווייט

פון זיי און האָבען מיט זיי קיין מגע ומשא ניט, בעטראַכטען דאָס פאר א סקאנדאל! זאָלען זיי שיקען מיסיאָנערען, אויב זיי ווילען, און פרעדיגען געגען די פּאָליגאמיע; זאָלען זיי זעהן מיט אלע עהרליכע מיטלען (פערמאכען יענע לעהרער די מיילער מיט געוואלט איז ניט איינער פון די עהרליכע מיטלען), אז אזעלכע לעהרען זאָלען ניט קענען האָבען קיין ערפאָלג ביי זייער אייגענעם פאָלק. אויב ציוויליזאציע האָט געקענט בייקומען בארבאריי, ווען די בארבאריי האָט פאר זיך געהאט די גאנצע וועלט, איז דאָס אביסעל איבערגעכאפּט די מאָס איצטער, ווען די בארבאריי איז על כל פנים דאָך בעזיעגט, צו שרעקען דעם עולם, אז אַט־אַט לעבט זי ווידער אויף און וועט בעזיגען די ציוויליזאציע. א ציוויליזאציע, וועלכע קען אזוי לייכט פאלען פאר איהר בעזיגטען פיינד, האָט געמוזט אפריהער אזוי פערדאָרבען ווערען, אז ניט איהרע אָנגעשטעלטע כהנים און לעהרער, ניט ווער עס איז אנדערס, קענען אָדער ווילען זיך נעהמען די מיה איינצושטעלען זיך פאר איהר. אויב דאָס איז אזוי, איז וואָס גיכער אזא ציוויליזאציע קריגט א צעטעל זיך אָבצוטראָגען, אלץ בעסער. אויב אזוי, קען זי נור ווערען וואָס ווייטער אלץ ערגער, ביז זי וועט אין גאנצען פערניכטעט ווערען און — ווידער פון דאָס־ניי אויפלעבען, ווי די מעריב־וועלט האָט אויפגעלעבט, דורך ענערגישע בארבארען.

## פינפטער קאפיטעל

### די אַנווענדונגען

די פרינציפּען, וועלכע זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען דאָ אויף די בלעטער, וועלען מוזען מעהר אין אלגעמיין אַנגענומען ווערען פאר דעם פונדאמענט, אויף וועלכען מען קען זיך שטעלען דיסקוטירען די פּרטים, איידער מען קען האָפען עס זאָל זיין עפּעס א פּעולה צו פּרובירען זיי לאָגיש אַנווענדען אויף די פערשידענע אבטיילונגען פון רעגירונג און מאָראַל. די כונה פון די עטליכע בעמערקונגען, וואָס איך האָב דאָ בדעה צו מאכען מכח די פראגע פון די פּרטים, איז מעהרער כדי צו בעלייכטען דעם תוך פון די פּרינציפּען גופא, איידער אריינצולאָזען זיך טיעף אין זייערע פאָלגען. איך וויל דאָ געבען ניט אזוי אַנווענדונגען, ווי מוס־טערס פון אַנווענדונגען, וועלכע וועלען קענען קלערער ארויס־בריינגען די בעדייטונג און די גרענעצען פון די צוויי גרויסע כללים, וואָס שטעלען צוזאמען די גאנצע לעהרע פון אָט דעם ווערק; און אויך כדי זיי זאָלען קענען העלפען דעם פערשטאנד צו האלטען א גלייכגעוויכט צווישען די דאָזיגע כללים אין אזעל־כע פעלע, וואו עס איז פאראן א ספק, וועלכער פון זיי לאָזט זיך בעסער אַנווענדען אויף א געוויסען פּרט.

די כללים זיינען, ערסטענס, אז דער יחיד איז ניט מחויב אבצוגעבען רעכענונג דער געזעלשאפט פאר זיינע מעשים, אויף וויפיעל אָט די מעשים זיינען ניט נוגע קיינעמ׳ס אינטערעסען א חוץ זיינע אייגענע. געבען איהם עצות, בעלערנונג, איבערציי־גונג, אדער אויסמיידען זיין חבר׳שאפט, אויב מענשען האלטען עס פאר נויטיג פון זייער אייגענער טובה וועגען, — דאס זיינען די איינציגע מיטלען, מיט וועלכע די געזעלשאפט האָט א רעכט

(מילל 220)

אויסצודריקען איהר פעראכטונג אדער אונצופרידענהייט מיט זיין אויפפיהרונג. און צווייטענס, אז פאר אזוינע מעשים, וועלכע זיינען שעדליך פאר די אינטערעסען פון אנדערע מענשען, איז דער יחיד יאָ מחויב אָבצוגעבען דין וחשבון און מעג אונטערוואָרפען ווערען אונטער די שטראָף פון געזעץ אדער פון דער עפענטליכער מיינונג, לויט וואָס די געזעלשאפט דיינקט ס'איז נויטיגער פאר איהר אייגענער בעשיצונג.

קודם כל מוז מען פערשטעהן, אז ווען מען זאָגט, וואו עס שטעקט א שאדען, אדער א חשש פון שאדען פאר אנדערע מענשען'ס אינטערעסען, קען דאָס בערעכטיגען די געזעלשאפט זיך אריינצומישען, מיינט עס בשום אופן ניט, אז אין אזעלכע פעלע איז זי א ל ע מ אָ ל בערעכטיגט זיך אריינצומישען. א מענש וואָס איז זיך פער'עסק'ט אין אן ארבייט, וועלכע מען מעג טון על פי געזעץ, קען אין פיעלע פעלע בהכרח, הייסט עס געזעצליך, זיין די סבה פון אונאנגענעמליכקייט און שאדען פאר אנדערע מענשען; אדער ער קען גאָר פארבייגעהענדיג כאפען פאר זיך עפעס א טובה וואס אנדערע האָבען געהאט א שטארקען אויסזיכט צו קריגען. אזעלכע כנגד'יגע אינטערעסען צווישען מענשען וואקסען אָפטמאָל ארויס פון שלעכטע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס; אָבער כל זמן יענע אינסטיטוציעס לעבען, קען מען דאָס ניט אויסמיידען, און געוויסע פרטים וואָלט מען ניט קענען אויסמיידען אפילו אונטער די בעסטע. ווער נור עס ארבייט זיך ארויף אין א פראָפעסיאָן, וואו די קאָנקורענץ איז גרויס, אָדער שטייגט אריבער די אנדערע אין א קאָנקורסנעם עקזאמען; ווער נור עס איז נושא חן מעהר איידער אנאנדערער אין א קאמפף פאר עפּעס, וואָס זיי ווילען ביידע בעקומען, קריגט פאר זיך א טובה פון דעם אנדערענס רעה, פון יענעמ'ס טרחה, וואס איז געגאנגען לאיבוד, פון יענעמ'ס האָפנונגען, וואָס האָבען זיך אויסגעלאָזען מיט גארנישט. דאָך אבער זיינען אלע מודה, אז עס איז בעסער פאר די כלל־אינטערעסען פון דער מענשהייט, אז יעדער איינער זאָל זיך מעגען אנגעהן מיט זיינע עסקים ניט געשטערט פון אזעלכע אויס־

רעכענונגען. אין אנדערע ווערטער, די געזעלשאפט אנערקענט ניט, אז די געפאלענע קאנקורענטען האבען א געזעצליכען אדער מאָראלען רעכט בעשיצט צו ווערען פון אזעלכע מינים יסורים. זי פיהלט, אז זי דארף זיך אריינמישען נור יעמאלט, ווען איינער בענוצט זיך גובר צו זיין דעם אנדערען מיט אזוינע מיטלען, וואס געהען להיפך צו די אינטערעסען פון כלל, — דהיינו, מיט שווינדעל, בעטרוג און געוואלט.

מסחר, ווידער, איז א געזעלשאפטליכער אקט. יעדער איינער, וואס נעהמט זיך אונטער צו פערקויפען צום פובליקום ווצלכען עס איז סארט סחורות, נעהמט זיך אונטער צו טון א זאך, וואס בעריהרט די אינטערעסען פון אנדערע מענשען און פון דער געזעלשאפט בכלל; און דעריבער געהערט זיין האנדלונג אין פרינציפ צו דעם קלאס אקטען, אין וועלכען די געזעלשאפט האט א רעכט זיך אריינצומישען. אמאָליגע צייטען האט מען טאקי דערפאר געהאלטען, אז די רעגירונג איז אין וויכטיגע פעלע מחויב צו בעשטימען דעם פרייז פון סחורות און צו רעגולירען דעם אופן, ווי זיי זאלען פאבריצירט ווערען. היינטיגע צייטען איז דאס שוין געווארען אן אנגענומענע זאך, הגם עס איז ניט אזוי לייכט אנגעקומען, אז וועגען מקח און קוואליטעט פון די פראדוקטען איז בעסער מען זאל לאזען פריי די סוחרים און די קונים אויסקומען צווישען זיך, מיט דעם איינציגען תנאי, אז די קונים זאלען האבען א פרייע מעגליכקייט צו קריגען די סחורה, וואס זיי דארפען, אנדערשוואו. דאס איז די לעהרע, וואס מען רופט אן „פרייער האנדעל“, — א לעהרע, וועלכע איז געבויט אויף אנדערע יסודות, הגם ניט ווניגער שטארקע, ווי דער פרינציפ פון פערזענליכער פרייהייט, וואס מיר האבען אוועקגעשטעלט אין אט דעם בוך. מאכען בעשרענקונגען אויף מסחר, אדער אויף דער פאבריקאציע פון פראדוקטען, מיט וועלכע מען מאכט מסחר, הייסט גאנץ געווים ארויפלעגען אויף דעם א צוואנג, און יעדער צוואנג איז אין עצם א צרה; אין דעם פרט אבער פון מסחר גרייפט עס דוקא אן נור אזא טייל, וועלכען די געזעלשאפט האט א רעכט צו בע־

שרענקען, און אלץ וואָס מען קען זאָגען אקעגען דעם איז, אז עס העלפט סיי ווי סיי ניט, און עס האָט ניט די פעולה, וואָס מען וויל עס זאָל האָבען. אזוי ווי אין דער לעהרע פון פרייען האנדעל ווערט דער פרינציפּ פון פערזענליכער פרייהייט ניט אָנגעריהרט, האָט ער אויך ניט צו טון מיט די מעהרסטע פראגען, וואָס ווערען געשטעלט בנוגע די גרענעצען פון יענער לעהרע, ווי צום ביישפּיעל: ווי גרויס מוז זיין דעם קהל׳ס קאָנטראָל כדי צו פערמיידען פעלשונ־גען פון געברויך־ארטיקלען; אָדער ווי ווייט קען מען געהן אין פרט פון צווינגען די בעלי־בתים איינצופיהרען סאניטארע און אנדערע תחבולות אויף צו בעשיצען די ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפ־טיגט אין געפעהרליכע מלאכות. אזעלכע פראגען האלטען אין זיך איין אן אויסרעכנונג פון פרייהייט נור אין דעם ערך, אויף וויפיעל עס איז אלע מאָל בעסער, ביי גלייכע אומשטענדען, צו לאָזען מענשען צו רוה, איידער צו קאָנטראָלירען זיי; אָבער אז מען מעג זיי קאָנטראָלירען פאר אזעלכע צוועקען, קען מען פרינציפּיעל ניט אָבלייקענען. פערקעהרט ווידער, זיינען פאראן פראגען מכח די בעשריינקונג פון האנדעל, וועלכע זיינען אין עצם טאקי ריכטיגע פראגען פון פרייהייט: למשל, דער „מעין גזעץ" מכח פערווערען צו פערקויפען שטארקע געטרענק, וועגען וועלכע מיר האָבען אויבען גערעדט; אָדער דער פערבאָט ארייננצופיהרען אָפּיום אין כינא, אָדער די בעשריינקונג פון׳ם פערקויף פון גיפטען; אין קורצען, די אלע פעלע, וואו דער צוועק פון געזעץ איז צו מאכען שווער, אָדער גאָר אונמעגליך צו קריגען צו קויפען א געוויסען ארטיקעל. אָט די אלע בעשריינקונגען זיינען אומגערעכט, ניט ווייל זיי טרע־טען אויף די פרייהייט פון פאבריקאנט אָדער פון סוחר, נור דערפאר, וואָס זיי טרעטען אויף די פרייהייט פון די קונים.

איינער פון אָט די ביישפּיעלע, דער ביישפּיעל פון פערקויפען גיפטען, רופט ארויס א נייע פראגע מכח די ריכטיגע בעגרענצונג, ווי מען קען דאָס אָנרופען, פון די פונקציעס פון דער פּאָליציי: ווי ווייט איז רעכט עובר צו זיין דעם פרינציפּ פון פרייהייט, כדי צו פערהיטען א פערברעכען אָדער אן אונגליקספאל? קיינער

קריעגט ניט, אז עס איז די עובדא פון דער רעגירונג צו נעהמען מיטלען אנטקעגען פערברעכען, איידער זיי זיינען בעגאנגען געוואָרען, אזוי גוט ווי אויסצוגעפינען זיי און בעשטראָפען דערפאר נאָכדעם. די עובדא אָבער צו פערהיטען איז א סך מעהר מאָל עלול אויסגענוצט צו ווערען לרעה פאר דער פרייהייט, איידער איהר עובדא צו בעשטראָפען; וואָרום עס איז כמעט ניטאָ איין זאַך, וואָס א מענש מעג גאנץ פריי טון, וועלכע זאָל ניט קענען אויסגעטייטשט ווערען, און גאָר ניט ווייטלויפיג אויך, אז זי פערגרעסערט די מעגליכקייט צו בעגעהן עפּעס א מין פערברעכען. פון דעסטוועגען, אויב א פּאָליציי בעאמטער, אָדער אפילו א פּריוואט פּערזאָן זעהט, ווי איינער גרייט זיך צו בפירוש צו בעגעהן א פערברעכען, איז ער ניט מחויב צו שטעהן קאלטבלוטיג און צוקוקען, ביז וואנען דער פערברעכען וועט אָבגעטאָן ווערען, נור ער מעג זיך גלייך אריינמישען כדי ניט דערלאָזען דערצו. אויב סם וואָלט מען קיינמאָל ניט געקויפט און ניט געברויכט פאר קיין אנדער צוועק, א חוץ צו בעגעהן דערמיט א מאָרדטהאט, וואָלט געווען רעכט צו פערבאָטען דאָס צו פאבריצירען און פערקויפען. סם קען מען אָבער געברויכען ניט נור פאר אונשולדיגע צוועקען, נור אויך פאר גאנץ ניצליכע; איז דעריבער אונמעגליך ארויפצולעגען אויף דעם א איסור אין איין פאל, וואָס זאָל ניט ווירקען אויך אין דעם אנדער פאל. דעסגלייכען ווידער איז פערהיטען אומגליקען א ריכטיגע עובדא פון דער קהל׳שער רעגירונג. אויב א בעאמטער, אדער ווער עס איז זעהט, ווי איינער וויל געהן אויף א בריק, וואָס מען האָט אויסגעפונען אז ער האלט זיך אויף משקולת, און עס איז קיין צייט ניטאָ צו וואָרענען דעם מענשען פון דער סכנה, מעגען זיי איהם כאפּען און אומקעהרען צוריק, און עס וועט לגמרי ניט הייסען, אז זיי גרייפען אָן דערביי זיין פרייהייט; וואָרים דער עצם פון פרייהייט בעשטעהט אין מעגען טון וואָס מען וויל, און א מענש וויל דאָך ניט אריינפאלען אין טייך. פון דעסטוועגען, אויב קיין זיכערע סכנה איז אין דעם ניטאָ, נור א חשש סכנה, יעמאָלט האָט קיינער קיין רעכט ניט צו אורטיילען פאר דעם

אנדערען, צי עס איז כדאי פאר איהם צו נעהמען די ריזיקע, צי ניט; אין אזא פאל, דיינק איך (סיידען ער איז א קינד, אדער אין אן אויפגערעגטען אדער שטארק פערטראכטען צושטאנד, וועלכער רויבט אוועק זיין פעהיגקייט צו בעגרייפען די ריכטיגע לאגע), אז מען דארף איהם נור ווארענען פון דער סכנה, וואס שטעהט איהם פאר, אבער מען קען איהם ניט שטערען מיט געוואלט פון צו נעהמען אויף זיך די ריזיקע.

אז מען זאל אנווענדען דיזעלביגע אויסרעכענונג צו אזא פראגע, ווי דער פערקויף פון גיפטען, קען דאס אונז העלפען צו בעשליסען, וועלכע פארמע פון רעגולירונג געהט להיפך צום פרינ־ציפ פון פרייהייט און וועלכע ניט. אזא פארזיכטיגקייט למשל, ווי אנקלעבען א צעטעל אויף דעם סם, וואס זאל אין א פאר ווערטער בעצייכענען זיינע געפעהרליכע אייגענשאפטען, דארף מען מעגען צווינגען, ניט אנגרייפענדיג דערביי די פרייהייט; ווארים דער קונה האט דאך ניט קיין אורזאכע ניט צו וועלען וויסען, אז די זאך, וואס ער בעזיצט, האט גיפטיגע אייגענשאפטען. פאדערן אבער, אז אין אלע אזעלכע פעלע מוז דער קויפער צושטעלען א קוויטעל פון א דאקטאר, וואלט עס אמאל געמאכט גאר אונמעג־ליך, און אלע מאל צו טייער, צו בעקומען אזא ארטיקעל פאר א געזעצליכען געברויך. דער איינציגער אופן, וואס איך קען זעהן ווי אזוי צו מאכען עס זאל שווער אנקומען צו קריגען דעם סם פאר א קרימינעלען צוועק, און צו דערזעלבער צייט ניט שטערען די פרייהייט פון מענשען, וועלכע ווילען דאס געברויכען פאר אנדערע צוועקען, איז איינצופיהרען, וואס ב ע נ ט ה א ם האט זעהר פאסיג א נאמען געגעבען „פריהער בעשטימטע בעווייזע“. אין דעם ענין פון קאנטראקטען איז אט דער מיטעל יעדען איינעם בעקאנט. עס איז א געוועהנליכע און גערעכטע זאך, אז בעת מען מאכט א קאנטראקט, זאל דאס געזעץ פאדערען, אז מען זאל אבהי־טען געוויסע פארמאליטעטען, ווי אונטערשריפטען, חתימות פון עדות און ד. ג., כדי אז עס קומט שפעטער פאר א דיספוט, זאלען זיין בעווייזע צו איבערצייגען, אז א קאנטראקט איז ווירקליך גע־

מאכט געוואָרען, און אז עס זיינען בעת מעשה ניט געווען אזעלכע אומשטענדען, וואָס וואָלטען געקענט מאכען, אז געזעצליך זאָל דער קאָנטראַקט זיין ניט גילטיג. דער פועל יוצא דערפון איז, וואָס אָט די איינפיהרונג לעגט שווערקייטען אויף'ן וועג פון די, וועלכע ווילען בעגעהן א שווינדעל מיט פאַלשע קאָנטראַקטען אָדער מיט קאָנטראַקטען, וואָס זיינען אָבגעמאכט אונטער אזוינע אומשטענדען, וועלכע אז מען דערוויסט זיך פון זיי, מאכען זיי בטל דעם אָבמאַך. דעם זעלבען סאָרט פאָרזיכטיגקייט וואָלט מען קענען איינפיהרען ביי דעם פערקויף פון אזעלכע ארטיקלען, וואָס קענען בענוצט ווערען ווי א מיטעל צו בעגעהן א פערברעכען. מען קען, צ. ב. ש., פאָדערען פון פערקויפער, ער זאָל פערצייכענען אין אזא בוך די פינקטליכע צייט, ווען עס איז געקויפט געוואָרען, דעם נאָמען און אדרעס פון קונה, די גענויע קוואַליטעט, און גענוי וויפיעל ער האָט פערקויפט פון דעם ארטיקעל; און ער זאָל אויך פרעגען, צו וועלכען צוועק מען דאַרף עס און זאָל פערשרייבען דעם ענטפער, וואָס ער קריגט. אויב מען ברייננט ניט קיין רעצעפּט פון א דאָקטאָר, קען מען פערלאַנגען, עס זאָל שטעהן דערביי א דריטע פערזאָן, וואָס זאָל קענען דעם קונה דערמאָנען דעם פאקט, אין פאַל עס מאכט זיך שפּעטער אַן אורזאכע צו גלויבען, אז דער שטאָף איז געברויכט געוואָרען פאַר א קרימינעלען צוועק. אזעלכע רעגולאַציעס וואָלטען אין אלגעמיין ניט געווען קיין שטארקע מניעה צו קריגען אזא ארטיקעל, אָבער דאָך וואָלט עס געווען א גאַנץ היבשע מניעה פאַר דעם, וואָס וויל מאכען דערפון א שלעכטען געברויך און מען זאָל איהם ניט קענען אויסגעפינען.

דאָס מיטגעבאָרענע רעכט, וואָס די געזעלשאַפט האָט דורך פריהער אָנגענומענע מיטלען אָבצוהאַלטען פערברעכען וואָס קענען בעגאַנגען ווערען אנטקעגען איהר גופא, ברייננט אויף'ן געדאַנק די אויבענאויפיגע גרענעצען, וואָס מען מוז שטעלען דעם גרויסען כלל, אז מען טאָר זיך ניט אריינמישען אין ריין־פּערזענליכע שלעכטע פיהרונגען, מיט דער כונה זיי צו שטערען אָדער בעשטראָפען. שכרות צ. ב. ש. איז, אין געוועהנליכע פעלע, ניט די ריכטיגע

זאך פאר'ן געזעץ זיך אריינצומישען; דאָך וואָלט איך געדיינקט, אז דאָס געזעץ האָט א פאָלשטענדיג רעכט צו האלטען א מענשען, וועמען מען האָט א מאָל פער'משפט פאר בעגעהן א געוואלד־טהאט שכור'ערהייט, אונטער א ספּעציעלע געזעצליכע בעשרענ־קונג, אָנגעמאָסטען פאר איהם אליין: אז אויב מען האָט איהם געפונען שכור נאָכדעם, זאָל ער מעגען בעשטראָפט ווערען דערפאר, און אויב ער איז ווידער בעגאנגען א פערברעכען, זייענדיג אין א שכור'ן צושטאנד, זאָל די שטראָף, וואָס ער וואָלט געדארפט קריגען פאר אָט דעם אנדער פערברעכען, זיין א שווערערע. פאר א מענשען, וועמען שכרות רייצט אויף צו טון אנאנדערען שלעכטס, איז דאָס איינ'שכור'ן זיך א פערברעכען אנטקעגען אנדערע. אזוי אויך וועגען פוילקייט: בעשטראָפען א מענשען סתם, ווייל ער איז פויל, ווען ער ווערט ניט אויסגעהאלטען אויף קהל'־שען רעכענונג און ברעכט ניט דורך זיין פוילקייט קיין קאָנטראקט, וואָס ער האָט אָבגעמאכט מיט אן אנדערען, איז פּשוט'ע טיראנייִ; אויב אָבער צוליב פוילקייט, אָדער צוליב אנאנדער אורזאך, וואָס ער קען אויסמיידען, פערפעהלט ער נאָכצוקומען זיינע געזעצליכע התחיבות, דהיינו אויסהאלטען זיינע קינדער, יעמאָלט איז עס גאָר ניט קיין טיראנייִ צו צווינגען איהם טון זיין חוב, דורך צוואנג־ארבייט אויב עס איז ניטאָ קיין אנדער מיטעל.

ווידער זיינען פאראן פיעל אקטען, וואָס אזוי ווי זיי זיינען דירעקט שעדליך נור פאר די, וואָס טוען זיי אליין, דארפען זיי געזעצליך ניט זיין פערבאָטען, וועלכע אָבער, אויב זיי ווערען בעגאנגען עפענטליך, בפני כל עם, זיינען עבירות אנטקעגען דרך ארץ און טרעטען דעריבער אריין אין דער קאטעגאָריע פון עולות אנט־קעגען אנדערע, מעגען זיי יאָ פערבאָטען ווערען. צו דעם מין געהע־רען די גראָבע האנדלונגען אנטקעגען אנשטענדיגקייט; נור דאָ איז ניט נויטיג זיך אָבצושטעלען אויף דעם, דערהויפּט ווייל זיי האָבען ניט דירעקט צו טון מיט אונזער ענין: וואָרים די עולה פון טון אזא מין זאך אין דער עפענטליכקייט קען זיין פונקט אזוי גרויס

בנוגע צו א סך אקטען, וועלכע זיינען אין עצם גאָר ניט אומגע־רעכט און נועלכע קיינער האלט זיי גאָר ניט פאר אומגערעכט.

עס איז פאראן נאָך א פראגע, פאר וועלכע מען מוז געפינען אן ענטפער, וואָס זאָל ריכטיג שטימען מיט די פרינציפּען, וועלכע מיר האָבען דאָ אוועקגעשטעלט. מיר נעהמען א פאל פון פּערזענ־ליכער אויפפיהרונג, וואָס דער עולם האלט פאר ניט שעהן, נור וואָס די אכטונג פאר פרייהייט ערלויבט ניט דער געזעלשאפט צו שטערען, אָדער צו בעשטראָפען דערפאר, ווייל דער דירעקטער שאָדען פון אזא אויפפיהרונג, פאלט אין גאנצען אויפ'ן טוער אליין, — איז די פראגע אויב דער בעל־דבר אליין איז פריי דאָס צו טון, דארפען אנדערע אויך זיין אזוי פריי צו עצה'ן אָדער צורעדען דאָס צו טון? אָט די פראגע איז גאָר ניט אזא לייכטע. דער פאל, וואו א מענש רעדט אָן דעם אנדערען אָבצוטון א געווי־סען אקט איז, שטרענג גערעדט, שוין ניט מעהר קיין פאל פון ריין־פּערזענליכער אויפפיהרונג. געבען אימיצען עצות, אָדער אָנבאָ־טען א מין שוחד דעם אנדערען, איז א געזעלשאפטליכע האנדלונג, און ווי מעשים בכלל, וועלכע בעריהרען אנדערע, קען מען מיינען, אז זיי דארפען זיין אונטערוואָרפען א געזעלשאפטליכען קאָנטראָל. אז מען לעגט זיך אָבער איבער די זאך, מוז מען ענדערען דעם ערסטען איינדרוק; וואָרים מען דערזעהט, אז אויב אפילו דער פאל געהט ניט אריין אקוראט אין דעם בעגריף פון פּערזענליכער פרייהייט, קען מען אָבער אָנווענדען אויף איהם דיזעלבע טעמים, אויף וועלכע דער פרינציפּ פון פּערזענליכער פרייהייט גופא איז געבוים. אויב מענשען מוזען האָבען א רעכט צו טון וואָס עס געפעלט זיי בעסער, וואו עס איז נור זיי אליין נוגע און זיי נעהמען אויף זיך די אחריות, מוזען זיי פונקט אזוי גוט זיין פריי זיך מישב צו זיין איינע מיט די אנדערע מכח וואָס עס פּאסט צו טון, טיילען זיך מיט מיינונגען, און אי נעהמען, אי געבען עצות. וואָס נור עס איז ערלויבט צו טון, מוז אויך זיין ערלויבט צו געבען אן עצה צו טון. א ספק קען נור זיין וועגען דעם, אויב דער אָנריידער ציהט פּערזענליכע נוצען פון די עצות, וואָס ער גיט, ווען ער מאכט דאָס

פאר זיין בעשעפטיגונג צו ציהען חיונה דערפון, אָדער צו מאַכען געלד פון אַנריידען צו טאָן עפּעס אזוינס, וואָס די געזעלשאפט און די רעגירונג האלטען פאר א שלעכטע זאך; און דאמאָלט טרעט דאָ ווירקליך אריין א נייער עלעמענט, וואָס פערפּלאָנטערט די פראגע. היות, ווי עס עקזיסטירט דאָ א קלאס מענשען מיט אינטע־רעסען, וועלכע געהען להיפוך צו די אָנגענומענע אינטערעסען פון כלל, און וועמעס אופן פון לעבען גופא איז געבויט אויף דעם שטענדיגען טון להיפך, — דאַרף מען זיך אין דעם אריינמישען, אָדער ניט? זנות, צום ביישפּיעל, מוז מען דולדען, און אזוי אויך קאָרטען־שפּיעלען; זאָל מען אָבער לאָזען א פערזאָן פריי לעבען פון אתנן זונה אָדער האלטען א שפּיעל־הייזעל? דער פאל איז איינער פון די, וועלכע ליעגען פונקט אויף'ן ברעג פון דער ליניע, וואָס טיילט פונאנדער צוויי פּרינציפּען, און מען קען פון אויבען אויף ניט זעהן ריכטיג, צו וועלכען פון די צוויי ער געהערט. עס זיינען פאראן ארגומענטען אויף ביידע זייטען. אויף דער זייט פון טאָלעראנץ קען מען זאָגען, אז דער פאקט, וואָס איינער לעבט אָדער פּראָפיטירט פון וועלכער עס איז א בעשעפטיגונג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען, קען ניט מאַכען די דאָזיגע בעשעפטיגונג פאר א קרימינעלע, אויב זי איז אזוי פאַר זיך ערלויבט: זי מוז זיין אָדער דורכאויס ערלויבט, אָדער דורכאויס פערבאָטען. אויב די פּרינציפּען וואָס מיר האָבען ביז איצטער פערטיידיגט זיינען ריכטיגע, איז עס ניט דער עסק פון דער געזעלשאפט, בתורת ג ע ז ע ל ש א פ ט, צו בעשליסען אויף עפּעס א זאך, וואָס איז נור נוגע דעם יחיד, אז עס איז אן אומרעכט. זי טאָר ניט געהן ווייטער, ווי צו זעהן אָבצורעדען מענשען צו טון אזעלכע מעשים; און איין מענש דאַרף זיין פונקט אזוי פריי איינצורעדען, ווי דער אנדערער אָבצורעדען. אויף דער אנדערער זייט ווידער קען מען טענה'ן, אז אויב אפילו דאָס פּובליקום אָדער דער שטאאט זיינען ניט בערעכטיגט צו בעשליסען מיט דעם כח פון זייער אויטאָריי־טעט און מיט דעם צוועק צו אונטערדריקען און בעשטראָפען, אז אזא און אזא פיהרונג, וואָס איז נוגע נור די אינטערעסען פון יחיד,

איז גוט אָדער שלעכט, זיינען זיי אָבער גאנץ גוט בערעכטיגט, אויב זיי מיינען אז די געוויסע פיהרונג איז א שלעכטע, צו בעד טראכטען די זאך לכל הפחות ווי א פראגע, וואָס ווערט נאָך דיספּוטירט. און וויבאלד עס איז נאָך א ניט קיין געשלאָסענע פראגע, קען דאָך ניט זיין קיין עולה, ווען די רעגירונג ווענדעט אָן איהרע כחות אויסצושליסען דעם איינפלוס פון א פעראינטערעסיר־טען צורעדען: פון אַנדערער, וועלכע קענען בשום אופן ניט זיין אונפּארטייאיש,וועלכע האָבען א דירעקטען אינטערעס אין איין זייט,—אין דער זייט, וואָס די רעגירונג מיינט דוקא אז זי איז א שלעכטע, — און וועלכע ארבייטען אין דעם נור פאר פערזענליכע צוועקען אליין.

עס קען זיכער גאָר נישט ווערען פערלאָרען — אזוי קען מען טענה'ן —, קיין גוטע זאך וועט ניט אויפגעאָפּפערט ווערען, ווען מען פיהרט איין, אז מענשען זאָלען זיך נעהמען די ברירה, צי קלוג, צי נאריש, לויט זייער אייגענעם אינערליכען פערלאנג, און אזוי פריי ווי מעגליך פון די קונץ־שטיק פון אזוינע פערזאָנען, וועלכע רייצען אויף זייערע תאוות צוליב אייגענע פערזענליכע צוועקען. דעריבער (קען מען זאָגען) לאָז טאקי זיין, אז אלע פּאראַ־ גראפען וועגען אונגעזעצליכע שפּיעלען האָבען קיין זכות ניט פאר זיך; לאָז זיין, אז אלע מענשען דארפען מעגען פריי שפּיעלען סיי ביי זיך אין די אייגענע הייזער, סיי אין א קלוב, וועלכען זיי האלטען אויף אויף זייער אייגענע הוצאות און איז אָפען נור פאר מיטגליעדער און זייערע געסט, — אָבער דאָך דארפען קיין עפענטליכע שפּיעלהייזער אליין ניט זיין ערלויבט. אמת טאקי דאָס פערבאָטען איז קיינמאָל קיין פעולה ניט, און וויפיעל טיראנישע מאכט מען זאָל די פּאָליציי ניט געבען, קענען די שפּיעל־הייזער אלע מאָל געפינען אנאנדער פּרעטענזיע ווי אויפצוהאלטען זיך. מען קען זיי אָבער דאָך צווינגען אָנצופיהרען זייער „געשעפט“ מעהר אָדער ווייניגער בסתר און פערשטעלטערהייט, אזוי אז קיינער וויים פון זיי ניט א חוץ די, וואָס זוכען זיי: און דאָס איז אייגענטליך אלץ, וואָס די געזעלשאפט דארף בעצוועקען. עס געפינט זיך א

היבש ביסעל קראפט אין אַט די ארגומענטען. איך וועל זיך ניט אונטערנעהמען צו בעשליסען, צי זיי זיינען געגוג שטארק צו קענען בערעכטיגען אזא משונה'דיגע מאַראַל, וואָס בעשטראָפט דעם העלפער, בעת דעם הויפּט־מאכער לאָזט מען (און מען מוז לאָזען) געהן פריי; וואָס קנס'עט אָדער זעצט אריין אין תפיסה דעם צו־שטעלער, אָבער ניט דעם נואף, דעם, וואָס האלט א שולערסקען פלאץ, אָבער ניט דעם שולער. — נאָך וועניגער דארפען אזעלכע טעמים בערעכטיגען דאָס אריינמישען זיך פון דער רעגירונג אין די געוועהנליכע עסקים פון קויפען און פערקויפען. כמעט יעדער ארטיקעל, וואָס ווערט געקויפט און פערקויפט, קען ווערען גע־ברויכט אריבער די מאָס, און די פערקויפער האָבען דערין א געלד אינטערעסע צו העלפען דעם איבעריגען געברויך פון דעם; אָבער מען קען פון דעסטוועגען ניט בויען אויף דעם קיין ארגומענט צו פערענטפערען למשל דעם „מעין געזעץ"; ווארים הגם דער קלאס, וואָס האנדעלט מיט שטארקע געטרענק, האָט א אינטערעס, מען זאָל אריבערכאַפּען די מאָס פון זייער געברויך, זיינען זיי דאָך א נויטיגער קלאס סוחרים, צוליעב דעם געזעצליך־כשר'ן געברויך פון אזעלכע געטרענק. די אינטערעסען אָבער פון אָט די הענדלער מיט־צוהעלפען שכרות זיינען על כל פנים א ווירקליכע צרה, און דאָס גיט דער רעגירונג א רעכט ארויפצולעגען אויף זיי געוויסע בעשרענ־קונגען און צו פאָדערען פון זיי געוויסע גאראנטיען, וועלכע וואָלטען געווען אויב ניט צוליב אָט דער בערעכטיגונג, טאקי אמת'ע אנגריי־פען אויף פרייהייט.

ווייטער איז נאָך א פראגע, צי די רעגירונג, בעת אפילו זי ערלויבט א געוויסע זאך, זאָל ניט אין דער זעלבער צייט זוכען אויף א ניט־דירעקטען אופן אָבצורעדען פון דער געוויסער פיהרונג, אויב זי דיינקט אז עס איז להיפך צו די בעסטע אינטערעסען פון די, וואָס טוען עס. צי מעג זי, למשל, מאכען, אז די מיטלען פון שכרות זאָל קאָסטען מעהר, אָדער עס זאָל זיין שווערער זיי צו בעקומען, בעגרענעצענדיג דהיינו די צאָהל פון שיינקען, וואו מען

פערקויפט זיי? בנוגע צו דער פראגע, ווי אויך צו די מעהרסטע עהנליכע פראגען, פאָדערט זיך צו מאכען א סך חלוקים. לעגען א שטייער אויף שטארקע געטרענק מיט דעם איינציגען צוועק, עס זאָל זיין שווערער זיי צו בעקומען, איז א מיטעל, וואָס אונטערשייד־דעט זיך פון פערבאָטען דעם פערקויף גאָר אין גאנצען, נור אין ערך, אָבער ניט אין עצם; און אויב אין גאנצען פערבאָטען איז ניט רעכט, איז דאָס אויך ניט רעכט. יעדע העכערונג אין פרייז איז א פערבאָט פאר די, וועלכע האָבען ניט די מיטלען צו צאָהלען א העכערען פרייז; און פאר די, וואָס צאָהלען יאָ, איז עס א שטראָף ארויפגעלעגט אויף זיי פאר צופרידען שטעלען זייערען א געוויסען געשמאק. וואָס פאר א פערגעניגען מענשען ווילען זיך נעהמען, און ווי זיי ווילען פערברויכען זייערע הכנסות, נאָכדעם ווי זיי האָבען גע׳סלוק׳ט אלע זייערע חובות צו פריוואט פערזאָ־נען און צום שטאאט, איז זייער אייגענער עסק, און מוז תמיד בלייבען א זאך פאר זייער אייגענעם שכל צו בעשליסען. עס קען אין פלוק אויסקומען פון אָט די אויסרעכענונגען, אז עס איז אן אומרעכט אויסצוקלייבען די שטארקע געטרענק אלס די ספעציעלע זאכען, אויף וועלכע ארויפצולעגען א טאקסע, כדי דערפון צו ציהען א הכנסה פאר דער מדינה. מען מוז אָבער געדיינקען, אז שטייערן פאר דער הכנסה זיינען לחלוטין א נויטיגע זאך; אז א גרויסער טייל פון די שטייערן מוזען אין די מעהרסטע לענדער זיין ניט־דירעקטע; און אז דעריבער קען זיך די רעגירונג ניט העלפען פון ארויפצולעגען א קנס, אויף געוויסע ארטיקלען פון געברויך, הגם דער קנס איז פאר געוויסע מענשען אן אמת׳ער פערבאָט. ארויפ־לעגענדיג שטייערן, איז די רעגירונג דעריבער מחויב אויסצורעכע־נען אָהן וועלכע ארטיקלען וועט דעם עולם זיין גרינגער אויסצו־קומען, און דער שכל איז מחיב, אז זי דארף אויסקלייבען אזעלכע ארטיקלען, וואָס זי דיינקט, אז זייער געברויך, א חוץ אין א גאנץ מעסיגען וועג, איז גאנץ זיכער שעדליך. דעריבער זיינען שטייערן אויף שטארקע געטרענק, ביז דעם פונקט וואָס ברייגגט די גרעסטע סומע פון הכנסה, (אָננעהמענדיג אז די רעגירונג נויטיגט זיך אין

דעם גאַנצען ריוח, וואָס זי קען בעקומען), ניט נור א זאַך, וואָס מען מוז דערלאָזען, נור מען מוז פשוט מסכים זיין דערצו.

אויף דער פראַגע, צי מען מעג מאַכען פון דעם מסחר מיט אזעלכע ארטיקלען א מעהר אָדער וועניגער שטרענגע פּריווילעגיע, מוז דער ענטפער זיין פערשיידען, לויט נאָך דעם צוועק, וואָס מען מיינט דערביי צו גרייכען. אלע אָפענע פלעצער, וואו דער עולם קומט זיך צוזאמען צו פערברייגען, מוזען האָבען איבער זיך א פּאָליציי־אויפזיכט, און שיינק־הייזער בפרט, ווייל דאָרטען איז דער ריכטיגער מקור, פון וואַנען פערברעכען אנטקעגען דער געזעלשאפט קומען דערהויפּט ארויס. עס איז דעריבער א גלייכע זאַך צו בעשרענקען דאָס רעכט פון מעגען פערקויפען שטארקע געטרענק (צום וועניגסטען דאָס רעכט צו האַלטען פלעצער, וואו עס ווערט געטרונקען אויפ׳ן אָרט) נור צו אזעלכע פּערזאָנען, וועמען מען קען און מען וויים, אז זיי זיינען רעספּעקטאבעלע מענשען מיט אן אנשטענדיגער אויפפיהרונג. אויך איז רעכט צו מאַכען אזעלכע רעגעלען פון עפענען און שליסען, וועלכע קענען זיין נויטיג צו האַלטען די דאָזיגע פלעצער אונטער א השגחה; דאַסגלייכען צו מעגען צונעהמען דעם פּאַטענט, אויב דורך די מיט־שולדיגקייט אָדער אונפעהיגקייט פון דעם שיינקער קומען פאָר אין זיין פלאַץ אָפטע רוה־שטערונגען, אָדער עס איז געוואָרען א נעסט פאר גע־וויסע חברה־לייט צו פּלאַנעווען און צוגרייטען פערברעכען אנטקע־גען געזעץ. קיין אנדערע בעשרענקונגען, א חוץ אָט די, זעה איך ניט איין, ווי מען קען אין פּרינציפּ בערעכטיגען. בעגרענעצען, למשל, די צאָהל פון ביער־ און בראַנפען־שיינקען מיט דעם קלאָרען צוועק, כדי עס זאָל שווערער זיין צו גרייכען זיי, און דעריבער וועני־גער געלעגענהייט צו קומען צו א נסיון, ברייננגט ניט נור א געוויסע אונבעקוועמליכקייט פאר אלעמען, צוליב עטליכע, וואָס וואָלטען ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, נור די גאַנצע זאַך פּאַסט זיך נור פאר אזא געזעלשאפטליכען צושטאַנד, וואו מען בעהאַנדעלט די

ארבייטער־קלאסען*) גאנץ אפען, ווי קליינע קינדער אדער ווי ווילדע, און מען האלט זיי אונטער א צוואנג־ערציהונג צוצוגרייטען זיי צוגעלאזען צו ווערען ווען עס איז צו די פריווילעגיען פון פריי־הייט. אפען ווערען די ארבייטער־קלאסען ניט רעגירט לויט דעם פרינציפ נאך אין קיין פרייען לאנד ניט; און קיין מענש, וועלכער שעצט די פרייהייט ווי עס דארף צו זיין, וועט זיכער ניט צושטי־מען, מען זאל זיי אויף אזא אופן רעגירען, סיידען אז מען וואלט שוין געהאט אנגעווענדעט אלע מיטלען צו ערציהען זיי פאר פריי־הייט און רעגירען זיי ווי פרייע מענשען, און עס האט זיך בע־שטימט ארויסגעוויזען, אז זיי קענען נור רעגירט ווערען ווי קינדער. עס איז אבער גענוג נור צו דערמאנען אט דעם „סיידען“, צו בעווייזען דעם אונזין פון מיינען, אז מען האטווירקליך אוועק־געלעגט כחות אויף דעם, לכל הפחות אין איין פאל, וואס וואלט נויטיג געווען דא צו בעטראכטען. די מעשה איז נור, וואס די אינ־סטיטוציעס פון אט דעם לאנד זיינען א קופה פון ווידערשפרוכען; דעריבער גנב׳נען זיך אריין אין אונזער פראקטישען לעבען אזוינע זאכען, וועלכע געהערען צו א דעספאטישען, אדער וואס מען רופט „פאטערליכען“ סיסטעם פון רעגירונג, בעת די אלגעמיינע פרייהייט פון אונזערע אינסטיטוציעס שליסען אויס די מעגליכקייט צו גע־ברויכען די נויטיגע מאס פון קאנטראל, וועלכע וואלט געקענט מאכען, אז די בעשרענקונג זאל ווירקליך א פעולה האבען אלס א מאראלע ערציהונג.

מיר האבען אנגעוויזען אין אנהויב פון דעם בוך, אז די פריי־הייט פון יחיד אין אלע זאכען, וואס זיינען נור איהם אליין נוגע, שליסט אויך איין די פרייהייט פון מעהרערע יחידים צו רעגולירען, איינשטימענדיג צווישען זיך, אזעלכע זאכען, וואס זיינען נוגע אלעמען צוזאמען און זיינען ניט נוגע אנדערע מענשען א חוץ זיי

*) אין דעם פערפאסער׳ס צייט האט מען אונטער דעם אויסדרוק ארבייטער־קלאסען פערשטאנען דעם גראבען און נידריגען המון בכלל. — דער איבערזעצער.

אליין. מילא, כל זמן דער ווילען פון די בעטרעפענדע פערזאָנען בלייבט אומפערענדערט, איז קיין דבר קשה אין דעם ניטאָ; היות אָבער ווי אָט דער ווילען קען זיך ענדערען, ווערט אָפט נויטיג, אפילו ווען עס האנדעלט זיך מכח זאכען, וואָס זיינען נור זיי אליין נוגע, אז זיי זאָלען האָבען א געוויסען אָבמאַך צווישען זיך; און האָבען זיי אזא אָבמאַך, איז עס בכלל א גאנץ גלייכע זאַך, אז מען זאָל איהם ריכטיג אָבהיטען. פון דעסטוועגען האָט אָט דער אלגע־מיינער כלל געוויסע אויסנאהמען וואהרשיינליך אין די געזעץ פון אלע לענדער. ניט נור זיינען מענשען ניט מחויב צו האלטען אן אָבמאַך, וועלכער גרייפט אָן די רעכטע פון אנדערע מענשען, נור אפילו אויב דער אָבמאַך איז שעדליך פאר זיי אליין, האלט מען דאָס אויך א מאָל פאר א גענוג־גוטען גרונד זיי צו בעפרייען פון דעם. דאָ אין לאנד, ווי אויך אין די מעהרסטע ציוויליזירטע לענ־דער, איז אן אָבמאַך, צום ביישפּיעל, דורך וועלכען א מענש זאָל זיך אליין פערקויפען אָדער לאָזען זיך פערקויפען פאר א שקלאַף, בטל ומבוטל; און ניט דאָס געזעץ, ניט דאָס עפענטליכע מיינונג וועט דאָס הייסען פאָלגען. דער טעם, פאר וואָס מען בעגרענעצט דעם מענשען׳ס מאכט צו קענען מיט זיין אייגענעם ווילען אָב־פטר׳ן זיין חלק אין לעבען, איז פון אויבען אויף קלאָר, און מען קען עס טאקי ארויסזעהן גאנץ דייטליך פון אט דעם שארפען ביי־שפּיעל. דער שכל, פאר וואָס מען טאָר זיך ניט אריינמישען, סיידען פון אן אנדער מענשען׳ס טובה וועגען, אין איינעם׳ס פרייוויליגע טהאטען איז, ווייל מיר מוזען אכטען זיין פרייהייט. זיין פרייע בחירה איז א בעווייז, אז דאָס, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען, איז מסתמא גוט פאר איהם, אָדער לכל הפחות, אז עס איז איהם צו דערליידען; און בכלל איז זיין טובה אלע מאָל בעסער פער־זאָרגט, ווען מען לאָזט איהם זוכען זיין גליק אין זיין אייגענעם וועג. ווען אָבער ער פערקויפט זיך פאר א שקלאַף, זאָגט ער זיך אָב פון זיין פרייהייט; ער וויל אויף ווייטער נאָך אָט דעם איינציגען אקט קיין געברויך ניט מאכען פון זיין פרייהייט. ער צושטערט אויף דעם אופן בנוגע זיין אייגענער פערזאָן דעם צוועק גופא,

וועלכער איז די בערעכטיגונג, פאר וואָס מען ערלויבט איהם צו טון מיט זיך וואָס ער וויל. ער איז שוין ניט מעהר פריי; פון איצט אָן און ווייטער איז ער אין א לאגע, וואָס דערלאָזט ניט אָננעהמען די השערה, אז עס איז מסתמא גוט פאר איהם, וועלכע מיר וואָלטען מוזען אננעהמען, אויב ער וואָלט *פרייוויליג* געבליבען אין איהר.

דער פּרינציפּ פון פרייהייט קען ניט פאָדערן, אז א מענש זאָל זיין פריי *ניט* צו זיין פריי. דאָס איז ניט קיין פרייהייט צו מעגען פטר'ן די אייגענע פרייהייט.*) אָט די טעמים, וואָס זייער

---

*) לויט אָט דער לאָגיקע נאָך קומט אויך אויס, אַז אַ מענש קען ניט האָבען די פריהייט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד: מיר ערלויבען איהם, הייסט עס, צו לעבען ווי ער וויל, אָבער ניט צו מאכען א סוף פון זיין לעבען; וואָרים דערמיט צושטערט ער דאָך אודאי דעם צוועק, וועלכער בערעכטיגט אונז צו לאָזען איהם טון זיין ווילען. נאָך מיין מיינונג איז אַזאַ דיינקען אַ גרויסער טעות; אָבער דער טעות שטעקט ניט אין דעם פּערפאסער'ס לאָגיקע, נור אין זיין שטאנדפּונקט. דער ריכטיגער גרונד, פאר וואָס אַ מענש מעג טון מיט זיך, וואָס ער וויל, איז ניט ווי דער פערפאַסער מיינט, ווייל מיר, דער כלל, זיינען מחויב צו *ערלויבען* איהם זוכען זיין גליק, ווי ער פערשטעהט אַם בעסטען; נייז, אַ מענש מעג טון מיט זיך, וואָס ער וויל, ווייל מיר, *דער כלל האָבען קיין רעכט ניט איהם ניט צו לאָזען טון מיט זיך, וואָס ער וויל*, אפילו אויב דאָס, וואס ער וויל, איז זיין גרעסטע רעה. פריהייט איז אין עצם אַ *נעגאַטיווער* בעגריף. אין דעם זין איז פריהייט דער היפך פון רעכט. אַ רעכט קען מען געבען, פריהייט קען מען נור אוועקנעהמען. עס זיינען ניטאָ קיין „נאַטירליכע רעכט“; אַלע רעכט זיינען אָבמאך רעכט, געזעלשאַפטליכע, געזעצליכע רעכט. דער איינזאמער קרוזאָ אויף זיין אינזעל האָט דעריבער ניט קיין שום רעכט, ווייל עס איז קיינער ניטאָ, ווער עס זאָל עס איהם געבען; ער האט פריהייט, ווייל עס איז קיינער ניטאָ, ווער עס זאָל עס ביי איהם אַוועקנעהמען. פריהייטען,

קראפט זעהט זיך אזוי בולט ארויס אין אַט דעם בעזונדערן פאל, קענען, ווי מען זעהט עס פון אויבען אויף, אָנגעווענדעט ווערען א סך ווייטער. דאָך ווערט אומעטום אוועקגעשטעלט א גרעניץ דורך די נויטיגע אויסרעכענונגען פון לעבען גופא, וועלכע פאָדערען נאָכאנאנד, אמת טאקי, ניט אז מיר זאָלען אָבגעבען אונזער פרייהייט, אָבער אז מיר זאָלען איינווילליגען צו לאָזען זי בעגרעניצען אין דעם אָדער אין יענעם פרט. ווי די מעשה איז, דער פרינציפּ, וועלכער פאָדערט אונקאָנטראָלירטע פרייהייט פון טון ביי אלץ, וואָס איז

---

געוויסע פרייהייטען, (ד. ה. רעכט) קענען אפילו קסרים געבען; די פרייהייט, ווי א שם הכולל, קען קיינער ניט געבען, הגם אַלע — יעדער קיסר, יעדער הערשער׳ל און אפילו א דעמאָקראַטישער שטאַאַט — נעהמען עס לויכט אַוועק. פריי בין איך במילא, ווען קיינער שטערט מיר ניט. ווען פרייהייט וואָלט געקענט געגעבען ווערען; ווען דער כלל וואָלט געשאָנקען דעם יחיד זיין פרייהייט, יעמאָלט וואָלט די לאָגיקע געווען ריכטיג, אַז ער קען ניט בענוצען די געשאָנקענע פרייהייט אויף צו פטר׳ן זי, אויף ניט צו זיין פריי. וואָרים מיט יעדער פּריווילעגיע, וואָס דער שטאַאַט גיט, איז אין עצם־זאַך פערבונדען א התחיבות אויף דעם אַנדער צד. ווען אָבער די פרייהייט איז זיינע, ווייל מיר קענען אויף איהם קיין דעה ניט זאָגען, — דאמאָלט איז עס אַבסאָלוט לאָגיש און קלאָר, אַז ער מעג פטר׳ן זיין אייגענע פרייהייט, אַז ער איז יאָ פריי ניט צו זיין פריי. דאָס געזעץ האָט איהם זיין לעבען ניט געגעבען, איז דעריבער קיין ברעקעל לאָגיקע ניטאָ אין דעם געזעץ׳ס פערבאָט זיך צו נעהמען זיין לעבען. עס פערשטעהט זיך, בתנאי אויב ער האט ניט קיין אָנגענומענע התחיבות צו דיענען מיט זיין לעבען און פרייהייט אַנאַנדער מענשען. איז אָבער אזא התחיבות ניטאָ, פאָדערט די שטרענגע לאָגיקע פון פרייהייט, אַז קיינער זאָל דעם אַנדערען ניט טאָרען שטערען צו פערקויפען זיך פאר א שקלאַף — גאַנץ גלייך אויב אויף אַ טאָג אָדער אויף אַ יאָהר, אָדער אויפ׳ן גאנצען לעבען, אָדער אפילו גאָר אין גאַנצען אויפצוהערען צו לעבען.

— דער איבערזעצער.

נוגע די טוער אליין, פערלאנגט אויך, אז יענע, וועלכע האבען זיך מתחיב געוועזן איינער צו דעם אנדערען אין זאכען, וואס זיינען ניט נוגע קיין דריטער פערזאן, זאלען קענען בעפרייען איינער דעם אנדערן פון דעם אבמאך. און אפילו אהן אזא פריי לאזען מיט׳ן גוטען ווילען, זיינען אפשר דערהויפט גאר ניטא אזעלכע קאנ־טראקטען אדער אזא אבמאך, א חוץ וואו עס האנדעלט זיך וועגען געלד זאכען, וואס מען זאל זיך אונטערשטעלען צו זאגען, אז עס דארף גאר ניט זיין קיין פרייהייט זיך צוריקצוציהען פון זיי. ווילהעלם פאן הומבאלדט רעדט פון זיין איבערצייגונג, אין זיין אויסגעצייכענטען בוך, פון וועלכען איך האב שוין אויבען ציטירט, אז אן אבמאך, וועלכער האט צו טון מיט עפעס א פערזענליכער שייכות אדער לייסטונג, דארף קיינמאל ניט זיין קיין געזעצליכער „מוז" אויף לענגער ווי א געוויסע בעשרענקטע צייט; און אז די וויכטיגסטע פון אלע אבמאכען, די הייראט־פערבינדונג, אזוי ווי זי האט די בעזונדערע אייגענשאפט, וואס איהרע צוועקען ווערען צו גארנישט, סיידען די געפיהלען פון דיביידע צדדים זיינען אין הארמאניע, דארף מען קיין אנדער זאך ניט האבען אויפצולייזען די פערבינדונג, א חוץ די פשוט׳ע דערקלערונג פון דעם ווילען פון איינעם פון די צוויי שותפים. אט דער ענין איז א צו־וויכטיגער און א צו־טיעפער צו ווערען בעהאנדעלט אזוי גלאט פערבייגע־הענדיג, און איך דערמאן עס דא, נור אויף וויפיעל עס איז נויטיג פאר אן אילוסטראציע. אויב די קורצקייט און די אלגעמיינקייט פון באראן הומבאלדט׳ס דיסערטאציע (אבהאנדלונג) וואלט איהם ניט געצוואונגען אין אט דעם פאל צו בענוגענען זיך מיט אן ער־קלערונג פון זיינע שלום־געדאנקען, ניט דיסקוטירענדיג די גרונד־געדאנקען, וואלט ער בלי ספק אליין איינגעזעהן, אז די פראגע קען ניט בעשלאסען ווערען אויפ׳ן גרונד פון אזעלכע פשוט׳ע טעמים ווי די, וועלכע ער האט געבראכט. ווען איינער האט דעם אנדערען אפען פערשפראכען, אדער ער האט איהם געגעבען דורך זיין אויפפיהרונג א גרונד צו ערווארטען, אז ער וועט אויף ווייטער אויך זיך בעגעהן אין א געוויסען אופן; ווען ער האט מיטגע־

בראכט, אז יענער זאָל בויען זיינע פּלענער און האָפנונגען, ער זאָל שטעלען אין קאָן א טייל פון זיין פּלאן פון לעבען אויף אָט דער ערוואַרטונג, — ווערט יעמאָלט געשאפען אויף זיין צד א גאנצע רייהע פון מאָראלישע התחיבות׳ן, וועלכע מען קען אפשר אָבשלאָגען, אָבער ניט אוועקמאכען מיט׳ן האנד. היינט ווייטער, אויב פון די שייכות צווישען צוויי צדדים, וועלכע האָבען צווישען זיך אָן אָבמאַך, זיינען ארויסגעוואקסען געוויסע פאָלגען, וואָס זיינען נוגע א דריטען צד; אויב יענע שייכות האָט געשטעלט אנדערע מענשען אין א בעזונדערע לאגע, אָדער, ווי אין פאל פון הייראט, האָט גאָר אפילו נייע לעבענס געבראכט אויף דער וועלט, — וואקסען ארויס פאר די ביידע צדדים נייע התחיבות׳ן; און די ערפיעלונג פון די דאָזיגע התחיבות׳ן אדער לכל הפחות דער אופן, ווי זיי וועלען ערפילט ווערען, וועט א סך אָבהענגען פון דעם, צי יענע צדדים וועלען האלטען אָדער ברעכען דעם קאָנטראַקט, וואָס זיי האָבען צווישען זיך אָבגעמאכט. דערפון פאָלגט ניט, און איך קען ניט צושטימען, אז אָט די התחיבות׳ן גרייכען אזוי ווייט, אז מען מוז צוליב זיי אָבהיטען דעם קאָנטראַקט, אפילו ווען עס געהט דעם צד, וואָס וויל ניט, אום זיין לעבען און גליק; זיי זיינען אָבער א נויטיגער עלעמענט אין דער פראגע, און אויב אפילו, ווי פאָן הומבאָלדט האלט, זיי דארפען ניט האָבען קיין ממשות בנוגע די *געזעצליכע* פרייהייט פון די ביידע צדדים צו ברעכען דעם אָבמאַך (איך האלט אויך, אז קיין *גרויסע* ממשות דארפען זיי ניט האָבען), קומט אָבער בעל כרחו פון זיי ארויס א גרויסער חלוק בנוגע דער *מאָראלער* פרייהייט. א מענש איז מחויב אויסצורעכענען אָט די אלע אומשטענדען, איידער ער בעשליסט צו מאכען א טריט, וואָס קען אָנריהרען אזוינע וויכטיגע אינטערעסען פון אנדערע מענשען; און אויב ער לעגט ניט געהעריג געוויכט אויף דעם, איז ער מאָראליש פעראנטוואָרטליך פאר דעם אומרעכט. איך האָב געמאכט אָט די אויבענאויפיגע בעמערקונגען כדי צו בעלייכטען קלערער דעם אלגעמיינעם פּרינציפּ פון פרייהייט, ניט ווייל זיי זיינען נויטיג געווען צוליב דער פראגע גופא פון פערהיטען די

קינדער־אינטערעסען, וועלכע ווערט אדרבא געוועהנליך דיסקוטירט, אזוי ווי די אינטערעסען פון די קינדער וואָלט זיין אלץ, און די אינ־טערעסען פון די ערוואקסענע גאָר נישט ניט.

איך האָב שוין פריהער בעמערקט, אז דעריבער וואָס עס זיינען ניטאָ קיין אָנגענומענע אלגעמיינע פרינציפּען, ערלויבט מען אָפט פרייהייט, וואו מען דארף ניט דערלאָזען, און מען דערלאָזט ניט, וואו מען דארף יאָ ערלויבען; און איינער פון די פּעלע, אין וועלכען מען געפינט אין דער היינטיגער אייראָפּעאישער וועלט דעם געפיהל פון פרייהייט ענטוויקעלט אם שטארקסטען, איז נאָך מיין מיינונג, גראָד א פאל, וואו אזא געפיהל האָט לגמרי קיין פּלאץ ניט. א מענש דארף זיין פריי צו טון וואָס ער וויל בנוגע זיינע אייגענע עסקים; ער דארף אָבער ניט זיין פריי צו טון ווי ער וויל, ווען ער האנדעלט פאר אנאנדערן, מיט דעם אויסרייד, אז דעם אנדערנס עסקים זיינען זיינע אייגענע. מיט דעם גאנצען רעספּעקט וואָס די רעגירונג האָט פאר יעדערן׳ס פרייהייט אין אלץ, וואָס איז נוגע ספּעציעל איהם אליין, איז זי אָבער מחויב צו האלטען אונטער א שטרענגע השגחה אלץ וואָס ער טוט מיט דער מאכט, וועלכע זי ערלויבט איהם צו האָבען איבער אנדערע. אָט די התחיבות ווערט כמעט אין גאנצען פערנאכלעסיגט אין דעם פאל פון די פאמיליען־פערהעלט־ניסען, — א פאל, וואָס אין פרט פון דעם דירעקטען איינפלוס, וואָס ער האָט אויפ׳ן מענשליכען גליק, איז פיעל וויכטיגער איידער אלע אנדערע פעלע צוזאמענגענומען. דאָ איז ניטאָ פיעל וואָס צו פערברייטערען זיך וועגען די כמעט דעספּאָטישע מאכט, וואָס די מענער האָבען איבער זייערע ווייבער; ערסטענס, ווייל אלץ וואָס עס פעהלט אָבצושאפען אין גאנצען אָט דעם אומרעכט, איז נ׳ר די פרויען זאָלען האָבען דיזעלביגע רעכטע און קריגען דיזעלביגע פּראָטעקציע פון געזעץ, וואָס אלע אנדערע מענשען האָבען. און צווייטענס, ווייל אין דעם ענין רעדען ניט די פערטיידיגער פון דעם דאָזיגען אומרעכט אין נאָמען פון פרייהייט, נור זיי שטעהען אָפען אלס פערטיידיגער פון מאכט. עס איז אין דעם פאל פון די קינדער, וואו מיר געפינען, אז די שלעכט־אָנגעווענדעטע מיינונגען

פון פרייהייט זיינען אן אמת'ע מניעה פאר דער רעגירונג צו ער־פילען איהרע חובות. מען וואָלט כמעט געקענט מיינען, אז קינדער ווערען בעטראכט בוכשטעבליך, ניט נור בדרך מליצה, אלס בשר מבשרו פון'ם פאָטער, אזוי אייפערזיכטיג איז די עפענטליכע מיי־נונג, אז דאָס געזעץ זאָל חלילה א האָר ניט אָנריהרען פון דעם פאָטער'ס אבסאָלוטען און אויסשליסליכען רעכט צו קאָנטראָלירען זיי, — מעהר אייפערזיכטיג ווי כמעט פאר יעדען אנדערן אָנגריף פון זיין פרייהייט: אזויפיעל וועניגער שעצט דער כלל פון דער מענשהייט די פרייהייט איידער די מאכט. נעהמט, צום ביישפיעל, דעם פונקט פון ערציהונג. איז עס ניט כמעט אזוי קלאָר ווי אן אקסיאָמע, וואָס דאַרף קיין ראיות ניט, אז דער שטאאט דאַרף פאָדערן און צווינגען א געוויסען מאסשטאב פון בילדונג פאר יעדען מענשען־קינד, וואָס ווערט געבאָרען אלס זיין בירגער? דאָך, וואו איז דער איינער, וואָס שרעקט זיך ניט אָנצונעהמען און ארויסצוזאָגען אָט די וואַרהייט? אמת, כמעט קיינער וועט ניט אָבלייקענען, אז עס איז איינער פון די הייליגסטע חובות פון די עלטערן (אָדער, ווי דאָס געזעץ און דער מנהג שטעהט היינט, פון פאטער), האָבענדיג געבראכט א לעבעדיג נפש אויף דער וועלט, צו געבען אָט דעם נפש אן ערציהונג, וואָס זאָל איהם טויגען אויסצופיהרען זיין ארבייט אין לעבען גוט פאר זיך און פאר אנדערע. אָבער בעת אלע זיינען מודה און האלטען דאָס פאר דעם פאטער'ס חוב, איז כמעט קיין איינציגער ניטאָ דאָ אין לאנד, וואָס וואָלט פערליידען צו הערען א וואָרט וועגען מחיב זיין איהם נאכצוקומען זיין חוב. אנשטאט וואָס ער זאָל מחויב זיין אנצוטון זיך א כח, אדער אפפערן מיט עפעס, כדי צו בעזארגען זיין קינד מיט אן ערציהונג, גיט מען איהם די ברירה אָנצונעהמען די גע־לעגענהייט אדער ניט, ווען מען בעזאָרגט עס פאר איהם בחנם! דערווייליע בלייבט עס נאָך אלץ ניט אָנגענומען, אז ברייננגען אויף דער וועלט א קינד, ניט האָבענדיג גענוג אויסזיכטען צו קענען עס בעזאָרגען, ניט נור מיט שפייז פאר'ן קערפער, נור אויך מיט אן ערציהונג און בעלעהרונג פאר'ן גייסט, איז א מאָראלער פער־

ברעכען אי אנטקעגען דעם קינד, אי אנטקעגען דער געזעלשאפט; און אז אויב דער פאטער ערפיעלט ניט זיין חוב, מוז די רעגירונג זעהן, עס זאל געטון ווערען, אויפ'ן פאטער'ס קאסטען, ווי ווייט דאס איז מעגליך.

וואלט מען איינמאל מודה געווען אין דעם חוב איינצופיהרען בילדונג פאר אלעמען, וואלט געגומען א סוף צו די ויכוחים מכח וואס דער שטאאט זאל לערנען און ווי ער זאל דאס לערנען, וועלכע האבען געמאכט פון דעם ענין בילדונג א פוסט פעלד פון מלחמה פאר סעקטען און פארטייען זיך ארומצורייסען, און אנשטאט צו פערברייגגען די צייט און די מיה אויף צו בילדען, געהט עס אוועק לאיבוד, קריעגענדיג זיך וועגען בילדונג. ווען די רעגירונג וואלט בעשלאסען צו פאדערן, אז יעדעס קינד זאל קריגען א גוטע ערציהונג, וואלט זי זיך געקענט פערשפארען די טרחה צו בעזארגען זיי דערמיט. זי וואלט געקענט איבערלאזען די גאנצע זאך צו די עלטערן, זיי זאלען בעזארגען זייערע קינדער מיט בילדונג ווי און וואו זיי ווילען, און זי, די רעגירונג, זאל זיך בענוגענען דערמיט, וואס זי וועט העלפען צאהלען דעם שכר למוד פאר די ארימערע קלאסען קינדער, אדער דעקען די גאנצע שוהלקאסטען פאר אזעלכע, וואס האבען גאר ניט ווער עס זאל צאהלען פאר זיי. די טענה, וואס מען האט מיט רעכט אנטקעגען שטאאט-בילדונג, קען מען ניט אויסזעצען אנטקעגען דעם חוב פון בילדונג, וואס דער שטאאט דארף איינפיהרען, נור אנטקעגען זיין נעהמען זיך דאס רעכט צו ד י ר ע ק ט י ר ע ן די בילדונג, וואס איז גאר א גאנץ אנדער זאך. אז די גאנצע, אדער א גרויסער טייל פון דער פאלקס-בילדונג זאל ליגען אין דעם שטאאט'ס הענד, בין איך אזויפיעל דאגעגען ווי ווער עס איז. אלץ וואס איז דא פריהער געזאגט געווארען מכח די וויכטיגקייט פון אינדיווידואליטעט אין כאראקטער, מכח פערשיידענהייט אין מיינונגען און פיהרונגען, שליסט שוין ממילא איין דיזעלביגע אונבעשרייבליכע וויכטיגקייט פון פערשיידענהייט אין בילדונג. א'ן אלגעמיינע

שטאאט־בילדונג איז נישט מעהר ווי א פּאַרטעל אויסצוגיסען מענ־שען פון איין פורעם, כדי איינער זאָל זיין פונקט אזוי ווי דער אנדערער: און אזוי ווי דער פורעם, פון וועלכען זי גיסט זיי אויס, איז פון אזא מין, וואָס געפעלט דער הערשענדער מאכט פון דער רעגירונג — סיי דאָס איז א זעלבסטהערשער, סיי א פּריס־טער־קלאס, אן אריסטאָקראטיע, אדער אפילו די מאיאָריטעט פון גאנצען איצטיגען דור, — איז וואָס בעסערע ארבייט דער פורעם גיט ארויס, וואָס ווירקזאמער די בילדונג איז, אלץ א גרעסערער דעספּאָטיזם ווערט אויפגעשטעלט איבער דער נשמה, וועלכער פיהרט נאטירליכערהייט צו א דעספּאָטיזם איבער׳ן גוף אויך. א בילדונגס־סיסטעם, וואָס ווערט אויפגעהאלטען און קאָנטראָלירט פון שטאאט, מעג עקזיסטירען, אויב מען דארף עס גאָר אין גאנ־צען, נור בתורת עקספּערימענט, צוזאמען מיט אנדערע סיסטע־מען און פּראָבעס, וואָס זאָל האָבען דעם צוועק צו ווייזען א גו־טען ביישפּיעל און צוגעבען די אנדערע חשק צו זעהן גרייכען א געוויסען הויכען מאסשטאב פון גוטער ערציהונגס־ארבייט. סיידען, אין אמת׳ן, אויב די געזעלשאפט געפינט זיך בכלל אין אזא הינ־טערשטעליגען שטאנד, אז זי קען ניט, אדער וויל ניט איינשאפען זיך אליין געוויסע בילדונג־אינסטיטוטען, וואו די רעגירונג נעהמט זיך ניט אונטער צו טון די ארבייט, — יעמאָלט, אויסקלייבענדיג פון צוויי צרות די קלענערע, מעג די רעגירונג נעהמען אויף זיך די עובדא צו שאפען שולען און אוניווערזיטעטען, ווי זי מעג אמאָל נעהמען אויף זיך די ארבייט פון אקציען־געזעלשאפטען, ווען עס פעהלט אין לאנד די ריכטיגע פּריוואט־אונטערנעהמונגען אויסצו־פיהרען געוויסע וויכטיגע אינדוסטריעלע ארבייטען. אין אלגעמיין אָבער איז די מעשה ניט אזוי: אויב עס געפינען זיך אין לאנד גענוג פעהיגע מענשען, וואָס קענען בעזאָרגען ריכטיגע בילדונג אונטער דער השגחה פון שטאאט, וועלען דיזעלבע מענשען פונקט אזוי וועלען און קענען געבען א ריכטיגע בילדונג אויף א פּרייווי־ליגען פלאן — זייענדיג בטוח, ערסטענס, מיט גענוג תלמידים, צוליב דעם געזעץ, וואָס מאכט בילדונג א „מוז“, און צווייטענס,

אז דער שטאאט וועט העלפען צאהלען דעם שכר למוד פאר די, וועלכע קענען ניט אליין זיך לאזען קאסטען.

דער מיטעל ווי צו פועל'ן מען זאל אבהיטען דעם געזעץ, קען ניט זיין קיין אנדערער, ווי האלטען אפענע עקזאמענס פאר אלע קינדער, אנהויבענדיג מיט די גאר יונגע. מען קען בעשטימען א געוויסען אלטער, ווען יעדעס קינד מוז עקזאמענירט ווערען, צו זעהן אויב עס קען לעזען. אויב מען געפינט א קינד, וואס קען ניט לעזען, מעג מען דעם פאטער, סיידען ער קען געבען א גוטען תירוץ אלס ענטשולדיגונג, בעשטראפען מיט א לייכטער געלד־שטראף, וועלכע ער קען אבארבייטען אויב נויטיג און דאס קינד שיקט מען אין חדר אויף זיינע הוצאות. איינמאל א יאהר זאל מען מאַכען נייע עקזאמענס, וואס וויטער אלץ פאר מעהר למודים, כדי צו מאכען דאס ווי א חיוב, אז אלע זאלען לערנען, און טאקי קענען, א בעשטימטען מינימום פון אלגעמיינע וויסענשאפטען. אויף וויטער איידער אט דעם מינימום זאלען זיין פרייוויליגע עקזאמענס פאר אלע סארטען למודים, פאר וועלכע די, וואס האלטען אויס דעם עקזאמען, מעגען פאדערן אן אטעסטאט. כדי צו פערהיטען, אז דער שטאאט זאל דורך אט די פלענער ניט קענען אויסאיבען א שעדליכען איינפלוס אויף דער פרייהייט פון מיינונגען, זאלען דעריבער די קענטניסע, וואס פאדערן זיך אויף אויסצוהאלטען דעם עקזאמען (אויסגענומען נאטירליך אזעלכע למודים ווי שפראכען, וועלכע זיינען נור מיטלען צו גרייכען וויסענשאפט), זיך שטרענג האלטען אפילו אין די העכערע קלאסען נור ביי די פאקטען און ביי די פאזיטיווע וויסענשאפטען אליין. די עקזאמענס וועגען רעליגיאן, פאליטיק און אנדערע למודים, ביי וועלכע עס זיינען פאראן חלוקי דעות, טארען ניט בעריהרען דעם פונקט, וואסער מיינונג איז פאלש און וואסערע איז אמת, נור זיי מוזען זיך בעציהען אויף די פאקטען, אז אזא און אזא מיינונג ווערט געהאלטען אויף די און די גרינדע, ביי די אדער יענע פערפאסער, שולען אדער סעקטען. דורך אזא סיסטעם וועט דער נייער דור זיין ניט ווענינער בע'הבנט אין די אלע מיינונגס־פער־

שיידענהייטען, ווי זיי זיינען איצטער; זיי ווילען קענען ערצויגען ווערען פאר אָרטאָדאָקסען אָדער רעפאָרמאטאָרס אקוראט ווי איצטער; דער שטאאט וועט נור אכטונג געבען, זיי זאָלען זיין בעלערנטע אָרטאָדאָקסען, אָדער בעלערנטע רעפאָרמאטאָרס. עס וועט פאר זיי קיין מניעה ניט זיין צו לערנען רעליגיאָן, אויב זייערע עלטערן ווילען, אין דיזעלבע שולען, וואו זיי לערנען אנדערע זאכען. יעדער פערזוך, וואָס דער שטאאט מאכט כדי צו קריגען אן איינפלוס אויף די מיינונגען פון זיינע בירגער בנוגע צו ענינים, וואו עס זיינען פאראן חלוקי דעות, זיינען א צרה; ער מעג אבער גאנץ ריכטיג זיך אונטערנעהמען אויסצוגעפינען און געבען א צייגענים דערויף, אז א געוויסע פערזאָן בעזיצט די נויטיגע קענטניסע אין געוויסע ענינים, און עס קען דעריבער זיין כדאי פאר אנדערע אויסצוהערען זיין מיינונג. א סטודענט פון פילאָזאָפיע וואָלט גאָר ניט אָנגעוואָרען דערביי, אויב ער וואָלט אויסגעהאלטען אן עקזאמען אי אין לאָק׳ס, אי אין קאנט׳ס סיסטעמען, הגם ער איז זיך אָנהענגער נור פון איינעם, אָדער גאר פון קיינעם ניט פון די ביידע: מען קען אויך גארניט אויסזעצען אנטקעגען עקזאמענירען אן אטעאיסט אין די ראיות פאר דעם קריסטענטום, כל זמן מען פערלאנגט ניט פון איהם ער זאָל דערקלערען, אז ער גלויבט אין זיי. די עקזאמענס, סיי ווי סיי, אין די העכערע צווייגען פון וויסענשאפט דארפען, נאָך מיין מיינונג, אין גאנצען זיין א פרייוויליגע זאך. עס וואָלט הייסען געבען א צו־געפעהרליכע מאכט אין די הענד פון רעגירונגען, ווען מען זאָל זיי לאָזען פערווערען א מענשען צו פראקטיצירען א פראָפעסיאָן, אפילו די פראָפעסיאָן פון לעהרער, מחמת די אָנגעגעבענע אורזאכע וואָס זיי פעהלט די נויטיגע פאָרבערייטונג דערצו. איך האלט מיט ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, אז די דיפּלאָמען אדער אנדערע אטעסטאטען פאר וויסענשאפטליכע אָדער פראָפעסיאָנעלע קענטניסע דארף מען געבען אלעמען, וועלכע שטעלען זיך צום עקזאמען און האלטען איהם אויס, אָבער אזעלכע אטעסטאטען דארפען זיי ניט געבען מעהר רעכט, איידער זייערע קאָנקורענטען אָהן דיפּלאָמען בע־

זיצען, א חוץ דעם געוויכט, וואָס דאָס פּובליקום קען לעגען אויף דעם פאקט, דאָס זיי האָבען אויסגעהאלטען אן עקזאמען.

עס איז ניט נור אין דעם פּרט פון ערציהונג אַליין, וואו די שלעכט־אַנגעווענדעטע בעגריפען פון פרייהייט דערלאָזען ניט איינזעהן די מאָראלע התחיבות, וואָס עלטערן האָבען, און אויך ניט די געזעצליכע התחיבות, וואָס מען דארף אויף זיי ארויפלעגען, אין פעלע, וואו עס זיינען אלע מאָל פאראנען די שטארקסטע גרינדע פאר די ערסטע, און א סך מאָל פאר די אנדערע התחיבות'ן אויך. דער פאקט גופא פון ברייגנען א נפש אויף דער וועלט איז איינער פון די העכסטע פעראנטווארטליכע אקטען אין לויף פון מענשליכען לעבען. אונטערנעהמען זיך אזא פעראנטוואָרטליכקייט — שאפען א לעבען, וואָס קען זיין א קללה אָדער א ברכה, — ווען מען איז ניט זיכער, אז ער וועט האָבען לכל הפּחות א געוועהנליכען שאנס צו פיהרען א לעבען, וואָס וועט איהם זיין ניחא, איז א פערברעכען אנטקעגען אָט דעם מענשליכען לעבען. און שאפען אין א לאנד, וועלכע, אדער זי איז שוין איבערפעלקערט, אדער זי האלט קרוב דערביי, מעהרער איידער א גאנץ קליינע צאהל קינדער, ארונטערזעצענדיג דורך די קאָנקורענץ וואָס זיי ברייגנען דעם ארבייטער'ס לוין, איז אן ערנסטע עולה אנטקעגען אלעמען, וועלכע מוזען לעבען פון דעם לוין פון זייער ארבייט. די געזעץ, וועלכע אין פיעלע לענדער ערלויבען ניט קיין חתונות, סיידען ווען דאָס פּאָרעל קען אויפווייזען, אז זיי האָבען די מיטלען אויסצוהאלטען א פאמיליע, טרעטען ניט אריבער די געזעץ־מעסיגע מאכט פון שטאאט; און צי אזעלכע געזעצען זיינען פראקטיש, צי ניין (א פראגע, וואָס העננגט מעהרסטענטיילס אָב פון אָרטיגע אומשטענדען און געפיהלען), קען מען אנטקעגען זיי גאָר ניט אויסזעצען ווי עולות אנטקעגען פרייהייט. אזעלכע געזעץ זיינען שטערונגען, וואָס דער שטאאט פיהרט איין, כדי צו פערווערען א בייזוויליגען אקט, — אן אקט, וועלכער איז שעדליך פאר אנדערע און דארף ווערען פערדאמט און בעצייכענט פון דער געזעלשאפט מיט א שאנד־פלעק, אפילו ווען מען האלט, אז עס איז ניט פראקטיש

צו־צולעגען נאָך א געזעצליכע שטראָף אויף. און דאָך וואָלטען די היינטיגע אידעען פון פרייהייט, וועלכע בויגען זיך אזוי גרינג אונטער די אמת׳ע אָנגריפען אויף אינדיווידועלע פרייהייט אין פרטים, וואס זיינען נוגע נור דעם יחיד, אָבשטויסען פון זיך יעדען צוים וואָס מען וואָלט וועלען אנטון אויף דאָס, וואס ווילט זיך דעם יחיד, — אפילו ווען די פאָלגען פון דעם אָבגעבען זיך צו די געלוסטען איז א מענשליך לעבען אדער לעבענס פון עלענד און פערדאָרבענהייט בנוגע דעם קינד, און אלערליי צרות, פאר אנדערע מענשען, וועלכע שטעהען גענוג נאָהענט צו זיי צו קענען ליידען וויפיעל עס איז פון זייערע מעשים. ווען מיר פערגלייכען פון איין זייט דעם משונה׳דיגען רעספעקט, וואָס מענשען האָבען פאר דער פרייהייט, און פון דער אנדער זייט, ווי משונה׳דיג זיי זיינען מבטל דעם דאָזיגען רעספעקט פאר איהר, וואָלט מען געקענט מיינען, אז זיי האָבען גאר א פערקעהרטען כלל: אז א מענש האָט א נייטווענדיגען רעכט צו טון אנדערע מענשען רעות, און ער האָט גאר קיין רעכט ניט צו טון וואס איהם געפעלט, ווען ער פערשאפט דעביי קיינעם קיין שמערצען ניט.

איך האָב געלאָזען אויף צו־לעצט א גרויסען קלאס פראגען מכח די גרענעצען פון געוויסע רעגירונגס־שטערונגען, וועלכע, גענוי בעטראכט, געהערען ניט צו אונזער ענין, הגם בכלל זיינען זיי ענג פערבונדען מיט איהם. דאָס זיינען אזעלכע פעלע, וואו די טעמים פאר ניט־אריינמישען זיך בעציהען זיך ניט אויפ׳ן פרינציפ פון פרייהייט: וואו די פראגע איז ניט וועגען ש ט ע ר ע ן די האנדלונגען פון די איינצעלנע מענשען, נור וועגען אריינמישען זיך זיי צו ה ע ל פ ע ן; — וואו עס פרעגט זיך, צי די רעגירונג זאָל טון, אדער זעהן עס זאָלען געטון ווערען געוויסע זאכען, וואס זיינען פאר זיי א טובה; אדער זי זאָל זיי לאָזען דאָס טון אליין, סיי יעדערען פאר זיך סיי דורך פרייוויליגע פעראייניגונגען.

די פונקטען, וועלכע מען קען אויסזעצען אנטקעגען דעם אריינמישען זיך פון דער רעגירונג אין אזעלכע פעלע, וואו עס שטעקט ניט קיין אָנגריף אויף פרייהייט, קענען זיין פון דרייערליי סאָרטען.

ערסטענס, בעת עס איז ניכר, אז די איינצעלנע וועלען טון וואָס מען דאַרף, בעסער איידער די רעגירונג וואָלט עס טון. בכלל גערעדט, טויג זיך קיינער ניט אזוי גוט צו פיהרען א געשעפט, אָדער צו בעשליסען ווי און פון וועמען עס זאָל געפיהרט ווערען, ווי די אייגענטימער, וועלכע זיינען פערזענליך פעראינטערעסירט אין דעם. אָט דער פרינציפּ פעראורטיילט דאָס אריינמישען זיך פון די געזעצגעבער אדער פון די רעגירונגס־בעאַמטע אין די געוועהנליכע גיינג פון דער אינדוסטריע, וואָס עס פלעגט אמאָל אזוי אָפט פאָרקומען. וועגען אָט דעם טייל אָבער פון דעם ענין האָבען די פּאָליטישע עקאָנאָמען שוין גענוג גערעדט, און עס איז סיי ווי סיי ניט בעזונדערס שייך צו די פרינציפּען פון אָט דעם בוך.

די צווייטע אויסזעצונג איז שוין פיעל מעהר שייך צו אונזער ענין. אין א סך פעלע וואו די איינצעלנע וואָלטען אפילו ניט געטון דורכשניטליך א געוויסע זאך אזוי גוט ווי די בעאַמטע פון ד'ער רעגירונג, איז פון דעסטוועגען דאָך מעהרער כדאי, אז די זאך זאָל געטון ווערען פון די איינצעלנע, איידער פון דער רעגירונג, צוליב דעם מיטעל, וואָס דאס קען זיין פאַר זייער גייסטיגער ענטוויקלונג, — א מין אופן ווי צו שטאַרקען די טהעטיגע פעהיגקייטען, אויסצואיבען זייער אורטיילס־קראַפט און צו געבען זיי א פּראַקטישע קענשאַפט מיט די זאכען, וואָס בלייבען פאַר זיי צו טון. אָט די ערקלערונג איז א גרויסער טייל, הגם ניט דער גאַנצער טעם, פון דער איינפיהרונג פון משפט'ן דורך געשוואָרענע (ניט רעדענדיג פון פּאָליטישע משפטים); פון דער איינפיהרונג פון פרייע און פּאָפּולערע אינסטיטוציעס אין שטעדט און אָרטיגע קהלות; פון לאָזען אָנפיהרען אינדוסטריעלע און פילאַנטראָפּישע אונטערנעהמונגען פון פרייוויליגע חברות און אסאָציאציעס. אָט די אַלע זאַכען זיינען ניט קיין פראגען פון פרייהייט, און זיי זיינען פערבונדען מיט אָט דעם ענין נור דורך גאַנץ ווייטע טענדענצען; זיי זיינען אָבער פראגען פון ענטוויקלונג. ביי אַן אנדער געלעגענהייט וואָלט מען דאַרפען זיך אָבשטעלען אויף אָט די פּונקטען, ווי אויף פּרטים פון נאציאָנאַל־בילדונג; ווי אויף אזעלכע, וואָס זיינען

באמת די אייגענטליכע ערציהונג פון בירגער: דער פּראקטישער טייל פון דער פּאָליטישער בילדונג פון א פרייען פאָלק, וועלכער נעהמט זיי ארויס פון דעם ענגען קרייז פון דעם פּערזענליכען און פאמיליען־עגאָאיזם און געוועהנט זיי צו צו בעגרייפען כלל־אינטערעסען און צו קענען אָנפיהרען געמיינשאפטליכע עסקים — וועלכער לערנט זיי צו טון געוויסע זאכען מיט דעם מאָטיוו, אין גאנצען אָדער האלב, לטובת הכלל, און וועלכער איז מדריך זייערע האנדלונגען לשם צוועקען, וואָס זאָלען זיי פעראייניגען, אנשטאט אָבזונדערן איינע פון די אנדערע. אָהן אזעלכע געוואָנהייטען און אהן אזעלכע קרעפטען קען א פרייע קאָנסטיטוציע ניט ארבייטען און קען זיך ניט האלטען; ווי מיר זעהען אביישפּיעל פון דער צו־אָפטער טבע פון פרייהייט צו פערשווינדען אין לענדער, וואו זי איז ניט געבויט אויף א גענוג זיכערען פונדאמענט פון לאָקאלע פרייהייטען. די פערוואלטונג פון ריין־לאָקאלע געשעפטען דורך די אָרטיגע געמיינדען און פון גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען דורך א פעראייניגונג פון די, וואָס גיבען פרייוויליג די נויטיגע געלד־מיטלען דערצו, קען מען ווייטער רעקאָמענדירען אויך צוליב די נוצען, וואָס קומען ארויס, ווי מיר האָבען שוין אויבען ערקלערט, פון אייגענארטיגקייט אין ענטוויקלונג און פערשיידענארטיגקייט אין די פאָרמען פון טהעטיגקייט. רעגירונגס־ארבייט האָבען א טבע צו זיין אומעדום גלייך. ביי איינצעלנע און ביי פרייוויליגע אסאָציאציעס זיינען, אין געגענטייל, פאראן פערשידענע עקספּערימענטען און ערפאהרונגען אָהן א סוף. דאָס איינציג ניצליכע, וואָס דער שטאאט קען טון, איז מאכען פון זיך א צענטראלע ביורא און אָננעהמען אויף זיך די ראָלע פון א טהעטיגען אגענט צו פערשפּרייטען ידיעות פון די רעזולטאטען, וואָס אלערליי עקספּערימענטען האָבען געבראכט. זיין ריכטיגער עסק איז צו העלפען יעדען איינעם צו ציהען נוצען פון אנדערע מענשענס׳ פּראקטיקע, ניט צו פארווערען אלע עקספּערימענטען א חוץ זיינע אייגענע.

דער דריטער און העכסט איבערצייגענדער גרונד, פאר וואָס

מען דארף בעשריינקען דאָס אריינמישען זיך פון דער רעגירונג, איז די גרויסע צרה, וואס קומט ארויס פון פערשטארקען איהר מאכט, ווען עס איז ניט נויטיג. יעדע אויפגאבע, וואָס מען לעגט צו צו די, וועלכע די רעגירונג האָט שוין צו ערפילען, שפּרייט אויס איהר איינפלוס איבער די בירגער, איבער זייערע האָפנונגען און זייערע שרעקען, אלץ ווייטער, און מאכט אלץ מעהר און מעהר פון דעם טהעטיגען טייל פון פובליקום, פון די מענשען מיט אמביציעס, נאָכשלעפּער פון דער רעגירונג, אָדער פון דער פּארטיי, וועלכע שטרעבט צו ווערען די רעגירונג. אויב די וועגען, די אייזענבאהנען, די באנקען, די פערזיכערונגס-געשעפטען, די גרויסע אקציען-געזעלשאפטען, די אוניווערזיטעטען און די עפענטליכע צדקה-אנשטאלטען וואָלטען אלע געוואָרען צווייגען פון דער רעגירונג; אויב דערצו נאָך וואָלטען די בעזונדערע עמטער פון דער קהלה און די לאָקאלע פערוואלטונגען מיט די אלע ארבייטען, וואָס עס פאלט אויס אויף זייער חלק, געווארען דעפּארטאמענטען פון דער צענטראלער אדמיניסטראציע; אויב די אָנגעשטעלטע פון אָט די אלע געשעפטען וואָלטען געקריגען זייערע שטעלען און שכירות פון דער רעגירונג און וואָלטען נור פון איהר געקענט ערווארטען ווען עס איז צו שטייגען העכער, — יעמאָלט וואָלט די גאנצע פרייהייט פון דער פרעסע און די גאנצע דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציע פון דער לעגיסלאטור ניט געקענט מאכען פריי, ניט די, ניט קיין אנדער לאנד, מעהרער ווי נור לפנים. און אלץ גרעסער וואָלט די צרה געוואקסען, וואָס ווירקזאמער און וויסענשאפטליכער די מאשינעריע פון דער אדמיניסטראציע וואָלט געווען געבויט, וואָס מעהרער פון די בעסטע קעפּ און פעהיגסטע הענד זי וואָלט זיך געקענט איינשאפען אויף צו טון די ארבייט. אין ענגלאנד האָט מען ניט לאנג צוריק פאָרגעשלאָגען איינצופיהרען א קאָנקורסנעם עקזאמען פאר אלע רעגירונגס-אָנגעשטעלטע, כדי צו בעזעצען אלע שטעלען מיט די העכסט אינטעליגענטע און אונטערריכטעטע פערזאָנען, וועלכע מען קען נור קריגען; און עס איז א סך געזאָגט און געשריבען געווארען אי פאר דעם פאָרשלאָג, אי אנטקעגען איהם.

איינער פון די ארגומענטען, וועלכען די געגנער פון דעם פאָרשלאג
האָבען שטארקער ארויסגעבראכט, איז געווען, אז די שטעלע פון
א בעשטענדיגען רעגירונגס־בעאמטען גיט ניט גענוג אויסזיכטען
אויף א גוטען געהאלט און א געהויבענע פאָזיציע, צו קענען צו־
ציהען די גרויסע טאלאנטען, וועלכע קענען אלע מאָל מאכען א
בעסערע קאריערע, אלס פראָפעסיאָנעלע מענשען, אדער אָנגעשטעל־
טע ביי די גרויסע פריוואט־געזעלשאפטען. קיינער וואָלט זיך ניט
גע׳חדוש׳ט, ווען אָט דער ארגומענט וואָלט געברויכט געוואָרען פון
די פ ר י י נ ד פונ׳ם פאָרשלאג פאר א ענטפער אויף דער הויפט־
שווערקייט דורכצופיהרען דעם פלאן. אז דאָס זאָלען גאר די געג־
נער געברויכען, איז ווירקליך א חדוש. אָט דאָס גופא, וואס ווערט
ארויסגעשטעלט ווי א סתירה, איז גראד דער „זיכערהייטס־דעקעל“,
וואָס ראטעוועט דעם גאנצען סיסטעם. אויב מען ו ו א ל ט ג ע־
ק ע נ ט צו־ציהען די גרעסטע טאלאנטען פון לאנד אָנצונעהמען
שטעלען ביי דער רעגירונג, וואָלט מען יעמאָלט באמת זיך געדארפט
שרעקען פאר דעם פאָרשלאג. אויב אלע געזעלשאפטליכע עסקים,
וואָס פאָדערן אָרגאניזירטע אדער גרויסע אומפאסענדע קענטניסע,
וואָלטען געלעגען אין דער רעגירונגס הענד, און אויב אלע רעגי־
רונגס־עמטער וואָלטען אומעדום געווען בעזעצט מיט די פעהיגסטע
מענשען, יעמאָלט וואלט די גאנצע קולטור און אינטעליגענץ פון
לאנד, מיט דער אויסנאהמע פון די ריין־פילאָזאָפישע דיינקער, גע־
וואָרען קאָנצענטרירט אין איין גרויסער ביוראָקראטיע, דער איינ־
ציגער, צו וועמען אלע בירגער פון לאנד וואָלטען געמוזט אָנקו־
מען : דער המון, זי זאָל איהם דיקטירען און פיהרען אין אלץ, וואָס
ער האָט צו טון ; די פעהיגע און די מענשען מיט אמביציעס, זי
זאָל זיי ארויפנעהמען העכער אויפ׳ן לייטער. צוגעלאָזען צו ווערען
צו די רייהען פון דער דאָזיגער ביוראָקראטיע און, זייענדיג דאָר־
טען, צו קריכען העכער — וואָלט געווארען די איינציגע אמביציע
פון אלע די, וועלכע שטרעבען עפּעס צו דערגרייכען. אונטער אזא
רעזשים איז ניט נור דער דרויסענדיגער עולם, וואָס האָט ניט קיין
פראקטישע ערפאהרונג, אונפעהיג צו קריטיקירען אדער אבצו־

שטעלען די ביוראָקראטישע מעטאָדען, נור אפילו אויב עס וואָלט זיך געמאכט על פי סבה אין א דעספּאָטישער רעגירונג, אדער בדרך הטבע אין דעם גאנג פון דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס, אז א געוועלטיגער אדער עטליכע געוועלטיגער מיט רעפאָרמאטאָרישע פליגען אין נאָז וואָלטען זיך ארויפגעקליבען אויפ'ן שפּיץ פון דער ממשלה, וואָלט קיין רעפאָרמע ניט געקענט איינגעפיהרט ווע־רען, וועלכע געהט להיפך צו די אינטערעסען פון דער ביוראָקראטיע. אָט אזא טרויעריגען צושטאנד געפינט מען אין רוסלאנד, ווי עס איז צו זעהן פון די בעריכטען פון מענשען, וועלכע האָבען געהאט גענוג געלעגענהייטען צו בעקענען זיך מיט די דאָרטיגע אומ־שטענדען. דער צאר אליין איז מאכטלאָז לגבי די ביוראָקראטישע קערפּערשאפט; ער קען יעדערן פון זיי פערשיקען אין סיביר, ער קען אָבער ניט רעגירען אָהן זיי אדער אנטקעגען זייער ווילען. זיי קענען צו נישט מאכען יעדען אוקאז זיינעם, אָבהאַלטענדיג זיך גאָר פשוט פון איינצופיהרען איהם אין קראפט. אין לענדער, וואָס האָבען א העכערע ציוויליזאציע און מעהר רעוואָלוציאָנערען גייסט, האלט דער עולם, וועלכער איז צוגעוועהנט צו דערווארטען, אז אלץ זאָל פאר איהם געטון ווערען פון דער רעגירונג, אדער אז מען מוז פאר אלץ ניט נור קריגען אן ערלויבניס, נור א פאָר־שריפט ווי עפּעס צו טון, — האלט בטבע דער עולם דעם שטאאט פערענטוואָרטליך פאר אלע צרות, וואָס ער שטעהט אויס; און ווען זיינע ליידען שטייגען אריבער די מאָס פון זיין גערולד, שטעלט ער זיך אויף און מאכט, וואָס מען רופט אָן, א רעוואָלוציע. גלייך דערויף אָבער קריכט אנאנדערער, צי מיט דער געזעצליכער אויטאָ־ריטעט פון פאָלק, צי אָהן דעם, ארויף אויפ'ן ביינקעל, גיט ארויס זיינע אוקאזען צו דער ביוראָקראטיע, — און אלץ געהט זיך ווייַ־טער אָן, ווי עס איז געגאנגען פריהער, ווארים די ביוראָקראטישע אָרדנונג איז ניט געענדערט געוואָרען און עס איז קיינער ניטאָ, ווער עס זאָל קענען פערנעהמען איהר פּלאַץ.

א גאנץ אנדער בילד שטעלט מיט זיך פאָר א פאָלק, וואס איז געוועהנט אליין צו פיהרען זיינע עסקים. אין פראנקרייך, וואו

א גרויסער טייל פון פאָלק האט געדינט אין דער ארמעע און פיעלע האָבען געגרייכט דעם ראנג פון אָפיציערען, געפינען זיך תמיד אין יעדען פאָלקס־אויפשטאנד עטליכע פערזאָנען, וועלכע זיינען גענוג קאָמפעטענט צו נעהמען אויף זיך די פיהרערשאפט און צו שאפען א נישקשה׳דיגען פלאן פון קאמפף. וואָס די פראנצויזען קענען בעווייזען אין מיליטערישע ענינים, קענען דאס די אמעריקאנער בעווייזען אין אלערליי ציוויל־עסקים. זאָל זיך מאכען, אז זיי בלייבען אָהן א רעגירונג, וועט יעדע אמעריקאנער קהלה גלייך קענען בעשאפען אנאנדערע, און יעדער בירגער וועט פיהרען דעם עסק מיט א רעכט ביסעל פערשטאנד, ארדנונג און ענטשלאָסענהייט. אָט אזוי דארף זיין יעדעס פרייע פאָלק. און א פאָלק, וואָס קען אזוי זיין, איז זיכער, אז עס וועט זיין פריי; ווארים עס וועט זיך קיינמאָל ניט לאָזען פערשקלאפען פון איינעם אדער פון א חברה מענשען, נור דעריבער ווייל יענע חברה־לייט זיינען בריות ארייננצוכאפען און ציהען די לייצעס פון דער צענטראלער אדמיניסטראציע. קיין ביוראָקראטיע קען ניט דערווארטען צו צווינגען אָט אזא פאָלק עפעס צו טון אדער עפעס צו פערליידען, וואָס עס וויל ניט ליידען. דאָרטען אבער, וואו אלץ ווערט געטון דורך דער ביוראָקראטיע, קען לחלוטין גארנישט געענדערט ווערען, אויב זי איז ווירקליך כנגד. די קאָנסטיטוציע פון אזוינע לענדער בעשטעהט פון דעם וואָס מען האָט אָרגאניזירט די ערפאהרונג און פראקטישע פעהיגקייט פון פאָלק אין איין דיסציפלינירטער קערפערשאפט, מיט דעם צוועק צו קענען רעגירען אלע איבעריגע; און וואָס מעהר פאָלקאָמען די דאָזיגע אָרגאניזאציע איז, וואָס מעהר ערפאָלגרייך זי איז אין צו־ציהען צו זיך און אויסבילדען פאר איהרע צוועקען די פעהיגסטע מענשען פון אלע קלאסען פון לאנד, אלץ מעהר פאָלשטענדיג איז אלעמענ׳ס קנעכטשאפט, די מיטגלידער פון דער ביוראָקראטיע גופא מיטגערעכענט. ווארים די רעגירער זיינען פונקט אזויפיעל די שקלאפען פון זייער אָרגאניזאציע און פון איהר דיסציפלין, וויפיעל די רעגירטע זיינען די שקלאפען פון זייערע רעגירער. א כינעזער מאנדארין איז פונקט

אזויפיעל דאָס ווערקצייג און די בעשעפענים פון דעם דעספּאָטיזם, וויפיעל דער געמיינסטער בויער. אן איינצעלנער יעזואיט איז ביז דער לעצטער שטופע פון ערנידערונג א שקלאף פון זיין אָרדען, הגם דער גאנצער אָרדען גופא עקזיסטירט דאָך נור פאר דער כלל־מאכט און גרויסקייט פון זיינע מיטגלידער.

מען דארף אויך ניט פערגעסען, אז דאָס אריינציהען פון די בעסטע קרעפטען פון לאנד אין דער רעגירענדער קערפּערשאפט ווערט פריהער אדער שפּעטער געפעהרליך פאר דער גייסטיגער טהעטיגקייט און פארטשריטליכקייט פון דער דאָזיגער קערפּער־שאפט גופא. געבונדען ווי זיי זיינען אלע צוזאמען, — אָנפיהרענ־דיג א סיסטעם, וועלכער מוז ווי אלע סיסטעמען געהן א גרויסען טייל ווי אויף רעדלעך, — האָט די גאנצע אָפיציעלע חברה אויס־צושטעהן דעם שטענדיגען נסיון פערזונקען צו ווערען אין דער רו־טינערער פוילקייט; אָדער, אויב זיי מונטערן זיך אויף מיט אמאָל און ווארפען אוועק זייער קריכעדיגען טרעט־מיהל גאנג, האָבען זיי א גרויסען נסיון אָנצוכאפּען זיך פאר א וועלכען עס איז אומגע־לומפּערטען פּלאַן, וואָס איז איינעם פון זייערע הויפּט־מאכער אריינגעפאלען אין קאָפּ. די איינציגע זאך וואָס קען זיי אָבהאלטען פון צו זיין אי פויל, אי ראשיג — צוויי נייגונגען, וועלכע זיינען אין אמת׳ן קרובים, הגם פון אויבען־אויף שיינט עס ווי א ווידערשפּרוך, — דער איינצי־גער רייץ־מיטעל, וואָס קען אויפהאלטען די פעהיגקייט פון אָט דער קערפּערשאפט גופא ביז צו א הויכען גראד, איז די געלעגענ־הייט קריטיקירט צו ווערען פון אנדערע פעהיגע מענשען, וועלכע שטעהען פון דרויסען פון דער ביוראָקראטיע. עס איז דעריבער אונבעדינגט נויטיג, אז, אונאבעהנגיג פון דער רעגירונג זאָלען זיך געפינען מיטלען, וועלכע זאָלען קענען אויסבילדען אזוינע פעהיגע מענשען און זיי געבען די געלעגענהייט און די פּראקטיקע, וועלכע מען מוז האָבען, כדי צו קריגען די ריכטיגע מבינות אין גרויסע פּראקטישע ענינים. אויב מיר זאָלען וועלען תמיד האָבען א פעהיגע קערפּערשאפט פון גוטע טוער, דערהויפּט א קערפּערשאפט, וואָס זאָל

קענען אליין עפּעס אויסגעפינען נייעס און זאָל זיין גרייט אויפצונעהמען פערבעסערונגען; אויב מיר ווילען ניט, אז פון אונזער ביוראָקראַטיע זאָל זיך אויסלאָזען א „פּעדאַנטען־קראַטיע“, — טאָר אָט די קערפּערשאַפט ניט איינשלינגען אלע בעשעפטיגונגען, וועלכע שאַפען און בילדען די פעהיגקייטען, וואָס די מענשהייט האָט נויטיג פאר איהר רעגירונג.

צו קענען געפינען דעם פונקט, וואו די רעות, וועלכע זייגען אזוי געפעהרליך פאר דער פרייהייט און דעם פאָרטשריט פון דער מענשהייט הויבען זיך אָן; אָדער ריכטיגער, אויסצוגעפינען דעם פונקט, וואו די רעות הויבען אָן אריבערצואוועגען די טובות, וועלכע קומען ארויס פון דער איינפיהרונג פון א כלל־מאכט, אונטער בעשטימטע ראשי־הקהל, כדי צו בעזייטיגען די שטרויכלונגען, וואָס ליגען אויפ׳ן וועג פון אלעמענ׳ס וואהלזיין; ארויסצובעקומען פון דער צענטראליזירונג פון מאכט און אינטעליגענץ אזויפיעל נוצען וויפיעל מעגליך, ניט איבערגעבענדיג אין דעם שטאאט׳ס הענד א צו־גרויסען חלק פון דער טהעטיגקייט פון כלל, — דאָס צו קענען איז איינע פון די שווערסטע און טיעפסטע אויפגאבען אין דער קונסט פון רעגירונג. עס איז מעהרסטענסטיילס א פראגע פון איינצעלהייטען, וואו מען מוז תמיד האלטען אין אויג א סך פערשיידענע אויסרעכענונגען און מען קען ניט אוועקשטעלען קיין אבסאָלוטען כלל. איך גלויב אבער, אז דער פראקטישער פּרינציפּ, אין וועלכען עס ליעגט זיכערהייט — דער אידעאל, וועלכען מען דארף האָבען פאר די אויגען; דער מאסשטאב, מיט וועלכען מען דארף מעסטען אלע פּלענער, וואָס מען שלאָגט פאר בייצוקומען די שוועריגקייטען, — קען איבערגעגעבען ווערען אין אָט די ווערטער: די גרעסטע פאנאנדערטיילונג פון מאכט — ד ע צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע — ביז דעם העכסטען גראד, וואָס איז ניט קיין סתירה צו ווירקזאמקייט; און פערקעהרט, די העכסט־מעגליכע צ ע נ ט ר א ל י ז א צ י ע פון אויסקונפט געבען, וועלכע זאָל פארשפּרייט ווערען פון צענטער אויף אומעדום. אָט דהיינו, אין פרט פון שטאדט־פערוואלטונג וואָלט זיין, ווי אין די ניי־ענגלאנד שטאאטען (פון

אמעריקא), א זעהר גענויע צוטיילונג צווישען די בעזונדערע בעאמטע, וועלכע ווערען אויסגעוועהלט פון די געמיינדען, פון אלע עסקים, וואס עס איז גלייכער מען זאל זיי ניט לאזען אין פריוואטע הענד; אבער א חוץ דעם ,וואלט אין יעדען דעפארטאמענט פון לאקאלע געשעפטען זיין א צענטראלע השגחה, וועלכע בילדעט א צווייג פון דער אלגעמיינער רעגירונג. דער ארגאן פון אט דער השגחה, אדער אויפזעהערשאפט, וואלט צוזאמענבריינגען אין איין מיטעלפונקט אלערליי ידיעות און ערפאהרונגען בנוגע צו דעם צווייג פון קהל'שע געשעפטען אין די ארומיגע לאקאלע פלעצער; אלע ידיעות פון אזעלכע טהעטיגקייטען, וואס מען קען בעקומען פון אנדערע לענדער, ווי אויך אלץ, וואס מען קען לערנען פון די אלגעמיינע פרינציפען פון פאליטישער וויסענשאפט. אט דער צענטראלער ארגאן זאל האבען א רעכט צו וויסען אלץ, וואס טוט זיך אין די ארטשאפטען, און זיין ספעציעלער חוב זאל זיין צו פארשפרייטען די קענטניסע, וואס מען איז דערגאנגען אין איין פלאץ צום נוצען פאר אלע אנדערע פלעצער. זייענדיג פריי, צוליב זיין געהויבענער שטעלונג און דעם אלגעמיין־בריטען קרייז פון בעאבאכטונג, פון די קליינליכע פאראורטיילען און די ענגע מיינונגען פון א דארף־געמיינדע, וועט זיין עצה גאנץ נאטירליך האבען א גרויס געוויכט; בנוגע אבער צו זיין פאקטישער מאכט, ווי א בעשטענדיגע אינסטיטוציע, איז מיין מיינונג, אז זי טאר ניט געהן ווייטער, א חוץ צווינגען די ארטיגע בעאמטע צו פאלגען די געזעץ, וואס מען האט געמאכט פאר זייער הנהגה. אין אלע איבעריגע זאכען, פאר וועלכע עס זיינען קיין קלארע רעגעלן ניטא, דארפען די דאזיגע בעאמטע האנדלען, ווי זיי פערשטעהען, און אבגעבען דין וחשבון פאר אלץ, וואס זיי טוען, צו זייערע בעלי־בתים, די וועהלער פון די געמיינדען. פאר עובר זיין די רעגעלן דארפען זיי זיין פעראנטווארטליך צום געזעץ, און די רעגעלן גופא דארפען ווערען געמאכט פון דער לעגיסלאטור (די געזעצגעבענדע קערפערשאפט); די צענטראלע אדמיניסטראטיווע מאכט (קען די רעגעלן אליין ניט בעשטימען. — כ.); זי דארף נור אויפפאסען די רע־

געלן זאָלען אָבגעהיט ווערען; און אויב זי געפינט, אז מען היט זיי ניט אָב ריכטיג, דארף זי זיך ווענדען, לויט ווי עס קומט אויס, אָדער צו די געריכטען זיי זאָלען צווינגען די אָרטיגע בעאמטע צו היטען דעם געזעץ, אָדער צו די געמיינדען אליין, אז זיי זאָלען ארונטערזעצען די בעאמטע, וועלכע האָבען איהם ניט אָבגעהיט לויט זיין ריכטיגען זין.

אָט אזא אלגעמיינע אויפפאסונג ליגט אין עצם פון דער צענטראלער השגחה, וואָס די "פּור־לאָ" (חק לעניים) פערוואלטונג דארף פיהרען איבער די, וואָס זיינען ממונה אויף די „קצבה פאר אביונים" פון גאנצען לאנד. וואָס די דאָזיגע פערוואלטונג האָט זיך גענומען מעהר מאכט, וויפיעל דער גרעניץ ערלויבט, איז גראד אין דעם פאל געווען נויטיג און גערעכט, כדי אויסצוראָטען די איינגעווארצעלטע פעהלערן פון א שלעכטער אדמיניסטראציע אין אזעלכע זאכען, וואָס האָבען אָנגעגריפען ניט נור די קליינע דערפּ־לעך, נור אויך די גאנצע געמיינדע; ווארים קיין דאָרף האָט ניט קיין מאָראלען רעכט צו פערפיהרען ביי זיך, דורך שלעכטע פער־וואלטונג, א נעסט פון קבצנים, וואָס לעבען פון קצבה, וועלכע פערפלייצען געוועהנליך אויך די ארומיגע דערפער און פאלען צו לאסט און ברייגגען שאָדען דעם מאָראלען און פיזישען מצב פון דער גאנצער ארבייטער געמיינדע.*) אזא מאכט פון אדמיניסטרא־טיווען צוואנג און אייגענער געזעצגעבונג, וואָס די „פּור־לאָו" פער־וואלטונג בעזיצט (וועלכע אָבער זי בענוצט נור ווייניג, צוליב דער אונפריינדליכער שטימונג, וואָס הערשט מכח דעם ענין), הגם עס

*) אין דער צייט ווען דאָס בוך איז געשריבען געוואָרען זיינען אין ענגלאַנד פאָרגעקומען היציגע פּאָליטישע מחליקות וועגען די קצבה וואָס די אָרימע לייט האָבען געקריגען פון זייערע געמיינדען און וועגען די רעפאָרמען, וואָס די פּור־לאָא פערוואַלטונג האָט געזוכט איינ־צופיהרען. דער פערפאַסער בערעכטיגט דאָ פערביי־געהענדיג די ארבייט פון יענער פערוואַלטונג, וועלכע האט איצטער שוין כמעט אין גאַנצען פערלאָרען איהר אַמאָליגען אינטערעס. — דער איבערזעצער.

איז פאָלקאָם בערעכטיגט אין א פאַל פון זעהר א גרויסער נאציאָ־נאלער וויכטיגקייט, וואָלט געווען גאָר אין גאנצען אויסען פּלאַץ אין דעם פאל פון אויפזעהערשאפט פון ריין אָרטיגע אינטערעסען. אבער א צענטראַלער אָרגאַן צו פערשפּרייטען ידיעות און בעריכ־טען איבער אַלע אָרטשאפטען וואָלט האָבען פּונקט אזא ווערטה פאר אַלע אדמיניסטראטיווע אָבטיילונגען. א רעגירונג קען גאָר ניט האָבען צופיעל אזעלכע טהעטיגקייט, וועלכע שטערט ניט, נור אדרבא רופט ארויס אן אָנשטריינגונג און העלפט די ענטוויקלונג פון יעדען יחיד. דער אומגליק הויבט זיך אָן, ווען אנשטאט ארויס־צורופען די טהעטיגקייט און די קרעפטען פון די איינצעלנע און פון חברות, שטעלט זי ארויס איהר אייגענע טהעטיגקייט; ווען אנ־שטאט צו געבען זיי אויסקונפט, אן עצה און, ווען נויטיג, זיך אָנ־בייזערן אויף, צווינגט זי זיי צו ארבייטען מיט געבונדענע הענד, אָדער הייסט זיי גאָר אין גאנצען שטעהן אָן א זייט, און זי טוט אליין זייער ארבייט אנשטאט זיי. דער ווערטה פון א שטאאט איז נאָך אַלעמען דער ווערטה פון די איינצעלנע, וואָס שטעלען איהם צוזאמען. דער שטאאט אָבער, וועלכער לעגט אָב זייערע אינטער־רעסען, די אינטערעסען פון זייער גייסטיגער ענטוויקלונג און ערהויבונג, צוליב אביסעל מעהר אדמיניסטראטיווער געניטקייט, אדער נור צוליב אביסעל כלומר׳שטדיגער געשיטקייט, וואָס מען קריגט דורך פּראקטיקע אין די איינצעלהייטען פון א געשעפט; דער שטאאט, וועלכער מאכט זיינע מענשען פאר קארליקעס, כדי זיי זאָלען זיך לייכטער לאָזען בויגען אין זיינע הענד, אפילו ווען זיין כונה דערביי איז צו גוטען, — אזא שטאאט וועט אויסגעפינען, אז מיט קליינע מענשען קען מען קיין ווירקליך גרויסע זאכען ניט אויפטון, און אז די פאָלקאָמענהייט פון דער מאשינעריע, צוליב וועלכער ער האט אלצדינג געאָפּפערט, וועט סוף כל סוף איהם גאָר ניט העלפען, ווייל עס פעהלט אין איהר די לעבעדיגע קראפט, וועל־כע ער האָט, כדי די מאשין זאָל ארבייטען אביסעל גלאטער, אליין בידיים פערטריבען.

ע נ ד ע.

# קאטאלאג

פון די

# אינטערנאציאנאלע ביבליאָטהעק

| | פרייז |
|---|---|
| פיליפ קראנץ, קולטור געשיכטע, 1טער באנד, געבונדען.... | $ .75 |
| " " " " 2טער " " .... | .75 |
| " " " " 3טער " " .... | .75 |
| " " " " 1טער " פאפיער.... | .60 |
| " " " " 2טער " " .... | .60 |
| " " " " 3טער " " .... | .60 |
| " " פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען...... | .75 |
| " " " " פאפיער...... | .60 |
| " " אמעריקא פאר קאָלומבוס, געבונדען........ | .50 |
| " " יציאת מצרים .................. | .15 |
| " " וואָס הייסט נאציאָן ................ | .10 |
| " " אריסטאָטעל ביאָגראפיע...... | .10 |
| " " ברוך שפינאזא " ...... | .15 |
| " " שבתי צבי " ...... | .15 |
| " " יאָזעפוס פלאוויוס " ...... | .15 |
| " " בר כוכבא " ...... | .15 |
| " " לעסינג און מענדעלסאָהן " ...... | .25 |
| " " די פאמיליע ראָטהשילד " ...... | .15 |
| " " דון יצחק אברבנאל " ...... | .15 |
| " " מאָהאמעד " ...... | .15 |
| " " מעיערבעער " ...... | .15 |

| | פרייז |
|---|---|
| מאררים ראזענפעלד, שריפטען, 1טער באַנד, געבונדען | 1.00 |
| " " " 2טער " " | 1.00 |
| " " " 3טער " " | 1.00 |
| " " היינריך היינע, ביאָגראפיע | .15 |
| " " יהודה הלוי " | .15 |
| ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 1טער באנד | .50 |
| " " " 2טער " | .50 |
| " " אייזיק שעפטעל, דראמא | .15 |
| " " זרבבל | .5 |
| דר. קאספע, מעכאַניקע | .10 |
| " " כעמיע | .15 |
| " " אַסטראָנאָמיע | .15 |
| יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, געבונדען | 1.00 |
| י. גאָרדין, ערצעהלונגען | .50 |
| " " גאָט, מענש און טייוועל | .25 |
| " " סאפפהא | .25 |
| " " אלישע בן אבויה | .15 |
| " " דער אונבעקאַנטער | .20 |
| " " די אמת'ע קראַפט | .20 |
| " " וואלטער, ביאָגראַפיע | .10 |
| מאקסים גאָרקי, ערצעהלונגען | .15 |
| " " אינטערוויום | .15 |
| ליעוו טאָלסטאָי, איינציגער מיטעל | .5 |
| " " פאטריאָטיזמוס און רעגירונג | .5 |
| " " צום ארביימער פאָלק | .15 |

| | פרייז |
|---|---|
| דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע | .40 |
| ז. ליבין, געקליבענע סקיצען | .50 |
| מ. באַראנאָוו, דער מענש און די נאַטור | .10 |
| ה. אלעקסאנדראָוו, טאָלסטאָי, ביאָגראַפיע | .10 |
| ב. פייגענבוים רמב"ם " | .10 |
| מ. וויערניק, רב סעדיה גאון " | .10 |
| " " דער ווילנער גאון " | .10 |
| מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב " | .10 |
| ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן, ביאָגראַפיע | .15 |
| לעאָפּ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא | .20 |
| הענריק איבסען, דיא גייסטער " | .20 |
| „קניאז פאטיאמקין" | .20 |
| דר. ש. פעסקין, סטרייקס | .5 |

אדרעסירען:

**A. M. EVALENKO,**

**140--142 W. 27th ST.**

**NEW YORK.**

## פאלגענדע ווערק יוערען פערפערטיגט צום דרוק:

אַ פאָלשטענדיגע אויסגאבע פון י. ל. פרץ'ס שריפטען
דר. ח. זשיטלאָווסקי'ס שריפטען
ליעסינ'ס געזאַמעלטע ליעדער
יודישע פאָלקס־ליעדער געזאַמעלט פון י. ל. כהן
מילל'ס פרייהייט, איבערזעצט פון דר. י. מעריסאָן
דער מטורף, דראמא אין 4 אקטען, פון יעקב גאָרדין
יעקב גאָרדינ'ס ערצעהלונגען, צווייטער באַנד
ל. טאָלסטאָי'ס די שקלאפעריי פון אונזער צייט
" " דער סוף פון דער היינטיגער וועלט
" " די אויפשטעלונג פון גיהנם
" " וועגען דער געזעלשאפטליכער בעוועגונג אין רוסלאַנד
" " תחית המתים
היינעס געדיכטע, איבערזעצט פון ד. פינסקי
סאקראטעס, אַ ביאָגראַפיע פון דר. ק. פאָרנבערג
געקליעבענע ערצעהלונגען פון גיואי דע מאפאסאן, איבערזעצט
פון י. ענטין